STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00012

# DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Peter R. & Alice N. Levin*
*in memory of*
*Nathan S. Levin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
# צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
# דוד פינסקי

## ערשטער באנד.

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו־יארק.
תר״פ — 1920

י. ל. פרץ

# ליעדער

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו-יארק.

Copyright 1920 by

JEWISH BOOK AGENCY



# פארוואָרט

פון

דוד פינסקי.

## פולשטענדיגקייט.

די פארליגענדע אויסגאבע פון די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ, וועלכע דער פארלאג „אידיש" האט אונטער־גענומען און אויסגעפיהרט מיט דער גרעסטער פינקטליכ־קייט אין קוים א יאהר צייט, איז די פולשטענדיגסטע און גענויעסטע פון אלע אויסגאבען פון די שריפטען פון אונזער גרויסען שריפטשטעלער. און נישט וויל זי נעמט אריין די ווערק, וועלכע י. ל. פרץ האט אנגעשריעבען, נאכדעם ווי יענע אנדערע אויסגאבען זיינען ערשינען, נאר זי נעמט אויך אריין עלטערע און עלטסטע ווערק, וועלכע זיינען אין די פריערדיגע אויס־גאבען נישט אריין.

איך וואלט אפשר געזאגט, אז זי איז די פול־שטענדיגע אויסגאבע, אויב איך וואלט נישט געדענקט, אז אפשר זיינען נאך פאראן מאנוסקריפ־טען, איבערגעבליבענע האנדשריפטען, וועלכע פרץ האט צוליעב פארשיעדענע אורזאכען נישט פערעפענט־ליכט ביי זיין לעבען. ווי ווייט איך געדענק פון די דריי יאהר (1893-1896), אין וועלכע איך בין געווען געבענשט צו ארבייטען מיט איהם צוזאמען, האט י. ל. פרץ שטענ־דיג געשריעבען. ער האט געשאפען אויף זיינע שפא־צירגייננ, געשאפען, שטעהענדיג ביי זיין טיש אין דער ווארשעווער גמינע, איז אין דער היים ביי זיך זעלטען לעדיג געזעסען, און גאנץ אפט פלעגט ער פארברייננגען ביי זיין שרייבטיש גאנצע נעכט ביז „כעלות". ביי אזא שא־

פונגם-פליסיגקייט האָט ער זיכער מעהר אויפגעשריבען, ווי ער האָט פאַרעפענטליכט. איך געדענק זיינע א יוגענד-שריפט, וועלכע איז קיינמאָל נישט פערעפענטליכט גע-וואָרען — א גרויסע פּאָעמע „וואו נעם איך א העלד?" געשריבען אין דעם סטיל פון בייראָנס „טשיילד האַראָלד" און אין דער ביירואנשער שטימונג, קיינמאָל נישט געענ-דיגט געוואָרען, אָבער, ווי · ווייט איך וויים, אויך קיינמאָל נישט פערניכטעט. עס מוזען אויך ערגעץ זיין, אין זיינע איבערגעבליבענע ארכיוועז אָדער ערגעץ וואו אַנדערש, זיינע ערסטע ליטעראַרישע פערזוכען, די לידער, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אלס יונג בחור׳ל ביי זיין טאַטען אין דער היים אין זאמאָזשץ, וואו זיי זיינען אפילו געזונגען געוואָרען. די אלע מאַנוסקריפּטען, ווי פיעלע שפּעטערע, דאַרפען נישט פעהלען אין א פולשטענדיגער זאמלונג פון זיינע ווערק, כאָטש ער האָט זיי נישט געוואָלט פערעפענטליכען, ווייל ער האָט זיי נישט געפונען ראוי דערצו. אבער איצטער זיינען זיי שוין געשיכטע. ליטעראַטור-געשיכטע. די ווערק, וועלכע זיינען געבליבען נישט פערענדיגט און נישט גע-דרוקט, ווייל זיי האָבען דעם דיכטער אליין נישט צופריי-דענגעשטעלט, לאָזען נאָך מעהר ווי די פערענדיגטע און געדרוקטע, אריינקוקען אין דעם שאַפונגס-פּראָצעס פון דעם דיכטער.

דער פאַרלאַג וויים דאָס אלץ, אָבער די צושטענדען אין וואַרשוי האָבען יעדע זוך-אַרבייט געמאַכט פאַר אונמעג-ליך. ביז יעצט איז דעם פאַרלאַג געלונגען אויסצוגעפי-נען בלויז איין כתב-יד — דעם אַרטיקעל „נאָך גראָסער׳ס לויה", וועלכער איז אריין אין דעם דרייצעהנטען באַנד פון דער פאַרליגענדיגער אויסגאַבע. זאָלען זיך אָבזוכען נאָך מאַנוסקריפּטען, וועלען זיי גאַנץ בעשטימט צוגעגע-

בען ווערען אין א ווייטערען באנד, און אפילו אין ווייטע־
רע בענד.

פון שטאנדפונקט פון פולער פולשטענדיגקייט האט
מען אפשר געדארפט אריינגעבען די פערשיעדענע ווא־
ריאציעס פון פערשיעדענע ווערק פון י. ל. פרץ. אונזער
דיכטער האט ליעב געהאט צו ארבייטען אויף זיינע ווערק.
צו ארבייטען און איבערצוארבייטען. עס זיינען פאראן
ביי איהם פערשידענע נוסחאות פון זיינע דראמען „די
גאלדענע קייט", „ביי דער נאכט אויפ'ן אלטען מארק",
„אין פאליש אויף דער קייט", „שוועסטער" און נאך אנדע־
רע ווערק. אבער דאס וואלט געמאכט די אויסגאבע שוין
מעהר אן אויסגאבע פאר ספעציאליסטען, און דאס איז נישט
געוועזען די אבזיכט פון די פערלעגער. עס איז אריין
דערפאר אין אונזער אויסגאבע זיין אייגענע לעצטע רע־
דאקציע פון די פערשיעדענע ווערק. דאס, וואס ער אליין
האט געהאלטען פאר בעסער, פאר פארטיגער, איז גוט גע־
נוג פאר דער ווייטערער פערשפרייטונג צווישען דעם
גרויסען עולם. דאך פאר ספעציאליסטען און ליעבהאבער
וועט נאך ערשיינען א באנד מיט די פערשידענע וואריא־
ציעס, ענדערונגען און שלייפונגען.

און אזוי איז אריין אין דער פארליגענדער אויסגאבע
אלץ, וואס י. ל. פרץ האט פארעפענטליכט אין פאעזיע
און אין פראזע, אין ערצעהלונגען, דראמען און פובליציס־
טיק (אויסער עטליכע פאפולער־וויסענשאפטליכע אב־
האנדלונגען, וועלכע ער האט פערעפענטליכט אונטער
דעם נאמען פון דר. שטיצער און וועלכע זיינען דאס רוב
געוועזען בלויז בעארבייטונגען פון פרעמדע וויסענשאפט־
ליכע ווערק). גארנישט איז אויסענגעבליבען, סיידען עס
איז געבליבען פארבארגען פון די פלייסיגע זוך־אויגען פון
די צוזאמענקלייבער פון דעם גרויסען מאטעריאל. און

פאַרבאַרגען האָט עס געקאָנט בלייבן דורך דעם זעחר אונגינסטיגען, כמעט אונמעגליכען פערקער מיט ווארשוי און אויך דורך דעם אומשטאַנד, וואָס י. ל. פרץ האָט גע־ברויכט די פערשידענסטע פסוידאנימען, פלעגט זיך צולע־גען פערשידענע שרייבער־נעמען. אזוי האָט ער זיך אונ־טערגעשריבען פלאי, לצפר, בן תמר, לאַמפּענפּוצער, היתום מנעמיראָוו, דער לץ פון דער רעדאַקציע, ל. פינקעל, י. ל. צופּעליג, ישראל שווערגעמוט. נאָר פלייסיגע אויפ־מערקזאמקייט האָט אויפגעדעקט, צום ביישפּיעל, אז י. ל. צופּעליג און ישראל שווערגעמוט זיינען פרץ'ס פסוידא־נימען. אָבער עס איז מעגליך, אז איינער אָדער צוויי פּסוידאָנימען זיינען דאָך פאַרבאָרגען געבליבען. נאָר ביז וואנען דאָס וועט נישט באַוויזען ווערען, גלויבט דער פאַרלאַג, אז ער קאָן בעהויפּטען, אז אין דער פאַרליגענדער אויסגאבע איז אריין אלץ, וואָס פרץ האָט פארעפענט־ליכט אונטער זיין נאָמען און אונטער די אויבען אויסגע־רעכענטע פסוידאנימען.

## די אָרדנונג.

נישט מיט דעם אליין אונטערשיידט זיך די פאַרלי־גענדיגע אויסגאבע פון אלע פריערדיגע, וואָס זי איז די פולשטענדיגסטע. זי איז אויך פערשידען פון זיי אין דער צוזאַמענשטעלונג, דער אָרדנונג פון די ווערק און די בענד. די פריערדיגע אויסגאבען זיינען אפילו ערשיענען ביי פרץ'עס לעבען, און זיכער האָט ער אנטייל גענומען אין דער אַזוי־צו־זאָגענדיגער סאָרטירונג פון די פערשידענע ערצעהלונגען, דאָך האָבען מיר זיך ערלויבט צו מאַכען גרויסע ענדערונגען. מיר האָבען זיך בעשטרעבט ארויס־צוברייננען א געוויסע גאַנצקייט, וועלבע פרץ האָט אפשר נישט געהאט אין זינען.

מיר האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דער כראָנאָלאָגישער מעטאָדע, וועלכע איז וויכטיג וויסענשאַפטליך און איז די נאַטירליכסטע מעטאָדע נאָך דעם דיכטערס טויט, ווען זיין שאַפען האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אייביג. אָבער זי וואָלט צושטריים יעדען איינציגען באַנד אויף אַלע שבע ימים פון דער מעהרפאַכיגקייט פון פרץ׳עס שאַפענדיגער פערזענליכקייט. נאָר אין זיין פובליציסטיק האָבען מיר זיך געקאָנט האַלטען אָן דער כראָנאָלאָגיע, אין דער בעלעטריסטיק האָבען מיר זיך בעסער געהאַלטען אָן אינהאַלט*) און אַזוי זיינען די ערצעהלונגען אריין איינע נאָך די אנדערע אין דעם צוזאַמענהאַנג פון א שטימונג אָדער אָן אידעע. אפילו איינער פון זיינע בערימטעסטע בענד, די „פאָלקסטימליכע ערצעהלונגען״, צייכענט זיך אוים אין אונזער אויסגאַבע נישט בלויז מיט זיין פולשטענדיגקייט, וואָס אין איהם זיינען אריין פאָלקסטימליכע ערצעהלונגען, וועלכע זיינען אין די פריערדיגע נישט געווען, נאָר אויך מיט א גרעסערער איינהייטליכקייט אין דער אָרדנונג פון די איינצעלנע ערצעהלונגען. ווי אויך מיט דעם, וואָס מיר האָבען ארויסגענומען פון איהם דאָס גרויסע מעשה׳לע „דריי חופות״, וואָס בעלאַנגט אבסאָליוט נישט צו די פאָלקסטימליכע ערצעהלונגען, נישט נאָך דעם אינהאַלט און נישט נאָך דער שטימונג.

אָט די גרעסערע איינהייטליכקייט וועט דער לעזער לייכט מערקען אין דעם באַנד, אין וועלכען עס זיינען אריינגעקומען די חסידישע ערצעהלונגען, ווי בכלל אין אַלע בענד. איך בין זיך אבער מודה, אז דורך א פערזעהן

*) אין א שפּעטערען באַנד, צוזאַמען מיט די וואַריאַציעס פון ווערק, וועט דער פערלאַג ארייגעבען אויך די פולשטענדיגע כראָנאָלאָגיע פון אַלע שריפטען פון י. ל. פרץ.

האָבען עטליכע ערצעהלונגען נישט פערנומען דעם אָרט, וועלכען זיי האָבען געדאַרפט. אַזוי, צום ביישפיעל, געהערט „דעם קלעזמערס טויט“ נאָך דער שטימונג נאָך היינטער „דער משולח“.

## די אָרטאָגראַפיע.

די אָרדנונג פון די ערצעהלונגען איז נישט דאָס איינציגע, אין וואָס מיר האָבען זיך דערלויבט אָבצוטרעטען פון פּרץ'ען אַליין. מיר האָבען אויך געענדערט גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע, די אויסלעגעכטס פון די ווערטער. מיר האָבען נאָכגעגעבען דעם גייסט פון דער צייט, נאָכגעפאָלגט דער ענטוויקלונג, וועלכע די אויסלעגעכטס פון די ווערטער מאַכט דורך אין דער אידישער שפּראַך. מיר זיינען אָבער נישט אוועק צו דעם עקסטרעם, וועלכען ראַדיקאַלע וואָרטברעכער האָבען אָנגענומען און וואָלטען געוואָלט איינפיהרען. מיר זיינען געבליעבען שטעהן אַזוי צו זאָגען אויפ'ן האַלבען וועג, ביי די אָנגענומענסטע רעפאָרמען אין דער אידישער אויסלעגעכטס, וועלכע וועלען נאָך על כל פנים א לאַנגע צייט בלייבען די אַלגעמיינסטע און די אַנערקענטסטע. מיר האָבען זיך דאָס דערלויבט מיט דעמזעלביגען רעכט, מיט וועלכען די ענגלישע און די דייטשע ליטעראַטורען האָבען מיט דער צייט געענדערט די אָרטאָגראַפיע פון זייערע קלאַסיקער. און נאָך מעהר האָבען מ י ר עס געקאָנט, ווייל פּרץ אַליין האָט עטליכע מאָל געענדערט זיין אויסלעגעכטס, געשטופּט פון דעם גייסט פון דער צייט. די אָרטאָגראַפיע פון דער יובילעאום-אויסגאַבע איז שוין נישט געוועזען מעהר די אָרטאָגראַפיע פון די שפּעטערע אויסגאַבען.

אויף מעהר האָבען מיר נישט אויסגעשפּרייט אונזער

רעדאַקציע. מיר האָבען אָפט חשק געהאַט צו ענדערן אַ פּויליש וואָרט אָדער אַ הויך־דייטש וואָרט אויף אַ מעהר פערשטענדליך אידיש וואָרט. מיר וואָלטען דאָס אויך גע־קאָנט מיט דעם רעכט, וואָס פּרץ איז אין דעם לויף פון די יאָהרען אלין מעהר אידישער געוואָרען אין זיין שפּראַך. אָבער דאָך האָבען מיר זייגע פּרעמדע ווערטער נישט אָנ־גערירט, זיי וועלען קיינמאָל נישט ווערען אידישע ווער־טער, זיי וועלען פון קיינעם נישט איבערגענומען ווערען, אין דער אידישער שפּראַך נישט איינבירגערן זיך. אָבער זיי זיינען געווען פּרץ'עס ווערטער, און זיי טאָרען נישט אויסגעמעקט ווערען.

מיר האָבען געשטרעבט אַרויסצוברייגגען די ווערק לגמרי אָהן גרייזען, און מיה און געלט זיינען נישט גע־זשאַלעוועט געוואָרען אויף צו מאַכען די גענויעסטע קאָ־רעקטורען. דאָך זיינען מיר נישט זיכער צי עס האָבען זיך נישט אַריינגע'גנב'עט דרוק־פעהלער און פאַרגרייזונגען. דאָס זיינען די פערגרייזטקייטען פון די געדרוקטע עקזעמפּליאַרען אָדער אַבשריפטען, וועלכע מיר האָ־בען בענוצט. ווערטער האָבען געפעהלט אָדער זיינען געוועזען צודרעהט, אין אַן אָרט אָדער צוויי האָבען פי־לייכט שורות געפעהלט, און עס איז אונז אונמעגליך גע־וועזען אויפצושטעלען דעם גענויען טעקסט. צום גליק, זיינען אַזעלכע פערגרייזטקייטען זעהר ווייניג, טאַקע נאָר געצעהלטע.

האָפענטליך וועט דעם פערלאַג געלינגען די ווייטע־רע אויפלאַגען אויסצורייניגען פון די עטליכע פער־גרייזטקייטען. ווארום דאָס איז זיין גרעסטע אַמביציע אַרויסצוברייגגען די ווערק פון אונזער גרויסען שריפט־שטעלער מיט דערזעלביגער פּינקטליכקייט און פעהלער־לאָזיגקייט, צו וועלכער עס האָבען געשטרעבט די אַבשרייַ־

בער און אַרויסגעבער פון אונזער אַלטער ליטעראַטור. און ליעבע און דרך ארץ פעהלט איהם נישט.

## ביאָגראַפישעס.

א טייל פון פּרץ'ס לעבענסבעשרייבונגען וועט דער לעזער געפינען אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע „זכרונות" אין דעם דרייצעהנטען באַנד פון דער פאַרליגענדער אויסגאַבע. דאָס ווייטערע מוז נאָך ערסט געזאַמעלט ווערען. ווייטער ווי פון זיינע יוגענדיאַהרען, וועלכע פּרץ בעשרייבט אין זיינע „זכרונות", איז אויך דער אַרטיקעל אין דעם „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור" קוים אַוועק. די פּרץ-ליטעראַטור נאָך זיין טויט האָט אויך וועניג ביאָגראַפישעס אַרויסגעבראַכט. שווערע יאָהרען זיינען געוועזען די לעצטע פינף יאָהר אין דעם פּויליש-אידישען לעבען, און מען האָט זיך נישט געקאָנט אבגעבען מיט זאַמעל-אַרבייט. אָדער — אפשר איז די אַרבייט דאָך געטאָן געוואָרען, נאָר איז זי נאָך נישט פערעפענטליכט געוואָרען. אפשר וועט זיך געפינען אונטער זיינע מאַנוסקריפּטען, וועלכע איך בין חושד, אז זיי זיינען געבליעבען, די פאָרטזעצונג פון זיינע „זכרונות", אָבער פאַרלויפיג פעהלט אונז דאָ דאָס מאַטעריאַל פאַר אַן אויספיהרליכער ביאָגראַפיע. איך קאָן זי נאָר אָנגעבען אין קורצען, ווי זי שוועבט פאַר מיינע אויגען.

מיר איז גאַנץ אונבעקאַנט, ווי פּרץ האָט געלעבט אין זיין געבורטס-שטאָדט זאַמאָשץ, ביז ער איז געקומען אין וואַרשוי אין 1889. ער פאַרלעבט דאָרטען זיין קינדהייט, זיין יוגענד און די בעסטע יאָהרען פון זיין מאַנהייט. אין וואַרשוי קומט ער שוין אַן א מאַן ארום פיערציג. די „זכרונות" ענדיגען זיך מיט זיין

חתונה האָבען. ער האָט אבער מיט זיין פרוי, וועלכע די עלטערן האָבען פאַר איהם אויסגעקליבען, נישט לאַנג גע־לעבט. אין ווארשוי קומט ער שוין מיט זיין צווייטער פרוי, דער איצטיגער אלמנה, און מיט זיין איינציגען זוהן יוליאן, פון דער ערסטער פרוי, וועלכער האָט איהם נאָר א קורצע צייט איבערגעלעבט.

זיין בעשעפטיגונג אין זאַמאָשץ איז געוועזען אדוואָ־קאַטור. ער איז געוועזען א „טשאַסטני פּאָווערעני", נישט קיין אויסגעשטודירטער און נישט קיין איינגעשוואָרענער אדוואָקאַט. אכטצעהן יאָהר איז ער דערמיט בעשעפ־טיגט, ביז א קאָנקורענט מסר'ט איהם, און ער פערליערט דאָס רעכט אויף זיין אדוואָקאַטורע. שריפטשטעלעריש איז ער פאַר די אלע יאָהרען זעהר ווייניג ארויסגעטראָטען. א קליין ביכעל העברעאישע לידער, געשריבען בשותפות מיט זיין שוואָגער, דעם פאָטער פון זיין ערסטער פרוי, אונ־טער דעם נאָמען „שני בעלי אסופות"; א פּאָר העברעאי־שע לידער אין דעם „השחר"; א פּאָר ערצעהלונגען. אבער ער בלייבט גאַנץ אונבעמערקט. ווען ער טרעט אויף אין דער צווייטער העלפט פון די אכטציגער יאָהרען אויף העברעאיש און נחום סאָקאָלאָוו'ס „האסיף" און אויף אי־דיש אין שלום עליכם'ס „אידישע פאָלקסביבליאָטעק", ווערט ער אויפגענומען, ווי א יונגער שריפטשטעלער, ווי א גאַנץ אונבעקאַנטער, אן אָנפאַנגער. ווען אויף מיין רייזע אין וויען אין דעצעמבער 1891, האָב איך זיך אָב־געשטעלט אין ווארשוי צו בעקענען זיך מיט דעם פער־פאַסער פון די „בעקענטע בילדער" און דעם רעדאַקטאָר פון „די אידישע ביבליאָטעק", האָב איך דערוואַרט צו טרעפען א יונגען מענש פון א יאָהר פינף־זעקס אונצוואַנ־ציג. ווי בין איך איבעררא‍שט געוואָרען צו זעהן פאַר זיך נאָר דעם פאָטער פון דעם יונגען מענש, וועלכען איך האָב

גערעכענט צו טרעפען. פרץ איז שוין דעמאָלט געוועזען איבער פיערציג.

ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט זיין שטעלע אין דער וואַרשעווער גמינע, וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען ביז דעם טאָג פון זיין טויט. מיט וועלכע בעגעבענהייטען איז זיין לעבען רייך געוועזען אויף ד ע ר זייט פון דער גמינע־טיר און ווייט פון זיין שרייבטיש, דאָס דאַרף גע־זאַמעלט ווערען. געשטאָרבען איז ער דעם 4־טען אַפּריל 1915 — א חדש מיט 21 טעג פאַר זיין 64־יעהריגען גע־בורטסטאָג — אלס אַן „עוסק בצרכי ציבור", אויפגעריבען אין דעם קאַמפּף מיט דער גרויזאַמער נויט און עלענד, וואָס איז בעפאַלען דאָס רוסישע־פּוילישע אידענטום שוין אין דעם ערסטען יאהר פון דער מלחמה. אָבער זיין ג אַ נ ץ לעבען איז רייך געוועזען מיט אינטענסיווער קהלשער טעטיגקייט. זיכער האָט ער זיך געקהלט אין זאַמאָזשץ. אויב דער פינאַנסיסט בליאָך, וועלכער האָט ארויסגעשיקט א סטאַטיסטישע עקספּעדיציע צווישען די אידען אין פוילען, קלייבט אויס פּרץ'ען אלס איינעם פון די עקספּערטען, האָט פּרץ זיכער מיט עפּעס זיך ארויס־געוויזען ביז דאַמאָלס. אַז ער איז געוועזען א פּאַסענדער עקספּערט אין דער דאָזיגער עקספּעדיציע, האָט ער דער־וויזען מיט זיינע בערימטע, אויסגעצייכענטע „בילדער פון א פּראָווינץ־רייזע". אזוי האָט געקאָנט שרייבען איינער, וועלכער איז איינס מיט'ן אידישען לעבען.

אין זיינע ערסטע יאהרען אין וואַרשוי נעמט ער א גרויסען אנטייל אין דער העברעאישער שפה־ברורה־בע־וועגונג. ער איז סעקרעטאַר פון דעם וואַרשעווער פער־איין, ביז ער ווערט נישט פערכאַפּט פון דער פאָלקס־בילדונגס־אידעע. דאָס גיט איהם אוועק אין גאַנצען דער אידישער שפּראַך און דער אידישער ליטעראַטור. איך

קען איהם שוין בלויז אלס דעם פאַרקעמפפער פון בילדונג פאַר די אידישע פאָלקסמאַסען, אלס דעם אונערמידליכען קולטור־טרעגער. זיין גאַנצע טעטיגקייט פאַר די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען קאָנצענטרירט זיך פאַר מיר אין זיין זוכען וועגען און מיטלען, ווי צו צוקומען צו די אידישע מאַסען מיט בילדונג און אויפקלערונג אין וואָרט און שריפט.

## אביסעל „זכרונות"

אין וואָרט האָט ער וועניג וואָס אויפגעטאָן. ער איז נישט געוואָרען קיין פאָלקסרעדנער און קיין אגיטאַטאָר. איך האָב איהם איינמאָל געבראַכט אויף א קאָנספּיראַטיווער פערזאמלונג אין ווארשוי. דאָס האָט ער זיך צום ערסטען מאָל בעגעגענט פּנים אל פּנים מיט אן ארבייטער־אָרגאַניזאַציע. פוןביידע זייטען האָט מען זיך שטארק געפרעהט אויף דער בעגעגנונג, אָבער זי איז געבליבען די איינציגע אין יענער צייט. ביידע צדדים זיינען זיך צוגאַנגען ענטוישטע. די ארבייטער איז נישט געפעלען געוואָרען, וואָס ער האָט זיך געהאַלטען ווי א גאַסט, און איהם האָט פערדראָסען, וואָס מעהר ווי א גאַסט האָט ער נישט געקאָנט זיין. צו איז שפּעטער אריינגעטראָטען א דערנעהענטערונג צווישען איהם און די ארבייטער, ווייס איך נישט. אָבער ער האָט ליעב געהאַט די ארבייטער און זייער בעוועגונג, און זיי האָבען איהם געליעבט. זיי זיינען אויך געוועזען די פלייסיגסטע לעזער פון זיינע שריפטען און זיין בעסטער עולם.

אין די יאָהרען 1890—1892 ברייננט ער ארויס דעם ערסטען און צווייטען באַנד פון זיין „אידישע ביבליאָטעק". דער גרונד־טאָן און דער הויפּטצוועק איז — „בילדונג".

נישט השכלה, נישט שפראך־קענטנים, נישט ליטעראטור־שטודיום. נאר וויסען, וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ווי מען לעבט אויף דער וועלט. אנפאנג 1893, ווען איך קום צוריק פון וויען, געפין איך איהם אלס מיטעלפונקט פון א קרייז ווארשעווער אידישע סטודענטען, וועלכע טראגען זיך ארום מיט דער אידעע ארויסצוגעבען און צו פארשפרייטען פאפולער־וויסענשאפטליכע ביכער און בראשורען פאר די אידישע מאסען. מיטינגען ווערען אבגעהאלטען נאך מיטינגען, פרץ גיט אוועק זיין גאנצע פרייע צייט. ענדליך איז מען דורכגעקומען וועגען דער פראגראם און צוטיילט צווישען זיך די ארבייטען. איינער האט געדארפט אויפשרייבען א בראשורע איבער פיזיאלאגיע, א צווייטער איבער כעמיע, א דריטער איבער געאגראפיע און אזוי ווייטער. פרץ האט אנגענומען אויפצושרייבען א בראשורע איבער סאציאלאגיע, אויף מיר איז אויסגעקומען צו בעארבייטען אין בראשורען „ברעהם׳ס טיערלעבען“ און אויפצושרייבען אן איינלייטונג צו דער גאנצער אונטערנעמונג אין דער פארם פון אן ערצעהלונג. די איינציגע, וועלכע האבען זייער ארבייט געטאן, זיינען געוועזען פרץ און איך. פרץ האט אויפגעשריעבען זיין דר. שטיצער ארטיקעל איבער סאציאלאגיע, וועלכער איז שפעטער אריין אין דעם זאמעלבוך „ליטעראטור און לעבען“. איך האב צוגעשטעלט מיין ערצעהלונג „רב שלמה“ און די אבהאנדלונג וועגען „אפען“. ביידע מיינע ארבייטען ווערען ארויסגעגעבען פון די סטודענטען אונטער דעם נאמען „י. ל. פרץ אויסגאבען“ אין 1894, ווערען פון זיי פערשפרייט, אבער דאס געלייזטע געלט ווערט נישט אומגעקערט. דערמיט ענדיגט זיך די אקטיוויטעט פון די סטודענטען, און פרץ בייזערט זיך אויס אויף זיי אין איינעם פון זיינע פעליעטאנען.

אבער אין דער אייגענער צייט, ווען עס זיינען אבגע־האלטען געוואָרען זיצונגען מיט די סטודענטען, ווערען געפּלאַנט אַנדערע אונטערנעמונגען, ווי צו צוקומען מיט'ן געדרוקטען וואָרט צו די אידישע מאַסען. די פּלאַן־מאַכער זיינען זעלבאדירט: פּרץ, מרדכי ספּעקטאָר און איך. פּלע־נער האָבען מיר גוטע, אָבער דער עיקר אַבהאַלט איז — געלט. דער רייכסטער פון אונז דריי איז געוועזען פּרץ. ער האָט געהאַט זיין שטענדיגע הכנסה אין דער גמינע; אין צעגליאַנא נומער 1, ביי פּרץ'ן אין די דריי צימערן מיט א קיך, האָט בעל־הבתיש אויסגעזעהן, איז געוועזען א דינסט אין שטוב, האָט מען אנשטענדיג געגעסען. ספּעק־טאָר און איך זיינען געוועזען קבצנים. דאָך ספּעקטאָר'ס שוועגערין, דאַן פריילין האָדעל קויפמאַן, און באַלד פרוי פּינסקי, גיט אונז 150 רובעל און מיר טרעטען־צו צו דער ארויסגעבונג פון „ליטעראַטור און לעבען". דערמונטערט פון דעם, קריגען מיר נאָך ערגעץ־וואו געלד, כאַפּען־אויף די אידעע פון די „יום־טוב־בלעטלעך" און נעמען זיך צו זיי. די אידעע איז געקומען צו העררר ה. עפּעלבערג, דעם קאַ־לענדאַר־ארויסגעבער און שפּעטערדיגען דראַמאַטיקער. געקומען איז זי, ווייל די צענזור־בעדינגונגען האָבען נישט ערלויבט קיין אידישע פּעריאָדישע אויסגאַבען, אָבער יע־דער חדש האָט כאָטש א שטיקעל יום־טוב, און אַזוי־ערנאָך וואָלט מען געקאָנט ארויסגעבען א יום־טוב־בלעטעל יעדען חדש און האָבען א חדש־זשורנאַל אָהן דער ערלויבנים פון דער צענזור. ה. עפּעלבערג האָט אונז אָבגעטראָטען זיין אידעע, און מיר האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט. אוים בעשיידענהייט אלס גאַנץ יונגער, אַנפאַנגענדיגער שריפט־שטעלער האָב איך מיין נאָמען נישט געוואָלט ארויפשטע־לען אויפ'ן שער־בלאַט. זיינען געשטאַנען אויף דעם שער־בלאַט די נעמען פון י. ל. פּרץ און מ. ספּעקטאָר. אָבער נאָך

דעם דריטען „בלעטעל" האט ספעקטאר זיך אבגעזאגט — די „בלעטלעך" זיינען איהם געווארען צו ראדיקאל. זיי זיינען אוועק אין דער ריכטונג, וועלכע האט זיי געמאכט אזוי פאפולער און בעליעבט אין דעם אויפוואכענדיגען אי־דישען פראלעטאריאט.

דאך איידער מיר האבען זיך גענומען צו די „יום־טוב־בלעטלעך", האבען מיר — פרץ, ספעקטאר און איך — דורכגעפיבערט א פאר וואכען אין גרויסער ערווארטונג אויף אן ערלויבנים אויף א טעגליכער צייטונג. ספעקטאר'ס א פריינד, וועלכער וואלט געווארען א פיערטער שותף, האט געשתדלנט אין פעטערבורג, און מיר אין ווארשוי, אין צעגליאנא נומער 1, זיינען דורכגעזעסען נעכט און אויסגעארבייט פראגראמען און געטיילט צווישען זיך די ארביים און אויך — די עשירות. אבער מיר האבען די ערלויבנים נישט בעקומען, זיינען געבליבען ביי אונזער ארמקייט און גענומען זיך מיט מעהר ברען צו די „יום־טוב־בלעטלעך", וועלכע זיינען אונז אנגעקומען זעהר און זעהר שווער.

עס זיינען קיין מיטארביימער נישט געוועזען — דאס זיינען דאך געוועזען די ערסטע יאהרען פון דער מאדער־נער אידישער ליטעראטור, וועלכע איז ארויסגעוואקסען מיט פרץ'ען. דעם גרעסטען טייל פון יעדעם „בלעטעל" האט אויסגעפילט פרץ אליין מיט זיינע ערצעהלונגען און פעליעטאנען. און גאר א סך ערצעהלונגען, לידער און ארטיקלען, וועלכע טראגען א פרעמדען נאמען, זיינען דאס רוב אזוי בעארביים געווארען פון פרץ'ען אדער פון מיר, אז זיי וואלטען על פי יושר געדארפט אריינגעהן אין דער זאמלונג פון זיינע אדער מיינע ווערק.

אבער ערגער, ווי דער מאנגעל אין מיטארבייטער. איז געוועזען דער מאנגעל אין געלט. אט אויף די דיינקע

„בלעטלעך" פון זעכצעהן זייטען איז קיין געלט נישט גע־
וועזען! און דערביי האָבען מיר נישט אויפגעהערט צו
חלום׳ען, אז זיי וועלען זיך פערנאַנדערוואַקסען אין ד׳קע
זאַמעלביכער... צום סוף האָב איך זיך געמוזט אוועקלאָזען
איבער דער פּראָווינץ צו שאַפען געלט: מיר האָבען נישט
געקאָנט אויסקויפען פון דרוקער דאָס בלעטעל „הושענא"!
איך האָב בעזוכט ווילנא, וויטעבסק און מאָהליוו. האָב
אומעדום גערעדט אין נאָמען פון פּרץ, וועלכער האָט אָנ־
געהויבען פּאָפּולער ווערען, פאַרגעלייענט פון זיינע און
מיינע שריפטען, און עס איז מיר געלונגען צו גרינדען אין
די דריי שטעדט „זשאַרגאָן"־פעראיינען, וועלכע האָבען
אונז ארויסגעהאָלפען מיט געלט און מיט פערשפּרייטען
די „בלעטלעך" — הויפּטזעכליך, דער ווילנער פעראיין.
אוים מאַנגעל אין געלט זיינען דאָס ערסטע יאָהר ארויס־
געקומען בלויז צעהן „בלעטלעך", אָבער דערפאַר האָט פּ׳ץ
צום צווייטען יאָהר דורכגעזעצט זיין וואונש צו פערבריע־
טערען די „בלעטלעך". עס איז איהם געלונגען צו פער־
אינטערעסירען עטליכע גמינע־מענשען און ארויסקר׳גען
ביי זיי אונטערשטיצונג. די „בלעטלעך" האָבען אָנגעהוי־
בען ארויסצוקומען אין 32 זייטען.

אין דער אייגענער צייט טרעטען מיר צו מיט דעם
געלט, וואָס מיר האָבען ארויסגעקראָגען פאַר „ליטעראַ־
טור און לעבען", צו דער ארויסגעבונג פון דעם דריטען
באַנד פון „די אידישע ביבליאָטעק". און פּרץ פערבינדט
זיך נאָך מיט א הערר שווארצבערג און ברייננט ארויס א
העברעאיש זאַמעלביכעל „החץ".

## וועגען פּרץ׳ען בכלל.

אין פריהלינג 1896 פאָהר איך אוועק נאָך בערלין.
נאָך מיין אוועקפאָהר ברייננט פּרץ ארויס נאָר נאָך צוויי

ווידער פערקלענערטע „בלעטלעך". די עפּאָכע־מאַכענ־דיגע „יום־טוב־בלעטלעך" הערען אויף. פּרץ האָט געמוזט האָבען די שאַפענדיגע יוגענד לעבען זיך. ער איז געווע־זען דער גרויסער בוימייסטער, וועלכער האָט נישט מורא געהאַט, אז די יוגענד זאָל אַנקלאַפּען אין זיין טיר. ער האָט געוואַרט אויף דאָס אַנקלאַפּען. ער האָט געגאַרט די יוגענד ארום זיך. מיט איהר איז ער געוועזען יונג און קרעפטיג און ענערגיש. דריי יאָהר בין איך געוועזען פאר איהם די יוגענד. איך בין שטאָלץ דערמיט. די דאָזיגע דריי יאָהר זיינען געוועזען פון די טעטיגסטע אין זיין שריפט־שטעלערישער בוי־ארבייט פאר'ן פאָלק. ווען איך פאַהר־אוועק, מוז ער אָבוואַרטען אויף נייער יוגענד. באַלד קומט זי. נישט אָן איינצעלנער, נאָר א סך קומען זיי, די יונגע. פיעל־פערשפּרעכענדיגע, שאַפונגסלוסטיגע. די נייע אי־דישע ליטעראַטור צוואוואַקסט זיך, און פּרץ ווערט ווידער טעטיג. ער מאַכט בלויז נאָך א פּאָר פּערזוכען אליין צו רעדאַקטירען און ארויסצוגעבען זאַמעלביכער. אין יאַנוּ־אַר 1904 העבט ער אָן „די אידישע ביבליאָטעק" אלס א מאָנאַטליכען זשורנאַל, ברייננגט נאָר ארוים 4 העפטען א.ז.ן מוז אויפהערען, מסתמא ווידער מאַנגעל אין געלט. אין 1909 העבט ער אָן ארויסצוגעבען „די יודישע וואָכענ־שריפט", פון וועלכער עס זיינען אויך ערשינען בלויז 4 נומערן. אין 1910 רעדאַקטירט ער צוויי זאַמעלביכער „יודיש". אָבער עס איז גאָרנישט נויטיג, ער זאָל זיך בויען א בימה פאר זיך. עס ערשיינען שוין א סך זשור־נאַלען, וואָכענשריפטען, טעגליכע צייטונגען, און פּרץ איז אומעדום פול. אלע ווילען זיין מיטאַרבייטערשאַפט, זיין וואָרט. און ער זאָגט קיינעם ניט אָב, ווייל ער האָט אזויפיעל צו זאָגען. ער איז מיטאַרבייטער אין דעם „יוד", ער איז מיטאַרבייטער אין דעם „פריינד", און אין דעם

„חיינט" האָט ער זיך זיין „ווינקעלע", וואו ער שרייבט פון זיינע גלענצענדסטע ארטיקעל-סעריעס.

ער האָט אזויפיעל צו זאָגען וועגען דאָס אידישע לעבען. פון די פערשידענסטע זייטען, פון דעם אידישען חימעל אראָב, פון די אידישע טיפעניסען ארויס. איין געביט בלויז לאָזט ער דורך, בעריהרט ער נישט: די אי־דישע געשיכטע. צו איהר ווענדט ער זיך נישט. ביי איהר זוכט ער נישט קיין העלדען, ביי איהר זוכט ער נישט קיין אָבשפיגלונגען פון דער היינטיגער צייט. ער שטעקט גאנץ אין דעם איצטיגען פאָלק, אין דעם פייער, וואָס דער־ווארמט זיינע מאסען, ד אַ ר ף זיי דערוואַרמען, אין דעם טרויער, וואָס פילט זיי אויס, אין דער בייגקענים, וואָס זיי טראָגען אין דער טיפענים פון דער אָנגעוועהטאָגטער אידישער נשמה. און ער דערצעהלט פון דעם דאָזיגען לע־בען אין די פערשידענסטע פאָרמען. ער געהערט נישט צו קיין ליטעראַרישער שולע. ער טראָגט אין זיך אַלע שו־לען. ער איז גלייכצייטיג אַלע שולען. ער איז רעאַליסט, ראָ־מאַנטיקער, סימבאָליסט און אזוי ווייטער. ער דערצעהלט אונז רעאַליסטישע מעשות און סימבאָליזירט אונז אונזער לעבען אין גייסטרייכע מעשהלעך. ער שרייבט די „וועבער־ליעבע", א קאַפיטעל פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין פערזאָנען, און שאַפט דעם ערסטען אַקט פון „די גאָלדענע קייט" — דעם העכסטען אויפגעשריי פון דער אידישער נשמה יתירה. וואָס פאר א מהלך פון „באנטשע שווייג" ביז „ביי דער נאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק"! אָבער ער האָט נישט דורכגעמאכט קיין ענטוויקלונג פון שולע צו שולע. ער איז נישט ארויסגעוואַקסען, נישט אוועקגעוואַקסען. אין זיין ערסטען ביכעל „די בעקענטע בילדער" איז ער שוין דער פערשידענאַרטיגער. אין זיינע „רייזע בילדער" פון 1890

איז ער שוין דער פרץ פון די פאלקסטימליכע ערצעהלונגען און פון חסידיש.

און אין אלץ, פון זיין ערסטער שורה ביז דער לעצ־טער, אין זיינע דיכטונגען און אין זיינע פובליציסטישע זאכען, ליעגט דאס געפיהל, וואס איז געוועזען די טרייב־קראפט פון זיין גאנצען שאפען, פולסירט דאס גרויסע געפיהל פון ר ח מ נ ו ת צו די אידישע מאסען. ווער עס וויל פרץ'ען גוט פארשטעהן, מוז איהם זעהן דער עיקר אין דער דאזיגער בעלייכטונג. דערפאר שאפט ער נישט קיין העלדען, וועלכע וואלטען זיין רחמנות נישט געדארפט. דערפאר שאפט ער נישט קיין שטארקע כא־ראקטערען. אבער זיינע שטארקע כאראקטערען זיינען די, וועלכע קאנען אם שטארקסטען און טיעפסטען רחמנות האבען. דערפאר אפשר ווענדט ער זיך נישט צו דער אי־דישער געשיכטע, וועלכע דארף שוין זיין רחמנות נישט. זיין הויפט־העלד איז באנטשע שוויינ. אין די פערשי־דענסטע לעבענסלאגען, ביי די פערשידענסטע קלאסען אידען.

זיינע געזאמעלטע ווערק זיינען א נישט־אויס־צושע־פענדיגער קוואל פון אט דעם מענשליכסטען געפיהל, גע־טראגען פון א גרויסען הארץ, געלייטערט דורך א הערליך־שיינער פערזענליכקייט, בעשיינט פון ליכטיגער קונסט. וואויל צו די, וועלכע וועלען זיך ארייגלעבען אין זיי, בע־גרייפען זיי, פערשטעהן זיי, פערייניגען זיך מיט זיי. וואס פאר בעסערע מענשען זיי וועלען דאס ווערען! און וואס פאר בעסערע אידען!

# ליעדער

# ראָמאַנצערא

1.

אויף דיין באַלקאָן הענגען מיינע אויגען;
זיי זעהען דיך נישט!
ס'וועלקען דאָרט בלומען, די טיר איז געשלאָסען,
די שויבען פאַרווישט...

ווי א פויגעל פליהט ארויף מיין נשמה
און שלאָגט זיך דאָרט צווישען די אייזען...
שטילערהייט קלאַפּט זי ביי דיר אין די שויבען,—
דו ווילסט דיך נישט ווייזען...

דאַן פליהט זי צוריק, באַנג און דערשראָקען,
דערשלאָגען און מיד;
אין הארץ אין קראַנקען הויבט אַן צו קלינגען
דאָס טרויעריגע ליעד!

2.

עס שיינט די לבנה, עס בלאַנקען די שטערען,
מיר זענען די אויגען פאַרלאָפען
מיט טרערען; אַך, זאָג מיר, מיין מזל,
מעג איך נאָך האָפען?

צי פיהרט איהר נישט, שטערען, מיין טרויעריגען אַרון
אין הימלישען וואָגען?
צי וועל איך, לבנה, זעהן מאָרגען דיין שוועסטער? — —
וואָס וועט זי מיר זאָגען?

3.

וואו ס'וועט מיין מזל מיך ערגעץ פארוואַרפען
אויף לאנגע, אויף טרויעריגע יאהרען — —
געדענק! פאר רחמנות כאטש לאז מיר נאך איבער
א פיצעלע ארט אין זכרון...

וואס איך וועל ליידען, די ערד וועל איך קיהלען,
דאס הארץ וועלען ווערים מיר אויפעסען,
איך וועל געדענקען! — איך וועל דערפיהלען,
ווען דו וועסט פארגעסען!

4.

שווארצע פליגעל — — שווארצע קראהען — —
פינסטער־שווארצע געדאנקען!
קאנסט זיי פארטרייבען, לעג צו דיין האנט נאר
מיר, צו מיין שטערן, דעם קראנקען!

פינסטערע וואלקען, בלייערנע וואלקען
ציהען און לאזען נישט טאגען...
און נאר איינאיינציגער בליק דיינער אויגען
קאן זיי פאריאגען...

קראנק איז דאס הארץ... שווער איז דאס הארץ...
ווי פינסטער און גליטשיג איז דארט...
און דאך קאן דארט בליהען גליק אהן א שיעור —
עס דארף נאר דיין ווארט!

5.

כ'האב מיך אויף דעם בעט געווארפען...
אך, דער קראנקער קאפ וויל רוהען;
איך פארשליס די קראנקע אויגען — —
אין דער לופט דאך יאגען, פליהען,

טרייבען, מישען זיך און שוועבען
פלעקען פארביגע און שפינען
בלומען, שטערען און געזיכטער,
און עס ווערט אלץ באלד צורונען!

איין געזיכט פארהאלט זיך לענגער — —
שווארצע אויגען, פול מיט טרערען — —
עפעס שעפטשען בלאסע ליפען,
נאר איך קאן קיין ווארט נישט הערען.

6.

עס מאכט צו מיר די לבנה פון הימעל:
„איך האב א שוועסטער אויף דר'ערד:
א בלאסע, דו קענסט זי, איך האב פון דיין מויל
נישט איין מאל איהר נאמען געהערט!"

„רופסט זי פארשידען... מיט טרערען, מיט כעס...
קראנק ביסט דו דורך איהר, איך וויים!
זי מוז אבער האבען ארום זיך די שטערען —
זיי אויף מיין שוועסטער נישט בייז!

7.

א גאנצע נאכט האב איך ריימען געשמידט,
פון זילבער און גאלד;
און מיינע אייגענע הארציגע ליידען
קלינגען מיר האלד...

דערנאך האט א שטראליגען, העלען גוט־מארגען
געשיקט מיר די זון...
האט זי מיין וואקסען־געל פנים געזעהן,
וויים זי, ווי עלענד איך בין!

8.

## א טרער.

א וואלקען האט פארדעקט דעם חימעל,
ווי א שווארצער שארבען:
עס איז פינסטער, ווי אין קבר,
דאכט זיך מיר, כ'וועל שטארבען.

אויף מיין קרענקליך הייסען שטערן
פאלט א טראפען שווער;
צי וועט דאמאלט, אויף מיין קבר
פאלען א י ה ר ' ס א טרער?

9.

טיילמאל דאכט זיך מיר,
אז מיר זענען טויט,
נאר אונז חלומ'ט זיך
נאך די לעבענס-נויט!

און מיר זוכען זיך
טרויעריג און באנג,
כאטש מיר זענען טויט
און באגראבען לאנג

10.

אין דער שטילער נאכט,
— קיינער הערט און זעהט! —
גיסט זיך אוים מיין הארץ, —
הערסט דו מיין געבעט?

אין דער שטילער נאכט
ליג איך אויסגעשטרעקט

און ווייז... צי האָט דיך עס
אַמאָל פון שלאָף געוועקט?

## 11.

טרויריג פרעגען מיינע ליעדער:
וואָס האָסט דו געוואָלט פון איהם?
נאָר וואָס האָסט דו איהם געצוויגען
אין דיין נעץ אריין?

שמערצליך וויינען מיינע ליעדער:
וואָס האָסט דו געוואָלט פון איהם?
וועניג האָט ער נעבכט אָהן שטערען,
וועניג — טעג אָהן זון?

יאָמער קלאָגען מיינע ליעדער:
וואָס האָסט דו געוואָלט פון איהם?
און נעקוילעט אָהן רחמנות
האָסט דו איהם!

## 12.

האָסט געצילט און האָסט געטראָפען
און—דו שמייכעלסט פארגעניגנט!
האָסט געצילט און האָסט געטראָפען,
מיר איז דאָס הארץ מיט בלוט פאַרלאָפען—
האָסט געזיגט!

און פיין, ווי גאָלד, איז דיין פארשטאַנד!
און קלאָר דיין אויג, און פעסט דיין האַנט!
און שאַרף די שפּיז!
אָהן אַ ציטער! כ'זאָג דיר אָפען,
האָסט געזיגט, דו האָסט געטראָפען—
און—איך ליג ביי דיינע פיס!

13.

## צווישען בלומען.

קאלט קוק איך אן
ז'ווילד רויטען מאן ;
פארשייט און צופלאסען,
מיט פלאמען באגאסען,
ווינקט ער פון צווישען די זאנגען...

כ'באוואונדער, ווי ס'שיסט
צום הימעל די רויז ;
עס פלאטערט איהר שוים,
זי ציטערט און פליסט
מיט הארציג און דופטיג פארלאנגען!

אין איהר חופה־קלייד
שטעהט די ליליע־פיין ;
ווי דער פרישער שניי,
ווי דער הימעל ריין...
נישט זי דאך האט מיין הארץ געפאנגען!

ס'פארשטעקט זיך שטיל אין גראז
א בלימעלע א קליינס,
א פיינס,
א בלוי'ס, —
און ס'ציהט מיך מיט אייזערנע צוואנגען!

14.

פארגעסען און פארשטויבט
ליגט די אלטע הארף ;
צוריסען און פארשמאכט
שווייגט דאס אלטע הארץ...

אפט רייסט זיך פון דער הארץ
אפ א שארפער טאָן;
עס רייסט זיך אויס פון הארץ
אמאָל א שווערער זיפץ.

און פארשטומען באלד
אויף לאַנגע, לאַנגע טעג
און — נאָך לענגערע —
שטילע, וויסטע נעכט!

## 15.

שטאלץ גערט אפ די זון,
אין פורפור נעהילט!
שטאלץ זאגט זי: „גוט נאכט!
מארגען שיין איך אויף."

עס פארוועלקט די בלום
נאָר איהר וואָרצעל לעבט;
אריבער וועט דער שניי,
בליהען וועט די רויז!

דער פויגעל פליהט אוועק
מיט לוסטיגען „אדיע!"
מיט דעם פריהלינג־שטראַל
וועקט אייך מיין געזאַנג!

אַלץ שטעהט אויף צוריק,
שיינט און בליהט, און זינגט...
נאָר א הארץ, אז ס'ברעכט —
גייז, דאס לעבט נישט מעהר!

16.

עס בליהט דער בוים גינגאָלדען,
טרייבט זיך אין דער הויך!
עס יאָגט א גרויער וואָלקען,
ר'שטעהט שוין וועלק און בלייך!

ס'בלאָזט א ווינט א קאַלטער,
ער בלייבט פאַרשטאַרט אין שרעק;
עס פאַלט א בלאַט און יאָמערט:
איך שטאַרב! איך שטאַרב אוועק!

„נישט אייביג וועט זיין ווינטער,
דער זומער קומט צוריק;
דער בוים וועט ווייטער בליהען
צו מזל און צו גליק!"

— אמת, — קלאָגט דאָס בלעטעל, —
נאָר וואָס וועט זיין פון מ י ר?
עס פייפט דער ווינט אָהן רחמים:
מ י ס ט וועט זיין פון דיר!

17.

ס'מזל שטעלט מיר אויף א רעטזעל,
הייסט מיר טרעפען. און איך וויים,
אז עס וועט אומזיסט באַגיסען
ביי דער ארבייט מיך דער שוויים!

ס'דרעהט אין מח, ווי אַן ענבויר,
און דאָס הארץ ברעכט, ווי א שאַרבען...
מיט'ן רעטזעל וועל איך גוסס'ן,
אָהן אַן ענטפער וועל איך שטאַרבען!

18.

טרויער דריקט אויף מיין נשמה
אוּן דאָס האַרץ טוט קלעמען,
כאָטש ער האָט מיר צוגעשוואוירען
אַז ער וועט מיך נעמען!

טויזענט מאָל מיר צוגעשוואוירען,
אַז ער וועט זיין מיין;
נאָר ס'קלעמט און וויינט דאָס האַרץ אין מיר:
ניין, דאָס וועט נישט זיין!

19.

אוי, מיין לעבען הענגט
ביי דיר, ווי אויף אַ האָר;
שווערסט, צי וויים איך דען,
אַז דו שווערסט מיר וואָר?

נאָר זיי נישט בייז אויף מיר,
די מאַמע מאַכט מיך באַנג;
אַז יעדער מאַנספּערזאָן, —
זאָגט זי, — איז אַ שלאַנג!

20.

צי כ'האָב דיך ליעב? אַך, דו מעגסט מיר גלויבען,
כ'קאָן נישט לעבען אָהן דיר איין מינוט!
צי דו ביסט מיר טייער? טייערער ווי'ס לעבען —
נאָר נעמען — וויים איך — וועסט דו מיך דאָך נישט!

עס דאַכט זיך מיר, איך שטעה אינמיטען ים,
און וועל נישט קומען קיינמאָל צו קיין ברעג!
די ליעבע דיינע איז געווען מיט סם,
עס איז מיין רוה אויף אייביג שוין אוועק!

21.

געליעבטער, טייערער חתן,
מיין רייכטום ווילסט דו וויסען?
כ'האב געהאט א גארטען,
פלעג איהם פעסט פארשליסען.

נאר דו ביסט א גנב,
ביסט אריינגעקומען
און דאס שענסטע פרי'לע
פונ'ם בעסטען צווייגעלע
האסט דו צוגענומען!

22.

די אויגען זענען טרוקען;
עס וויינט דאס הארץ אין מיר!
אז איך דארף מיך שיידען,
לעבען מיינס, מיט דיר!

דו וועסט מיך פארגעסען —
הער־זשע, וואס איך רעד:
איך וועל אן דיר הענגען
לייטען צו געשפעט!
איך וועל דיך געדענקען
אויפ'ן טויטען־בעט!

און מיין לעצטער אטעם
וועט דיין נאמען זיין — —
ציגדערט פאהר, מיין לעבען,
לאז מיך דא אליין!

23.

—„אוי, טאַכטערשי, אוי, טאַכטער־קרוין,
וואָס וויינסט דו אַזוי לאַנג?
פעהלט דיר עפּעס, טרינקען דען,
צי אַ שעהנער גאַנג?

„אוי, טאַכטערשי, אוי, טאַכטער קרוין,
מאַך דאָס האַרץ דיר גרינג!
עס פעהלען קיין חתנים נישט,
אַז מ'איז שעהן און יונג.

אוי, מאַמעשי, אוי, מאַמע קרוין,
וואָס העלפען דיינע רייד?
עס וואַקסט פאַר מיר שוין אויף דער וועלט
קיין נחת און קיין פרייד!

טרייסט מיך נישט, עס העלפט שוין מיר
קיין מיטעל אין דער נויט —
ווערמוט איז דאָס לעבען מיר;
זיס וועט זיין דער טויט!

24.

— מאַמעניו, ליובעניו, האַרצעניו־קרוין!
(די כלה טוט וויינען און זאָגען:)
גיב מיר די חתונה־קליידער אַרויס,
איך וויל זיי באַוויינען, באַקלאַגען!

זי האָט די מלבושים מיט טרערען באַגאָסען,
איינס נאָכ'ן צווייטען כסדר.
— מאַמעניו, — זאָגט זי, — ציגד נעם און צוטייל
פאַר אָרעמע כלות די קליידער!

גיב אַרעמע כלות די קליידער אוועק,
זאָל  ז י י  זיין צו מזל, צו גליק,
איין־איינציג חופּה־קלייד נעם און צוריים,
און מאַך מיר צום הענגען א שטריק!

25.

גענליהט האָב׳מירביידע אמאָל —
טאָקע ווי רויזען א פּאָר,
און יעדען אוועגט געגלעט
האָב איך די זיידענע האָר.

די אויגלעך די זיסע געקושט
די ליפּעלעך — קרעלען פול חן,
און יעדען אוועגט געהאַלזט
דעם האַלז פון עלפּאַנט־ביין!

היינט האָט זי אַן אנדער מאַן,
געהט מיט׳ן שפּאַצירען און לאַכט,
און איך בין אומגליקליך ביי טאָג,
און ווער שיער משוגע ביינאַכט!

26.

„כ׳האָב אויסגערייזט א האַלבע וועלט
און געזוכט אַלע גליק;
כ׳האָב אַלע גליקען אַפּגעלאָזט
און קום צו דיר צוריק!

„אוי, מיר העלפען דיינע רייד —
א טויטען מעדעצין!
טויזענט זעלנער קאָנען נישט,
וואָס א מאַמע טון!"

זי האָט געצירנט און געלאַכט,
וואָס איך זיץ און וואַרט!
און געשוואוירען האָט זי מיר,
אַז דו האָסט גענאַרט!

און געבעטען האָט זי מיך,
גע'חלש'ט און געוויינט!
און געשוואוירען, אַז דו האָסט
ערנסט נישט געמיינט!

און מען האָט מיר צוגעזאָגט
סאַמע גליק און פרייד;
און באַגראָבען האָט מען מיך
לעבעדיגערהייט!

27.

עלענד איז ער דאָ געוועזען
עלענד, ווי א שטיין;
איינע האָט ער דאָ געהאַט
איינע מיך אליין!

צינדערט, אַז ער איז געשטאָרבען,
און איך רעד און לאַך;
איז ער, נעבעך, אָפּגעשטאָרבען
טאַקע טויזענט-פאַך!

28.

## האָף און גלויב.

האָף! נישט וויים איז שוין דער פריהלינג,
ס'וועלען שמעטערלינגען שפּרינגען!
נייע נעסטען, נייע פייגעל;
וועלען נייע ליעדער זינגען; —

גלויב, די נאכט וועט שוין פארשווינדען,
און די וואלקען אויך צורינען,
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימעל —
נייע שטערען, נייע זונען!

נייע רויזען, נייע בלומען
וועקט דעם פריהלינגס זיסער הויך;
עס וועט שיינען, שמעקען, זינגען!
און — אויף אונזער קבר אויך...

29.

ווען איך בין א גאט, וואלט איך אנדערש געשטראפט!
איך וואלט א זינדער א הארטען
צוגעזאגט אלעס, אי נחת, אי גליק —
איך וואלט איהם געהייסען נאר ווארטען!

30.

## די נאכט.

איך פרואוו דעם בלייערנעם הימעל
און קוק אומזיסט מיר אויס די אויגען;
טויט... עס ריהרט זיך נישט דער וואלקען,
און קיין שטראל איז דורכגעפלויגען.

אהן א צייכען, אז דער מארגען
נייער האפנונג און שטרעבען
זאל דעם טויטען וואלקען שפאלטען
מיט א שטראל פון נייעם לעבען...

שא, א שארך! אך, פליגעל רוישען
אין דער לופט. וואס ערוואכט?...
אך, די פלעדער־מייז!... זיי לעבען!
זייער חגא... זייער נאכט...

* *
*

א נאכט, א נאכט א חשך'דיגע
איבער בארג און טאל...
און דער הימעל איז פארפאנצערט,
סאמע בליי און שטאל!

פאר דעם קליינעם חלב־ליכטעל
שרעקט זיך נישט די נאכט;
דער ווינט, דער ליץ, נאך וויל עס לעשען!
ווי ער פייפט און לאכט...

. . . . . . . . . . . .

שא, עס הערט זיך א לויה...
און עס שפוקט און שרעקט...
מ'זאגט, דער יושר איז געשטארבען,
און דער שכל עקט.

א נאכט א שרעקליך חשך'דיגע
דריקט אויף בארג און טאל;
און דער הימעל איז פארפאנצערט
סאמע בליי און שטאל.

## 31.
## ווען איז ערגער.

שלעכט איז דעם, נעבעך, וואס בלאנדזשעט אין מדבר;
ו ו י י ט, פאראירט פון דער היים;
אומענדליכער טרוקענער זאמד פאר די אויגען,
קייקעלט זיך אונטער די פיס.

און איבער'ן קאפ אן אומענדליכער הימעל,
עס בלאנקען אומצעהליגע שטערען.

„בלאנדזשעט איהר אויך?" זיי בלישטשען און בלאנקען,
און שווימען, און רעדען קיין ווארט.

„א י ה ר קוקט דאך אלץ, שטערען, אראפּ פונ'ם הימעל,
צי זעהט איהר מיין שטיבעל, מיין היים?
„צי ברענט דארטען פרעהליך אין קוימען דאס פייער?
עס ב ל י ש ט ש ע ן די שויבען, ווי גאלד?

„ז'איז טרויעריג?... צי בענקט זי? וואס מאכען די קינדער?
א, האט רחמנות, און זאגט!"
עס שווימען נאך שטילער די זילבערנע שטערען,
און שווייגען...

. . . . . . . . . . . . . . .

ערגער איז דעם דאך, וואס בלאנדזשעט אין מדבר
און האט נישט אין ע ר ג ע ץ קיין היים...
עס שפּילען קיין קינדער, עס ברענט נישט קיין פייער,
און ק י י נ ע ר האט נאך איהם צו בענקען.

ד ע ר ווארפט זיך מיד אויפ'ן זאמד מיט'ן פּנים,
און זעהט נישט קיין הימעל, קיין שטערען;
ער זעהט נישט און פרעגט נישט, און ווארט אויף קיין ענטפער;
שויז אלצדינג פארלוירען, פארלאשען...

32.

# אין קבר.

(באלאדע).

אמאל איז געוועזען א מיידעל,
האט זי א איינגעל געליעבט;

עס ליעבט אויך דאָס אינגעל דאָס מיידעל;
זענען זיי ביידע באַטריבט:

דאָס אינגעל איז אָרעם, אוי, אָרעם!
דער פאָטער דעם מיידעלס — א **גביר.**
ווייזט ער, דער פאָטער דער רייכער,
דעם אָרעמען אינגעל די טיר!

דעם פאָטער מוז פאָלגען דאָס מיידעל:
מען פיהרט צו דער חופּה זי פיין;
עס געהט ווי א ליכט אוים דאָס אינגעל,
און שטאַרבט אין זיין קעלער אַליין.

דערהערט זי, אַז ער איז געשטאָרבען,
און שלייכט זיך אַרוים פון דער שטוב;
קומט זי צום קבר צום ליעבען,
עפענט זיך פאַר איהר די גרוב.

שטרעקט די הענט אוים דער טויטער
ווערט זי צום קבר געצויגען;
נעמט זי אַראָפּ איהם די שאַרבען,
קושט די פאַרשלאָסענע אויגען...

עפענט די אויגען דער טויטער,
און נעמט זי אַרום מיט א האַנט;
שליסט זיך די גרוב איבער ביידען,
ליגען זיי ביידע בײנאַנד!

# הומאָר

## אן איבערקערעניש.

און די לופט איז פול מיט זיפצען,
פול מיט ברענענדיגע טרערען;
מיט'ן לעצטען גוסס־אָטעם,
פול חרמות און פארשווערען.

פול מיט אסכרה, קרופּ און מאזעל,
פול מיט טיפוסען פאר הונגער...
נאָר די קלאָווישען באַריהרען
דיינע שמאָלע, לאַנגע פינגער —

אַן איבערקערעניש אויף אַלעם!
ווי די טענער טאַנצען, שפּרינגען...
און די לופט ווערט פול מיט לצים,
רויטע מיצלעך... און זיי קלינגען

מיט די קליינע זילבער־גלעקלעך,
העכער, העכער און געדעכטער...
שוין! פאַרשוואונדען אלע צרות
און די וועלט איז פול געלעכטער!

שכור טאַנצען אלע בלומען,
וועלדער, טייכער קאַנקאַנירען...
די לבנה ווינקט מיט ד'אויגען,
און די שטערען קאַקעטירען...

און די שטערען — דיינע אויגען!
הויב איך אן מיט דיר צו זינגען,
און די גלעקלעך אויף די מיצלעך
קלינגען, קלינגען — נאר זיי קלינגען.

## אויספארקויפט!

(א שפאס).

מיט א ווארעם הארץ געגאנגען
איז ער צו דער וועלט;
ר'איז געפעלען! ס'האט דער עולם
הארץ ביי איהם באשטעלט.

הארץ אויף לויטען, הארץ אויף קווינטען,
ווארעם הארץ אהער!
דאמען קויפען פאר א שמייכעל,
מיידלעך — פאר א זיסע טרער.

און פאר קליין-געלט קויפען לעזער...
פאר א גראשען, פאר א דרייער,
און עס שמעקט אזוי דעם עולם:
אי, דאס הארץ איז טייער!

און ער האט געהאט א מחיה —
גרויס געווען ס'פארלאנגען;
ביז ער האט פארמאכט דאס קרעמעל:
ס'הארץ איז אויסגעגאנגען!

## פאלקס-מאטיוו.

שטיינערנע פאלאצען,
אייזערנע באלקאנען,
טרעפ פון ווייסען מארמאר,
גאלדענע סאלאנען.

קריסטאל׳נע זשיראנדאלען
בלאנקען דורך די שויבען...
דארט וועט מיין געליעבטער
זיך א כלה קלויבען.

זיך א כלה קלויבען,
שענער און געזינטער...
און איך וועל דא פוילען,
ווי א בלאט אין ווינטער...

* *
*

איך—האב געוואלט זי שטודירען,
ז י האט גענארען געוואלט;
א י ך האב געמיינט—זי קאן פ י ה ל ע ן,
ז י, אז מיין קייטעל איז גאלד.

אין לאמבארד איז ז י דאך ערפארען:
מיין ק י י ט ע ל איז טאמבאק און ה ו י ל;
א י ך — אז איך האב מיך פארשפעטיגט,
איהר ה א ר ץ איז פארברענט שוין אויף ק ו י ל.

מ י ר זענען זיך ביידע צוגאנגען,
געזאגט זיך א ק א ל ט ע ן „אדיע!“
פארשידענע וועגען גענומען, —
און דאך טוט דאס הארץ אזוי וועה!

## ד ע ר י ת ו ם.

איך האב דיך, מיין ט י י ע ר ע לירע —
דערפון איז מיין לעבען נישט גרינגער;
מען וויל דיך נישט נעמען אין לאמבארד,
כ׳קאן מיט דיר שטארבען פאר הונגער.

האסט, לירע, גאר זעלטענע סטרונעס,
טענער—א פרייד צו די אויערען;
דאך זעלטען באריהר איך זיי ווינטער,
כ'האב שטענדיג די פינגער געפרוירען.

און פריהלינג־צייט—ווען ביי די בלומען
די זומער־פייגעלעך רימפלען —
בין איך אזוי עלענד פאר'יתומ'ט...
איך האב נישט פאר קיינעם צו גרימפלען!

* *
*

קליינע מענשען, דראבנע מענשען,
זייער שילטען, זייער בענשען,
זייער לויבען, זייער שרייען,
זייער פלאמען, זייער שפייען,
זייער בעטען מיט געוויין,
זייער קריצען מיט די ציין, —

אלץ איז דרויב,
לייכטער שטויב,
פאר דער שוואכסטער פליג קיין לאסט!
און די צייט אהן רוה, אהן ראסט
שוועבט אויף שטאלערנע, ריזיגע פליגעל...
(נישט צום גראם.)

## דער געטער־געשמאק.

דער געשמאק איז, ווי ביי מענשען,
ביי די געטער אויך פארשידען —
קלינגען גלאקען אין די קלויסטערס,
איז דער קריסטען־גאט צופרידען.

„דיז־דיז־דיז" — ווייל דער קאַטוילע —
מוזיקאַליש און זאַבאַוונע.
„בים־באַם־באַם! בים־באַם־באַם!"
שטאַרק און גראָב — דער פּראַוואָסלאַוונע.

נאָר א זעלטענעם געשמאַק
האָט אַללאַ — דער מאַכאַמער,
אז מען רופט אין שול אריין
אויפ'ן גאַניק פון מעטשעט...

אַרינינעל איז דאָך נאָר איינער, —
דער פון קוגעל און חרוסת:
ער האָט ליעב א „שמע ישראל",
וואָס עס כראַפּעט איהם א גוסס!

## א תפילה.

גאָט, גיב אונז שוין אונזער לאַנד,
גרוים כאָטש ווי א געגענץ,
נאָר אונזערע אביעזדטשיקעס,
יענער ביי דער גרענעץ.

גאָט, גיב אונז שוין אונזער לאַנד,
וויש אָפּ אונזער טרער!
גיב אונז אונזער פּאָליציי,
אונזער מיליטער!

גאָט, גיב אונז שוין אונזער לאַנד,
ווי לאַנג איז דען דער שיעור?
גיב קייזער אונז אַליין,
אָן איינענעם סיביר!

נאַט, גיב אונז שוין אונזער לאַנד,
גוים צו להכעיס!
לאָמיר אויך שוין זוכה זיין
צו אַ עיר נדחת.

לאָז אַ זקן ממרא זיין
און אַ פּרה־אדומה...
זאָג אַליין, צי בענקסט דו נישט
נאָך אַן עולה תמימה?

פּאַשען וועל'ן מיר דיך מיט רויך,
מיט עולות און מיט זבחים —
פּאַרלעגען נאָך אויף אַקציעס
אַ פֿאַבריק מיט שבחים.

## אויגען און ליפּלעך.

איהרע אויגען, איהרע ליפּלעך —
אויף דער וועלט צו ריהמען!
זענען פּיילכען דען און רויזען
נישט די שענסטע בלומען?

פּיילכען זענען איהרע אויגען,
און זיי לייכטען, ווארמען...
דאָך די רויזען־ליפּלעך שילטען —
זאָל זיך גאָט דערבאַרמען!

## דער פּאָעט.

דעם גאַרגעל אַראָפּ אויף די לאַצען,
דאָס היטעל פּאַרשטופּט איבער ד'אוירען,
די הענט אין די לעדיגע טאַשען,
הונגעריג, דורשטיג, געפרוירען,

שפּאַצירט ער און פייפט זיך א ליעדעל,
און קלאַפּט צו א צאָן אין א צאָן...
ב א ש ר. ער האָט נישט געגעסען?
פי! ער באַגעהט זיך דעראָן!

ראַק, הויזען, שטיוועל—צוריסען!
באַבקעס!—איהם שאַדט נישט קיין קעלט!
אי־וואָס, ער האָט נישט קיין דירה?
דער הימעל, דער איז זיין געצעלט!

באשר, פרעמד איז ער און עלענד?
זען׳מיר דען אַלע נישט ברידער?...
איהם אַרט נאָר דאָס שטופּען, דאָס לויפען,
דאָס יאָגען, דאָס ווילדע גערודער!

„וואָס רייסען דאָ איין די נאראָנים?
וואָס איז דאָס געיעג, דאָס געשריי?
וואָס טרעטען זיי אויף די נאַגניאָטקעס?
וואָס מאַכען זיי שמוציג דעם שניי?"

נאָר, זיין כפּרה—נאַגניאָטקעס;
דער שניי נאָר, דער שניידט איהם ביים האַרץ!—
„זיי טרעטען די ריינסטע בריליאַנטען,
און מאַכען זיי שמוציג און שוואַרץ".

# ט אָ מ ע ר.

באָ, איך זאָל וויסען, אז ס׳איז נאָר א חלום,
פון כח הדמיון געוועבט!
עס שרעקט זיך דאָס האַרץ דאָך: און ווען, חס ושלום,
הייסט שוין דאָס טאַקע געלעבט?

עס דרעהט מיר אין מוח דער „טאָמער“, די שטראָף,
דער עגבויר, דער „יחפור בדקר“!
און טאָמער איז אמת פון אל״ף ביז תי״ו
דער ווילדער, דער נאַרישער שקר?

טאָמער איז אמת נאָר אלץ, וואָס מיר הערען,
און נאָר וואָס מיר זעהען, דאָס האָ׳מיר?
און ס׳וועט שוין אין אייביגקייט בעסער ניט ווערען...
עס מאַכט מיך משוגע דער „ט א מ ע ר“...

## אמת און שקר.

„שקר“, שטעהט, „אין לו רגלים“ —
אָבער אמת? ער האָט פיס!
פאָהרט דער שקר אין קאַרעטען
און דער אמת — געהט צופיס!

פון די פיס דאָך פאַלט דער אמת...
ווי בריליאַנטען — הינער־אויגען,
קוים ער שלעפּט זיך! און דער שקר
פליהט זיך „נאַשפּיץ“ — פייל פון בויגען!

און באַשפּריצט איהם מיט דער בלאָטע,
און דערלאַנגט איהם מיט דער בייטש!
און די גאַסען־יונגען לאַכען:
וויים, וואָס „נאַבאַק“ איז דער טייטש!

## ב ר י ד ע ר

ווייסע, ברוינע, שוואַרצע געלע —
מישט די פאַרבען אויס צוזאַמען!
א ל ע  מענשען זענען ברידער...
פון איין טאַטען, פון איין מאַמען!

אויד — איין גאָט האָט זיי באַשאַפען,
און — איין פאָטערלאַנד די וועלט —
אַ ל ע מענשען זענען ברידער,
דאָס איז איינמאָל פ ע ס ט ג ע ש ט ע ל ט!

אַ ל ע מענשען זענען ברידער,
שוואַרצע, ווייסע, ברוינע, געלבע...
אַנדערש זענען נאָר די פאַרבען,
די נאַטור, די איז — דיזעלבע:

אומעטום דאָס זעלבע פּראַלען,
כ'האָב עס טויזענט מאָל געהערט!
און פון זאָגען ביז צו טראָגען —
איז פון הימעל ביז צו דר'ערד!

. . . . . . . . . . .

אַ ל ע מענשען זענען ברידער:
געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע...
פעלקער, ראַסען און קלימאַטען —
ס'איז אַן אויסגעקלערטע מעשה.

אומעטום דערזעלבער מוסר,
אומעטום דאָסזעלבע ליגען —
מיט'ן מויל דער גאַנצער עולם,
די פּאָליטיקער מיט שווייגען!

. . . . . . . . . . .

אַ ל ע מענשען זענען ברידער!
און—זיי שפּילען זיך אין פּלישקעס,
די נשמות זענען ווערעמלעך —
אינ'ם טאַביק פון די שישקעס...

*　*
*

א טעאטער איז די וועלט,
גאט איז רעזשיסער —
ס'שטיק איז פיין, — ליידער איז
דער טייוועל דער סופלער —

די בודע איז דאס שוואכע הארץ...
דער טייוועל פעלשט דאס שטיק!
און אויב מען זאגט ארויס א גרייז,
כאפט מען נישט צוריק!

. . . . . . . . . .

און מען קאן דען היטען זיך,
נישט מאכען קיין סקאנדאל?
עס איז מייסטערהאפט דאס שטיק,
די גרייזען — געניאל!

און עס שטרויכעלט דער אקטיאר —
און ווען ער דארף מיט גרויל
שמעטערען פון זיך דעם כוס,
כאפט ער איהם צום מויל!

פלאמיג פערעלט זיך דער וויין,
און ער טרינקט איהם אויס...
און דער דונער איילט זיך נישט...
גאטס געדולד איז גרויס...

*　*
*

אך, מיין נשמה! דיך שטיקט דאס געוויין,
אך, זיי נישט פארזארגט און — באטריבט!
וואס שאדט דיר דער אמת? איך זאג דיר אליין,
איך האב שוין נישט איינמאל געליעבט!

נישט איינמאל האב איך אויך פארבומעלט א נאכט;
פון זינען אראפ — גאנץ אפט...
געקניט, — אין די קניען מיר לעבער געמאכט...
געליטען, געקרענקט און געהאפט...

מיילעכלעך רויטע נישט איינמאל געקושט,
ביז ס'האט געקרעהט דער האן...
אבער מיין לעבען? דאס אלץ איז פארווישט —
היינט נאר ביסט ד ו מיין שגעון!

דו בייזערסט דיך אויף מיר, און פרעגסט, וואס איך וויל
קוק אויף מיר, נחת מיינס, גוט!
זאל אין די אדערען, רוהיג און שטיל,
פליסען, ווי שטענדיג דיין בלוט!

קוק אויף מיר ווארעם און הארציג, ווי פריהער,
גלויב — איך האב ריינעם געוויסען!
כאטש די פארגאנגענהייט געהערט נישט צו דיר,
די צוקונפט—די קאן איך נישט וויסען;

גרענעצלאז איז דאך מיין ליעבע — מיין קרענק...
אומענדליך—מיין גליק און מיין לייד!
איך שווער דיר אומענדליך, כאטש נישט אין דער לענג,—
וואס שאדט דען דיר, אז—אין דער בריים?!

# ביטערקייט

## מיין מוזע.

נישט קיין בלימעל איז מיין מוזע,
אויף דער וויזע וואקסט זי נישט;
נישט קיין שמעטערלינג, וואס זוכט
אלע בלומען אויף און קושט!

נישט קיין נאכטיגאל מיין מוזע,
האט קיין טרעלען, האט קיין זיסע...
ז׳איז א אידענע אן אלטע,
אן איינגעשרומפענע, א מאוסע;

אן עגונה מיט יתומים
און פארשפרייטע אויף דער וועלט;
און אן אביונ׳טע א גרויסע,
און זי שרייט נאר, און זי שעלט...

## די נאכט־וועכטער.

(א נאכגעמאכט פרום־רבנ׳יש ליעדעל)

א נאכט — א מחיה! דאס נעכטעל איז טייער!
נאר היט אייך פאר פייער! נאר היט אייך פאר פייער!
נאר נישט געקאכט און געזאטען!
פארשליסט נאך די פענסטער און טירען און טויערן,
פארמאכט נאך די אויגען, פארשטאפט אייך די אויערן,
און שנארכט אייך, ווי גאט האט געבאטען!

און קאַנט איהר נישט שלאָפען, נו, ליגט כאָטש באַרוהט!
און הערט זיך שטיל איין, ווי אַ פלעדערמויז פליהט.
ווי שטיל, און ווי האַרציג, און טייער!
און הערט איהר געראַוישען, געשרייען, געלעכטער,
צי קללות — זייט רוהיג, מיר זענען די וועכטער!
און היטען אייך אַלע פאַר פייער!

פאַרשאָלטען זאָל ווערען, ווער ס'ריהרט זיך און געהט
און צינדט אָן אַ פייער, צי ריהרט די טראָמפּייט
צום בלאָזען, צום וועקען ביינאַכט!
מען וועט אין גיהנום די לייבער זיי דרעשען!
און דאָ וועל'מיר לעשען, און לעשען, און לעשען,
געטריי וועל'מיר דינען דער נאַכט!

שלאָפט אייך! מיר דאַווענען, מיר בעטען און קניען
פאַר גאָט! דער רבונו של עולם זאָל ציהען
אַ וואָלקען אויף אייך, ווי אַ בליי!
אַ וואָלקען אַ שוואַרצען! אַ, גאָט וועט אונז הערען,
ער וועט נאָך פאַרלעשען לבנה און שטערען,
און דאַמאָלט — ווי אָטעמט זיך פריי!

און מיר וועלען רופען נאָך פעסטער, געטרייער:
היט אייך פאַר פייער! אַ, היט אייך פאַר פייער!
שאַ! קיין גערויש, קיין געלעכטער!
קיין ליכטעל אין מוח, קיין פלעמעל אין האַרץ!
פרום זאָל זיין! רוהיג, און טויטליך, און שוואַרץ!
מיר זענען, מיר זענען די וועכטער!

## דאָס נייע וויגען-ליעד.

שלאָף, מיין תכשיט, טייער קעפּעל,
וואָיווע נישט, גענוג!
די לבנה שווימט אין הימעל
און באַטראַכט דיין וויג.

הערסט! זי זאָגט דיר: לערען דיך שווימען
שטיל און אָהן אַ שאָרך!
קומט אַ וואָלקען דיר אַקעגען —
גנב'ע דיך אַדורך!

זעהסט איהר פּנים, ס'געלע פּנים? —
קופּער — קאָן איך שווערען!
ווילסט דו שווימען דורכ'ן לעבען,
שאַף דיר אַזאַ שטערן!

דו וועסט שווימען, דו וועסט גליקען,
האָבען געלט אַסך!
שלאָף, מיין תכשיט! זעהסט, אַ קעצעל
שפּרינגט אַראָפּ פון דאַך!

אייביג קאָן מען נישט דעם מזל
האַלטען ביי אַ לאַץ;
פאַלען מוז מען; דו וועסט קאָנען
שפּרינגען, ווי די קאַץ!

אַריין אין בלאָטע מיט'ן פּנים
איז נישט גוט און מאוס;
פאַלען וועסט דו, וועסט דאָך בלייבען
שטענדיג אויף די פיס!

שלאָף מיין תכשיט! הערסט: אַ הינטעל
וועגשעט מיט דער נאָז
מיט אַ גדלות, ווייל ער פיהלט זיך
אויף זיין מיסט בעל-בית!

ד אַ ס מיסט האַט איהם, גלויבט ער זיכער,
גאָט אַליין באַשערט...
וואָס עס בלייבט איהם, דאָס באַגראָבט ער
דאָרטען אין דער ערד!

וועסט דיך אויך ערשט גליקליך פיהלען
אויף דיין מיסט אליין;
הינטיש־העלדענמעסיג וועסט דו
שיצען יעדען ביין!

שלאף, מיין תכשיט, טייער קעפעל,
וואיווע נישט, גענוג!
שטיל—דיין „שטילקייט“ הייסט „עניוות“,
און דיין „שווימען“—„קלוג“!

און פאר דיינס א „שפרונג“ וועט געבען
„בראווא“ יעדע האנט —
און דיין „ווענשען“ הייסט „פארזארגען“,
דיין מיסט—פאטערלאנד!

* *
*

כ'בין א רעגען־ווארעם, דו זעהסט
ווי טיף אין בלאטע כ'בין באגראבען;
דאך חלומ'ט מיר אן אדלער־נעסט,
אדלער־פליגעל וויל איך האבען!

שווימען וויל איך אין דעם העלען,
הויכען זעפיר אומגעשטערט;
זאל דער וואלקען מיר פארשטעלען
נישט דעם הימעל, נאר די ערד!

## דאס חנוכה־ליכטעל.

עס פאלט צו די נאכט, די פינסטערע נאכט!
און שאטען באדעקען די ווענט...
נאר אומעטיג ווילד, פארציטערט און זאכט
א ליכטעל אין פענסטערל ברענט!

און עס דערצעהלט מיר די טרוי׳ריגע מעהר:
אמאל איז געווען א שווערד...
א שווערד און א שארפע... היינט גלאנצט זי נישט מעהר...
היינט ליגט זי צובראכען אויף דר׳ערד!

פארראסט איז די שווערד, און טויט איז די האנט,
וואס פלעגט אמאל מיט איהר צו פעכטען!
עס בלייבען די העלדישע ביינער אין זאמד...
ס׳איז, דאכט זיך, געוועזען ערשט נעכטען?

און דאך, וויפיעל הונדערטער, טויזענטער יאהר
פעהלען די האנט און די שווערד...
טייל דריקען די אקסעל און פרעגען: איז וואר
דער נס, וואס מיר האבען געהערט?

* * *

וואס נענארט איהר בלאנקע בליצען?
און דער דונער וואס פארשאפט?
ר׳זייט דעם הימעלס פוילע וויצען,
נישט זיין ליכט און נישט זיין קראפט!

ס׳בליצט? — קאטאוועס טרייבט דער הימעל;
ס׳בלייבט די פינסטערניש אהן ברעג!
און עס שיינט דער אלטער שימעל,
און עס דריקט די אלטע שרעק!

ס׳האט געדונערט! פעסט דאך שטעהען
ד׳אלטע תפיסות וואנט אן וואנט!
אינ׳ם סטעפ דארט וועט עס דרעהען
רעהרלעך גלעזערנע פון זאמד!

פאלשע דונערען און בליצען — —
נישט צושטערט און נישט געשאפט! — —
ווייל איהר זייט נאר פוילע וויצען,
נישט דעם הימעלס ליכט און קראפט!

---

## צייט־געדיכטען.

1.

אך, פארוואס האסט דו, גאט, מיך פארשאלטען,
מיין מזל זאל זיין אזוי שווארץ?
שטענדיג זאל פוילען אין מיר די לעבער,
שטענדיג זאל פלאצען דאס הארץ!

פארוואס זאל שטענדיג אין ד'אוי'רען מיר סווישטשען,
דעם שונא'ס לאכען, פארשווערען;
א האמער זאל שלאגען ביי מיר אין די שלייפען,
און זידען אין ד'אויגען די טרערען!

מקנא זאל איך זיין דעם בעטלער, דעם בלינדען,
דעם דזיאד מיט דער לירע אין טיר;
ווינשען זאל איך מיר ציגיינעריש זינגען, —
איידער צו דינען ביי דיר.

2.

רבונו של עולם, פון אלע די צרות
א קויל מאך און שיס אויף אמאל!
מיר וועלען שפרינגען אין וואסער, אין פייער!
און — „ש מ ע י ש ר א ל!“

קלייב זיי צוזאמען און לאז אויף אמאל
א קלאפ נאך א קלאפ!
קעם אונז מיט אייזערנע ווידלעס, די אדערען
עפען און צאפ!

וואס טויג דיר דאס שטעכען מיט נאדלען, מיט שפילקעס?
א מעסער! קוראזש!
ווי א פראוויזאר זייערסט דו טראפען?
גיס פון דער פלאש!

ווען איינע א צרה, א גרויסע, א דונער,
פאלט פון דער האנט נישט דיין פאן...
נאר דראבנע... די טראפען, די לייזיגע צרות...
די גרינע גאל געהט זיך אן!!!

3.

אז אקס א יונגער גיט ראפטום אין שטאל
— „רבותים!" א הארציג געשריי;
„אט האט ער, דער קצב, ערשט נעכטען פון שטאל
גענומען זיך אונזערע צוויי!

—„ער האט זיי ערגעץ פארטריבען, געקוילעט...
היינט, זעה איך, שלעפט ער נאך איינעם,
רבותים, דער קצב, ער וועט אונז אויסקוילען,
ער האט קיין רחמנות אויף קיינעם!

—„שארף איז זיין מעסער, עס וועט דאך נישט בלייבען,
רבותים, קיין קלאה פון דער סטאדע"...
דאס הערען און קרעכצען ביים זשאלאב די קעלבער,
די עקסלעך מרוטשען: „אודאי!"

עס שטעהען פארצווייפעלט, און כליפען און קרעכצען
אַקסען און קעלבער און קיה.
און דרעהען זיך איבער צום שטיר־אַקס און פרעגען:
„רבי, וואס זאָגט איהר דערצו?“

די הערנער די גרויסע הויבט אויף דער שטיר־אַקס
(ווי ווייט עס ערלויבט איהם דער שטריק):
„די יונגע לייטלעך, — ברומט ער ליצנות —
„זיי זענען נאַר היינט אַן אַנטיק!

„ליעב האָבען זיי נאַר צו גריבלען, צו קלערען...
רבותי, צי פּאַסט עס פאר קעלבער?
עס איז קיין נייעס נישט! די וועלט איז דיזעלבע,
און איך אויך „שטיר־אַקס“ דערזעלבער!...

„איז שטענדיג דאָס זעלבע: מע׳ קוילערט לאחדים,
איינציגע זעהט מען נאַר טרייבען;
דאָס מעסער ווערט שטומפּיג, דער שוחט וועט שטאַרבען,
איינס נאַר — די סטאַדע וועט בלייבען!“

## 4.

## גאָט זאָגט:

די אומות העולם—זיי האָבען מזלות,
פאר זיי זאָרג איך נאָך נישט א קריש!
איינער א כראַביע, דער צווייטער—א פּריץ,
דער דריטער—געבוירען א סטרוזש!

דעם צאָהלט דאָס קרוינדעל און יענעם—די שליפּעס,
דעם גיבען די גיטער צו פרעסען;
דעם וועט דער בעזעם נישט קיינמאָל פאַרלאָזען,
כ׳מעג אַן זיי אַלע פאַרגעסען!

כ׳דארף אויף זיי קיינמאל קיין אויג נישט צוווארפען,
און דארף גארנישט פרעגען, ווי ס׳געהט׳ן...
אויסער, אז איינעם עס טרעפט א שלים־מזל,
און—מע׳פארשיקט איהם אין קייטען...

נאר מיין בן־יחיד, מיין פאלקעל ישראל,
ד א ס איז אן אייביגע נגע!
עס טוט מיר, כביכול, שוין באנג דער הר־סיני,
וואס האט מיר געטויגט נאר די פּגע?

דארף ער פרנסה, א־ה א! קריעת ים סוף!
דארף ער א שדוך — געה טראכט!
מלמד־געלט דארף נאר א שוסטער א וויסטער,
וועקט ער מיך אויף האלבער נאכט!

און קאן זיך אהן מיר נישט קיין יארמעלקע קויפען,
און אהן מיר נישט קיין בגד פארלאטען.
מחילה, די פלודערען, — מאכט זיך א שפעלטעל,
הויבט ער אן טאטען און טאטען.

און עסט נישט, און טרינקט נישט, און פאסט נאר תעניתים.
און גארנישט, ער האט נישט קיין מזל!
און לויבט מיך: „כי הנה לא ינום ולא יישן“...
לאזט מיך דען שלאפען, שלים־מזל?!

5.

וואס פאר א מין ח י ה, זאג, ביסט דו, ישראליק,
זעה, זאג מיר, איך בעט דיך, אליין!
ווי לאנג איך באטראכט דיך, אלס מעטאמארפאזען,
א רעטעניש נישט צום פארשטעהן!

אט זעה איך דיך פ ל י ה ע ן, עס דאכט זיך אן א ד ל ע ר,
דו ק ר י כ ס ט שוין — צוריק, ווי א ק ר ע ב ס!

און דאר, ווי א כארטעל, און וועלפיש דיין הונגער.
און קומט א פגירה — א שעפס!

דריי טויזענט יאהר שוין ביסט דו מעלה־גרה,
אן אקס? און שוואד, ווי א פליג!
א האז אינ׳ם לעבען, א פוקס אינ׳ם האנדעל,
קומט מען דיך מעלקען — א ציג!

פון תנועות — אן אף, דו צאפעלסט — א פישעל!
באגראבען, דו לעבסט, ווי א קרעט!
און ווי א הונט ביסט דו דיין שלעגער געטריי
און פאלש, ווי א קאץ, ביי א גלעט!

געווארגען — א הוז און פיהלסט דיך א טכויר,
און ליידסט, ווי אן אייזעל אין מיטען,
פלוצלונג — א קליאטשע! באקומסט דו נאר בייטשען,
קיין האבער וויל קיינער נישט שיטען!

און — שטיל, ווי א טייבעל, מען הערט נישט דיין פארע;
און דאד האב איך פון דיר געלעזען...
דו האסט געהאט אמאל באק־ציין און ווידעל,
א לייב, זאגט מען, ביסט דו געוועזען!

## גאטס חסד.

דו ביסט דאס רחמנות, דער חסד אליין! —
מען וואלט אונז אויף קאשע צוריבען!
עס וואלט פונ׳ם שעפעלע צווישען די וועלף
קיין שריד ופליט געבליבען!

הונגעריגע זענען און דורשטיג די וועלף —
עס וואלטען שוין ביינער געלייכט!
ווען נישט דיין נאמען, דיין הייליגער נאמען,
געלויבט זאל ער זיין און געהויכט!

דיין איינציגע שעפעלע האסטו געווארפען
צווישען די וועלף מיט א תנאי: —
„אט האט איהר דאס שעפעלע, רבותים, און פרעסט
אברים — נאר — מן החי!

שארפט אייך די נעגעל און רייסט פון איהם פאסען
מיט ציינער! און בלוט זאלט איהר כליפען!
נאר נישט צו טויטען! וועלף חס ושלום!
עס מוז אייביג זשיפען!"

א! פאר דעם „אייביג" ווי דאנקט דיר דאס שעפעלע
שטענדיג — סיי ווינטער, סיי זומער!
וואס מעהר מען צופט עס, וואס מעהר מען רייסט עס,
ווערט עס אלס הייליגער פרומער!

און העכער דערהויבט זיך זיין הייליגער „מע!"
ווי דאנק איך דיר. גאט, אין דער נויט!
רבונו של עולם, אך! „מע־מע־מע!"
נאר נישט דערקוילעט אויף טויט!

## השגחה פרטית.

„א פויגעל זאל צום מיטאג זיין!
עס מוז זיין!"
דער קוכער טראכט,
שטעלט א פאל פון ציגעל אויף
און שלאפט דורך די נאכט!

קוים דער מאָרגענשטערן שיינט,
„ציפ־ציפ־ציפ!“ שוין אויפ'ן דאַך!
ערוואַכט דאָס פויגעלע און זינגט
גאָט א שירה, גאָט א שבח!

„ציפ־ציפ־ציפ!“ עס האָט דערזעהן!
צווישען ציגעל דאָרט אויף דער ערד —
„ציפ־ציפ־ציפ!“ — גאָט, דער גוטער,
האָט א פרישטיק איהם באשערט!

און ווי קלוג געלעגט די ציגעל!
דען דער ווינט וואָלט אלץ צוואַגט.
„ציפ־ציפ־ציפ!“ גאָט, דער גוטער,
ווי זיין חכמה שיינט און טאָגט!

„ציפ־ציפ־ציפ!“ און פליהט ארונטער
גלייך צום אָנגעגרייטען גליק...
דער קוכער שטעהט ביים פענסטער גרייט,
שאַרפט דאָס מעסער שוין צום „כיק“.

# מלכותא דארעא כמלכותא דרקיע.

1.

מלכותא דארעא, כמלכותא דרקיע
אויבען און אונטען איז גלייך.
ס'געהען די „דיעליעס“ אין בית־דין של מעלה
גאַנץ זיכער אויף רוסישער שפּראַך.
א סודיא איז איינגעשלאָפען
שכור מן־הסתם.
ווייזט זיך באלד דער פּרעדסיעדאַטעל
יא טיע וו'זובי דאָם.

2.

סאטקאוו האט די גרעסטע דעה,
גבאי אין גן־עדן:
נישטא קיין קלעק פון כרתי פלתי
א לעק פון שפאלער זיידען.
ס'קומט אריין דער סכיזשער מגיד
צי גאר דער מהר"ל,
באווייזט זיך באלד דער שר של יון
„טי קורא נאכאל."

3.

סאמע מאסקוויטער „סלאוויא"
און מען שפרינגט נאר „סוויאט".
אלץ פאשאל, נאר לוט זאל בלייבען,
מיט איהם לעבט מען בלאט.
פאר נח'ן האט געבעטען לוט
מען לאזט אריין דעם שפאק,
און אין דרייען טרינקט מען יין
פאנקא ניע דוראק.

4.

האלילויא און קאל סלאוועז
און באזשיע צאריא,
גאט אליין, ער הויבט זיך אונטער
און שרייט מיט אורא!"
אין סאראפאן שיינט גאר די שכינה,
רוקט ער זיך צו איהר צו;
זאגט זי איהם: וואניא, וואניא,
וואניא, ניע שאלי.

## ער און איד.

זאגסט: „לי הכסף!“ שרייבסט: „לי הזהב!“
דיין איז וואס ס'איז נאר פאראן!
דו, גאט, ביסט רייך! לײדער בין איך
א קבצן, אן ארעמער מאן.

## דאס געבעט פון שעפעלע.

נישט אין שול און נישט אין קלויסטער
מענשען־פרום, כאטש מאנקילאט,
קניהט דאס ווייסע פרומע שעפעל,
ניסט דאס הערצעל אוים פאר גאט.

עס פארקרימט זיך מיט כונה,
טרערען קאפען צו צום „רימעל“;
שטעקט די פאדערשטע צוויי פיסלעך
גלייך ארויף צום בלויען הימעל!

ס'ציטערען די ווייסע צויטען,
און איך הער זי ווײנען, טענ'ען:
גאטעניו... זאל כאטש א רגע
אויף מיין קאפ דיין חסד שיינען!

שענק מיר דיין גענאד א רגע,
גיב מיר קראפט אויף איין מינוט;
לאז מיך אויך אמאל פארזוכען
שאפען־פלייש און שאפען־בלוט!

עס מוז זיין א זעלטען מאכל...
פארוואס קומט עס פון דור־דורות
נאר דעם ליב, דעם גרויסען ווינער,
צי דעם בער, דעם אפיקורס?

. . . . . . . . . .

## כסא שלמה

וואס רוישט מיר אין מח,
וואס זעצט ווי'ן א מיהל?
שלמה המלך'ס
גאלדענע שטול!

עס לאזט מיך די שטול —
די גאלדענע פראכט —
נישט רוהען בייטאג,
נישט שלאפען ביינאכט.

עס מאכען מיך טויב
די גאלדענע בערען;
עס מאכען מיך בלינד
בריליאנטען, ווי שטערען;

עס רוישען די שפארבער,
עס וואָרקען די טויבען;
עס בלענדט אלאבאסטער
און פערעל, ווי טרויבען,

פייגעל גינגאלדענע
בלישטשען און פראנגען;

עס סאפּען אופיר'ענע
עגדישען, שלאַנגען ;

עס רוישען די אַדלער
מיט גאָלדענע פליגעל,
עס בלאַנקט די מנורה —
א גאָלדענער שפּיגעל...

און אַקסען און שטירען
בלעקען און וועקען ;
עס קאַפּעט דער בוימעל
פון גאָלדענעם בעקען.

*

איך וועקען אין הארצען
א זעלטען געפיהל
דריי פרויען־געשטאַלטען
פון איבער דער שטול —

און איך דערקען זיי
די פרויען־געשטאַלטען : —
אין צאָפּ אינ'ם גרויען,
אין קאָפּ אינ'ם אַלטען

דערקען איך ד'אמונה,
אין דרייען געבויגען...
און פייכטליכע, גרינע,
פאַרגלעזערטע אויגען,

פאַרגלייסטע צום הימעל
מיט תפלות, כונות —
נאָר הארט איז די שטימע !
קלינגט אהן רחמנות

פון ברויז־דארע ליפען
נאר חרם, נאר אסר;
און, ווי די דערנער
שטעכעדיג מוסר!

די חכמה דערקען איך
אן ברייטליכען שטערן,
געקרייזעלטע לאקען
אויף ד'אקסעל צולאזט;

אויגען בריליאנטען
לייכטען, ווי שטערען,
לייכטען דאך רוהיג
און קאלט, ווי דער פראסט!

און שטענדיג דורך ברילען...
א וואג אין דער האנט;
אלץ וואלט זי געוואויגען:
דעם מעך אויף דער וואנט,

די שטערען אין הימעל,
דאס קליינוואַרג אין טייך:
אלץ דארף זי וויסען,
און אלץ איז איהר גלייך!

עס שטעהט נאך די אמת...
פון קאפ ביז די פיס
פארהילט אין א שלייער!
ווייל שרעקליך און מאוס

איז נאקעטער אמת!
מען האט זי פארשטעלט;

ווער עס דערזעהט זי,
געהט פון דער וועלט!...

*

עס שמעקט און עס רוישט,
עס בלאנקט און עס בליצט,
לײדער, נישט שלמה,
נאר א ש מ ד א י זיצט

אויף כסא בן דוד!
בן לילית רעגירט!
דאס פּנים, דאס שווארצע,
רוזירט, בלאנשירט;

אין כתר מלכות
די הערנער פארשטעקט...
די הינערנע פיסלעך
מיט פּורפּור פארדעקט.

און טרעפט אלע חידות
פון גוים און אידען...
און שטעלט א־לא־שלמה
די ווייבער צופרידען.

און שניידט אמאל קינדער,
לעבענדיג צו טויט;
עס העלפען די חיות
ארויס פון א נויט!

און שלמה! דער וואנדערט
פארהונגערט, פארשמאכט,
שרייט „אני שלמה“, —
ווער גלויבט איהם? מען לאכט!

„ווער דען איז דארט קעניג?"
מען ווייסט דאך, מען הערט!
ווער ברענגט פון מצרים
זיך ווייבער און פערד?

ווער האט די מלכה
פון שבא־לאנד באגליקט?
מען קרעכצט אויפ'ן: נעבעך,
דער מענש איז פאררוקט!

*

עס שמעקט און עס רוישט,
עס בלאנקט און עס בלענדט:
ס'האט קיינער דעם שד
אויפ'ן טראן נישט דערקענט.

אמונה — די קלערט נישט,
עס פסק'עט די צנועה:
מלכותא דארעא
כמלכותא דרקיע...

און שטיל זיך גע'פועל'ט
דערווייל א פריקאז:
פאר אומגעוואשען
באטש שמייסען אין גאס;

אפקורסים הענגען;
און ווארפען אין טייך
פאר שניידען די נעגעל
אהן עדות און גלייך...

*

פיין איז דער רויזען־אויל,
פיזעם איז נאבעל, —
ס'שטינקט דאך אין פאלאץ
ס'גיהנום, ווי קנאבעל...

די חכמה דערפיהלט עס
און רעדט נישט א ווארט;
פארבייסט זי די ליפען
און שטעהט אויף איהר ארט:

צי האבען דען אלע
פינף חושים קיין טעות,
זי זאל זיך פארלאזען
אליין אויף דער נאז?

מען פיהלט, עס איז אמת,
נו, ס'טרעפט זיך ביי לייט...
קוים, קוים זי רוקט זיך
אפ אין א זייט

און נעמט א שמעק טאבאק;
בארוהיגט זיך באלד...
איין נארישע אמת
דערפיהלט און — געוואלד!

אויף כסא בן דוד
א פרעמדער פארשוין,
ציהט אפ דעם מאנטעל,
רייסט אפ די קרוין!

---

ווערט אשמדאי צארניג,
ווערט אשמדאי שרעקליך!
און גענעראלען,
כהנים מיט גלעקלעך,

מיט בלוט פון קרבנות
און חלב פארפעצט,

אַ צעהנדליג סריסים —
די האָט ער געזעצט
צו משפּט'ן אמת...
עס שווייגט דער „נאַראַד" !
פיינט האָט מען אמת, —
און ווייט איז צו גאָט ;

נאַר סוחרים און שענקער
שרייען : פאַרברענען !
עס בעטען זיך ווייבער :
כאָטש אדערען טרענען !

*

מען ווייסט, אז אָהן רחמים
וועט אויסגעהן א פּסק.
האָט שוין ד'אמונה
א טרער אויף דער באַק.

דאָך קיינמאָל אקעגען
דעם מלכות געשטעלט :
אלמלא מוראה...
הפקר א וועלט !

און וואַרפט אַז עין־הרע —
א בליק צו דער זייט,
ווייסט שוין די חכמה,
וואָס ס'אויגעל באַטייט.

און זעהט, ווי'ן א שפּיגעל
די אַלערליי סחורות,
מיט וואָס זי וועט האַנדלען
עד סוף כל הדורות...

זי זעהט אינ׳ם אויגעל
אט ווידלעם צו פלייש,
הבדלות—צו בורא
מאורי האש;

צוואנגען צו נעגעל
און מעסער צו בריסטען,
און קנאקער צוביינער —
ס׳טאר זיך נישט גליסטען!

און בלייבט פארשטיינערט,
קיין תנועה, קיין קלאנג...
עס האט זי פאר׳כשופ׳ט
די גיפטיגע שלאנג!

*

און ס׳רעש׳ט זיך אין ציון,
עס יאגען זיך מאסען,
מען לויפט אויפ׳ן וואונדער,
מען פויקט אין די גאסען;

קאסטרוי טרייבט מען אמת,
עס קנאקט און עס קנאלט...
די אמת, געשמיסען,
אנטלויפט אין א וואלד;

דארט האט זי געטראפען
א לייב צי א בער...
זאגט נאך איהר קדיש,
זי לעבט שוין נישט מעהר!

# דעם לייבס לויה.

(א הספּה אויף אַלע צדיקים).

די וואַלד־אידעע די טראַגט דער לייב
ערהאבענ, שטאַלץ און איידעל!
ער פּרעדיגט זי מיט לייבען־קול
און בראַניעט מיט'ן ווייַדעל.

פּרעגט די שאַף אויף זיינע ציין,
ער האָט זיי נישט געקאַרנט.
און ביי אייזעל, אָקס און קוה
די וואַלד־אידעע געשטאַרקט...

די וואַלד־אידעע די טראַגט דער לייב,
איידעל, שטאַלץ און פעסט;
חיות'ס הערצער שלאָגען היים
אין די גרעסטע פרעסט!

עס ציהט זיך, ציהט די וואַלד־אידעע
יאָהרען גאָר א מענגע
דורך דער וואַלד־געשיכטע דורך,
ווי א רויטע סטענגע!

ציהט זיך איבער טאָל און בארג
און פאַרבט מיט איהר קאָליר
ס'גרינע גראָז, דעם ווייסען שניי,
טייכען אָהן א שיעור!

*

א בת־קול פליהט אדורך דעם וואַלד,
עס בלאָזט, ווי פון א האָרן:
„דער לייב איז קראַנק!" עס גיט א שטאַך
די חיות, ווי א דאָרן.

א תרועה פליהט אדורך דעם וואלד;
„דעם אפעטיט פארלוירען!“
עס כאפט די חיות אן א שרעק,
ס'ווערט דאס בלוט געפרוירען.

ס'ציהט א שברים דורך דעם וואלד;
„עס העלפט קיין גוטער איד!
מען האט איהם פיזעם שוין געגע'ן,
און דער אלטער ציהט —

אוי, ער ציהט ארוים פון וואלד
צום טאטען און צום זיידען!
אוי, ער האט זיך שוין פארבענקט
צום ליכטיגען גן־עדן!“

*

ס'פליהען שברים דורך דעם וואלד,
א הארן נאך א הארן,
און יעדער קלאנג, יעדעם קול
שטעכט—א שארפער דארן!

ביי די חיות שטארט דאס בלוט,
און דער זאפט — ביי בוימער,
אין בערלאגע גיסט דער בער
טרערען גאנצע עמער.

א שאקאליש וואיען יאגט
פון צפון ביז קיין דרום,
און די צנועות — די היענעס
רייסען איין די קברים —

*

פלוצלונג, טס! פארשטומט דער וואלד!
הערט זיך איין אין שטילען:
ודוי זאגען דארף דער לייב,
ער הויבט שוין אן צו ברילען!

און ער ברילט די ודוי אוים
מיט יאמערליך געוויין,
און קלאפט על חטא ; אין אלטען בויך
קלינגען שטיין און ביין !

גראבע, פרומע טרערען פאלען
אויף די אלטע בעק,
אויפ׳ן מעבר־יבוק ווערט
פון איטליכער א פלעק !

בוימער שאקלען מיט די קעפ,
טרויעריג רוישט דער וואלד...
און דער פרומער אלטער ליוב
גוסס׳ט אפ און — — פאלט !

*

יאמער קלאגען אלע בוימער :
דעם זכות ווער וועט האבען,
פון זיך אן ארון׳דעל צו גע׳ן,
דעם צדיק צו באגראבען ?

ס׳הויבט זיך אויף פון וואלד די קלאג
פייערדיג און פלאם,
וועקט אין מדבר אויף דאס זאמד,
פעלזען ביי דעם ים !

און עס הויבט זיך אויף דאס זאמד,
יאגט פון אלע עקען
פון דער וועלט אין וואלד אריין,
דעם צדיק צו בארעקען.

און די עלטסטע פעלזען קרעכצען :
אוי, ווער וועט דערלעבען

און פון זיך דעם אלטען צדיק
א מצבה געבען?

*

און דעם יאמער, דאכט זיך, טראגען
רוחות אדער כשוף,
איבער וועלדער, סטעפּעס, ימים,
און דערגרייכט צום ישוב.

א געפלאצעריי אויף קוימענס,
ס'ווערען טעפּ צופלויגען,
ז'ווילען אלע גע'ן דעם צדיק
שארבאנעס צו ד'אויגען.

און פון פלאקס אויף אלע פעלדער
פליהט צו גאט וכוחים:
פארוואס קומט זיי נישט די זכיה
איהם צו גע'ן תכריכים?

בריאזעס זיפצען, דעמבעס קרעכצען,
אז עס פלאצט די קארע,
אין די ווינטען, דאכט זיך, וואיען
הינט א גאנצע סווארע...

אויבען ציהען שווערע וואלקען,
דארטען צווישען זיי
שווימען „אחרי־מות־קדושים" —
ח י ו ת א ל ע ר ל י י...

אלטע דורות, פרומע דורות
בלייערן און בלייך...
און עס טריפען זיי'רע שווערע
טרערען פון דער הויך;

און זיי פּאַלען אויף דער מטה,
און עס קלינגען פּושקעס...
און אַ פּיקסעל זאָגט אַ הספד,
אַז עס שניידט די קישקעס...

## ער און זי.

(אַן אַלט־שפּאַנישע פאַבעל).

עס איזט איינע אַלטע געשיכטע,
אונד בלייבט דאָך איממער נײַ...
(ה י י נ ע).

מאַי — נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזען,
און דאָרט איז נישט היימליך די נאַכט...
עס ציטערט דער הימעל; לבנה און שטערען
שווימען דערשראָקען, פאַרשמאַכט —

מאַי — נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזען,
וואו פרעכע מאַרמאָרענע ריזען
שטעכען מיט חוצפּה דעם הימעל דעם בלויען
מיט גאָלדענע, קרייציגע שפּיזען —

מאַי — נאָר עס זינגען קיין פייגעל, עס ווערען
נאָר קירכע־געזאַנגען געהערט,
געמישטע מיט קרעכצען, געשרייען און שלוכצען,
עס דאַכט זיך — פון אונטער דער ערד!

מאַי — נאָר עס סוד'ען זיך דאָ נישט קיין בלומען,
די גלאָקען, זיי מאַכען זיי טויב!...
עס טראָגט דער זעפיר נאָר אַש פון נשרפים,
פון אויטאָ־דע־פעען דעם שטויב!

---

עס שטעכען די שפּיזען, עס קלינגען די גלאָקען,
די קירכען־געזאַנגען — זיי וועקען

פאר׳כשופ׳טע הייזער, סטאטועז, פאלאצען,
— עס דאכט זיך — מיט בלוטיגע פלעקען!

דאך הינטער טאלערא דארט ליגט א גן־עדן
מיט בליטען, און בלומען, און בלעטער —
און דארט אין גן־עדן — עס דאכט זיך — רעגירען
פיעל בעסערע, מילדערע געטער...

---

מאי — און עס איז אין גן־עדן געוועזען,
א ווארעמע ליכטיגע נאכט!
ווי אין א ים אינ׳ם הימעל אין בלויען
שווימט די לבנה פארטראכט!

עס בלאנקען די פרעהליכע, לוסטיגע שטערען,
אין גארטען איז פריש אלץ און גריין;
עס בלאזט זיך א שטיליטשקעס ווינטעל און טראגט
די דופטען פון בעז און יאשמין;

זיס ערגעץ טרילערט א פויגעל פון ווייטען,
און גיסט אויס זיין הארץ אינ׳ם ליעד
פון בענקען און טריישאפט, פון ליעבע און גלויבען,
און טרילערט, און ווערט גארנישט מיד.

עס טרילערט דער פויגעל, עס סוד׳ען זיך בלומען,
באגאסען מיט הימלישע טרערען...
מאי אין גן־עדן! — און „ער" און „זי" זיצען
פאר׳כשופ׳ט, פאר׳חלומ׳ט און הערען.

עס וועקט איהם איהר טרוימהאפטע שטימע:—„א. דיכטער,
פארצעהל מיר פון דיינע מאטיווען!"

דער דיכטער ערוואכט, ווי פון חלום, און ציטערט,
ענטפערט אין שטיל: „איך וועל פרואווען“...

---

—טייל גרויסע—פארצעהלט ער—קושט גאט ביים שטארבען
די אויגען—זיי ווערען דערפילט
מיט נחת, מיט שטילען, מיט ליכט פון גן־עדן,
די שמערצען — איינגאנצען געשטילט.

דעם גאל־טראפען לאזט דער מלאך־המות,
דעם טראפען, דעם מוזען זיי ניפען!
גאטס קוש איז דאך זיס, און עס ווערט פונ'ם טראפען
נאר האניג אויף זייערע ליפען.

מיין העלד פון דער פאבעל איז גרעסער געוועזען,
פריהער נאך האט גאט איהם באגליקט,
און זיין נשמה געקושט נאך אין — א ו צ ר,
ווען ר'האט אויף דער ערד זי געשיקט...

---

צווישען די גרויסע געוועהלטע
איז ער געשטאנען גאנץ הויך:
פון גאטס קוש איז הייליג געווארען
יעדער געדאנקען אין מח!

פון גאטס קוש איז הייליג געווארען
יעדעס געפיהל אין דער ברוסט;
יעדערער לעזט אויף זיין שטערן:
גאט אליין האט איהם געקושט.

איהם שפאלט זיך דער הימעל אין ד'אויגען,
זיין יעדעסווארט איז א ליעד — — — —

הערסט, ווי די נאכטיגאל טרילערט,
אוּן טרילערט, און ווערט גארנישט מיד...

עס קאן זיין, אז זי איז זיין גלגול...
מיט איהם איז גאר זעלטען געשעהן —
ער האט דאס גיהנם — טאלערא,
ע ר  האט הישפאניען געזעהן!

. . . . . . . . . . . . . .

הישפאניען זעהט אויס ווי א שלאכט־הויז...
ער זעהט זיינע ברידער, ווי שאף;
שטרעקען דעם האלז אויס צום מעסער,
לויפען אקעגען דער שטראף!

פארדארט און פארברענט זענען ליפען,
פנים׳ער — בלאסער פאר קרייד,
און גוסס׳ען און שטאמלען נאר ודוי,
און שטארבען פאר שרעק פאר דער צייט.

טייל קושען דאס מעסער ביים שטארבען,
טייל דאנקען נאך גאט פאר דער שטראף —
ער זעהט זיינע ברידער פארלוירען,
פאר׳כשופ׳ט אין לעמער, אין שאף!

הארץ־בלוט פארגיסט זיי די אויגען,
שכור און דול פון דער נויט;
און אך! אויף די פינסטערע שטערען
הענגט זיי אן אויפשריפט: „צ ו ם  ט ו י ט!“

. . . . . . . . . . . . . .

פינסטער קוקט ער אויף די זייטען —
קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון,

קיין דרום — ער הערט נאָר אַ כראָפּען,
א כראָפּען — טייל גוסס'ן, טייל שלאָפען!

. . . . . . . . . . . . . .

און ווי היינט איז זיך געשטאַנען
אַ וואַרעמע ליכטיגע נאַכט.
מאַי — אין אַ ים, אין אַ בלויען,
שווימט די לבנה פאַרטראַכט.

עס בלאַנקען די לוסטיגע שטערען,
זיי בלישטשען און ווערען נישט מיד.
און זעפיר מיט בעז און יאַשמינען...
די נאַכטיגאַל טרילערט איהר ליעד...

. . . . . . . . . . . . . .

דאַס בילד האָט געמוזט איהם אויף אייביג,
דאַס בלוט אין די אָדערען סמ'ען,
פאַריאָגען די גאָלדענע טרוימען,
אָנצינדען בלוטיגע פלאַמען...

פאַרווישט שוין גאָטס קוש פון די ליפּען,
עס ברענט שוין אַ קללה אויף זיי,
פייער און פלאַם איז זיין קללה —
עס הערט זיך זיין ווילדער געשריי:

„פּראָטעסט געגען שאָף, געגען לעמער פּראָטעסט,
וואָס זאָגען נאָר ודוי, וואָס קניהען...
פּראָטעסט געגען גוסס'ען און שטאַרבען פאַר שרעק,
פּראָטעסט געגען שלעפער, וואָס רוהען.

„פון בליץ פונ'ם חלף ערוואַכען זיי ערשט
אום באַלד צו פאַרגעהן אינ'ם בלוט...
פּראָטעסט געגען הימעל, וואָס בלאַנקט אַזוי בלוי
און שמייכעלט אַקעגען דער רוט!

„פראטעסט אויך דער ערד! וואס זאפט זי דאס בלוט?
און ער דארט — וואס מאכט ער א שווייג?!
דער פויגעל פארשאלטען, וואס זינגט ער זיין ליעד,
זיין ליעבעס־ליעד אויף דער צווייג?!“

. . . . . . . . . . . . . .

און גאטס קוש האט גארנישט געהאלפען;
פארשווינדען חלומות און גליק,
עס ברענט אינ׳ם מח נקמה,
גיפטיגע מעסער — אין בליק.

פאר׳סמ׳ט איז זיין בלוט אין די אדערן,
פארשאלטען דאס לעבען, די וועלט —
פארשאלטען דער ארעמער פויגעל, —
ער לויפט אין די גאסען און שעלט!

---

און וואו ער קומט, זידען אויף הערצער,
דער כשוף — פארשוואונדען, פארווישט — —
מען הערט שוין די ודוי פון מענשען
מיט קללות, חרמות געמישט.

עס הויבען זיך הענט אויף און דראהען,
אלץ ווייטער לויפט ער און וועקט...
די האר צופלויגען, ווי שלאנגען,
פון בלוט זיינע קליידער געפלעקט.

פון הארץ מיט א בלוטיגער ראנע,
טריפט און עס צייכענט זיין וועג,
און וואו נאר עס דונערט זיין שטימע,
שניידט אין די הערצער א זעג.

עס זעגט אין די הערצער זיין שטימע,
א בלוט־רויטע פאהן אין דער האנט...
עס ציטערט טאלעדא, הישפאניען!
נאר ליידער —
— „דער סוף איז באקאנט".

ענטפערט זי טרוימעריש טרויריג,
„עס קלינגען מיר קייטען אין ד'אוירען...
אויפשליסען — הער איך — פארשליסען — —
עס סקריפען די אייזערנע טוירען..."

ער ענטפערט איהר פינסטער: „נאך ערגער".
— „וואו וועסט דו דיין העלד נאך פארפיהרען?"
זי כאפט איהם די האנט אן דערשראקען:
„צי וועסט דו איהם לאזען מ ע ר ט י ר ע ן!"

„דו לאזט איהם פארברענען?"
— „נאך ערגער."
— „נאך ערגער? וואס קאנסט דו דען מעהר?"
א שמייכעל פארקרימט זיינע ליפען:
פיעל ערגער, נו הער!

---

— „וואס העכער דער מענש איז ביי גאט —
מעהר מישט זיך דער טייפעל אריין;
קומט אויף זיין וועג אן געפלויגען
פון ווייטען א צויבער־רידוואן.

געשפאנט איז דער וואגען מיט מענשען,
מיט מענשען פאר'כשופ'ט אין פערד;
זיי פליהען און שפריצען מיט פייער,
און — ריהרען קוים ליכט אן די ערד...

אין וואַגען דאָרט זיצט א מכשפה,
מיט א שפּיצרוט אין דער האַנט,
ליליען־בלאַס איז איהר פּנים,
נאָר אין די אויגען די בראַנד!

אך, טיף, ווי ס׳גיהנם, די אויגען,
און אין זיי גן־עדן — א תהום...
זיי שפּריצען מיט שטראַלען, און זעלען
זאַפּען זיי איין, ווי א שוואָם...

און ליפּען, אך, האָט זי — צוויי רויזען,
האַלב אָפען, אָט־אָט — דאַכט זיך — פליהט
פון זיי אויס די הייליגסטע פאַרמעל,
א צוזאַג, א מאַגנעט, וואָס ציהט

מיט צוואַנגען אויס האַרץ און געדערים;
און קושען, וואָס גיפטען, פאַר׳סמ׳ען
דאָס בלוט אין די אָדערען, גיסען
אין האַרץ אריין פינסטערע פלאַמען...

. . . . . . . . . . . . . .

„און „ער“ איז געבליבען פאַרשטיינערט,
פאַרוואונדערט אויך קוקט אויף איהם „ז י“,
און שטעהן איז דער רידוואַן געבליבען;
און ער איז געפאַלען אויף די קני“!

ער שווייגט און זי מאַנט זיך די רעשט —
ער זאָגט איהר: „דער סוף איז באַקאַנט,
פאַר׳כשופ׳ט אויף אייביג, מיין העלד,
ער פליהט שוין אין רידוואַן געשפּאַנט!

ער פליהט שוין און שליידערט מיט פונקען,
גלייך אלע באַצויבערטע פערד —
און שטיל שוין און אויס פּראָטעסטירען — —
שטיל שוין אויף הימעל און ערד!

פון ווייטען נאָך רוישען די רעדער,
פערד אמאָל הערט מען נאָך סאָפּען,
שטיל מערב און מזרח, און צפון,
און דרום — מען הערט נאָר כראָפּען.

טייל שלאָפען, טייל גוסס'ען, טייל שטאַרבען,
טייל לויפען אַקעגען דער שטראָף,
עס שטרעקען שוין ווייטער די העלזער
די מענשען, פאַר'כשופ'ט אין שאָף;

מען ברענט און מען קוילערט, נאָר ש ט י ל ע ר,
און אַך — ווי אַ שוואַם איז די ערד!
דאָס בלוט, וואָס וויל זידען און קאָכען,
זאָפּט עס פון אונטער דער שוועֶרד...

און שטיל איז דער הימעל דער בלויער —
עס בלאַנקען לבנה און שטערען,
בעז און יאַשמין אינ'ם ווינטעל,
דער פויגעל לאָזט ווייטער זיך הערען..."

---

— „שוויערינ — זאָגט זי — איז דיין פּאַבעל!..."
עס ווייזט זיך אַ פינסטערער פלאַם
אין זיינע אויגען. ער זאָגט איהר:
„עס איז נישט קיין פּאַבעל, מאַדאַם...

„פאַר מיינע אויגען — טאָלעדאָ!
דאָך שוואַך איז די דיכטער־נאַטור!
און רעדענדיג פיהל איך, ווי ס'רוקען
פון קאָפּ מיר אויף ד'אַקסעל די האָר...

„און שטייף ווערט די הויט מיר גאר זעלטען!
איך פיהל מיך גאנץ פערדיש, מאדאם!
און סאפע און לויף איבער וועלטען...
מיר דאכט זיך אזוי, מן הסתם!“

## ער און זי.

ווען ער איז געוועזען אין גוטען הומאר,
(עס האט זיך שוין לאנג נישט פאסירט;
אלץ דורכ'ן חורבן... און אפשר — ווער ווייסט?
ווי אלע פון וועלט־שמערץ געריהרט!)

נאר ווען ר'איז געוועזען אין גוטען הומאר,
האט ער, כביכול, געלאכט;
און, שפילענדיג, נייע נשמה'לעך צוויי
פון הימלישען זעפיר געמאכט!

איינע—פול שעהנהייט, פול איידעלמוט, גוטע...
מיט זיסע חלומות באשיט;
די צווייטע—פון אמת, פון יושר און משפט...
באקוקט און געשמייכעלט: ס'אי'גוט!

און נעמט זיי און ווארפט זיי אריין אין א זעקעל,
וואו אלע נשמה'לעך ליגען;
„זיי וועלען דארט אונטען זיך זוכען, געפינען“ —
— שמייכעלט ער מיט פארגעניגען —

„און קוים וועט די ווארעמע זון אויף זיי שיינען,
וועט פון זיי ווערען שוין לייט!“
ער נעמט און צומישט די נשמות אין זעקעל,
און ווארפט עס אוועק אין א זייט.

דאָס וואַרפֿט ער פֿאַר כעס, — געקומען מלאכים
און בוקען זיך, בויגען און שפּרינגען...
און „קדוש“, און „קדוש“, און נאָכאַמאָל „קדוש“, —
ווייטער דאָס א י י ב י ג ע ז י נ ג ע ן.

און ווען ער פֿאַרציהט דאָרט אין הימעל די ברעמען...
נו, פֿיהרט דאָ דער טייוועל די וועלט;
א י ה ם האָט ער אין מ ז ר ח געוויזען זיין שטערן,
א י ה ר ע ן אין מערב געשטעלט!

ער האָט זיי פֿאַרשידענע וועגען געוויזען,
און וואָס אמאָל ווייטער פֿאַרפֿיהרט
אין אייביגען זוכען און בענקען און קרענקען...
אזוי האָט דער טייוועל רעגירט!

דערנאָך ערשט אין הערבסט, ווען אָהן בלומען, אָהן זון
איז קויטיג פֿאַרגאָסען די וועלט,
האָט ער זיי ביידע צוזאַמענגעפֿיהרט,
אין זומפּ אריין ביידע געשטעלט!

זיי האָבען זיך ביידע שוין גאָרנישט דערקענט,
גערעדט שוין גאָר אנדערע שפּראַכען!
צוגאַנגען, אפילו די הענט נישט דערלאַנגט;
דער טייוועל, דער פּלאַצט שיער פֿאַר לאַכען!

## פֿ ר י ה ל י נ ג.

דו זעהסט, די ערד האָט זיך באַפֿרייט
פֿון שלאָף — פֿון פֿראָסט און שניי!
דו זעהסט, די ערד האָט זיך באַנייט
און לעבט און אָטעמט פֿריי;

ווי מיט דער שטאר־פארהאסטער פעל
האט לייכט געמאכט אן עק
דער בלויער טייך! און אויף דער שטעל
טרייבט ער שוין זיין וועג!

אפגעשאקעלט האט דער וואלד
דעם שניי און בליהט, און שפראצט,
און אויך דאס שוואכסטע גרעזעל שפאלט
זיין „אונטער דר'ערד" און גלאצט,

און זוכט די זון, די פרייע וועלט,
און ציהט און זויגט זיין גליק!
און הערסט, ווי איבער בערג און פעלד — — —
„צירים! — צירים! — צירים! — "

„צירים — איך לעב, איך שטרעב, איך וויל...
איך שלאף שוין נישט, א, ניין!"...
נאר מיין פאלק איז פויל און שטיל,
נישט געוועקט נאך, ניין!

*

* *

אמאל,
אין א גאלד־באפלאסענעם טאג,
מיט גאלדענער יוגענד באשטראלט,
האב איך דעם בוים געפלאנצט.
און אין זיין קארגען שאטען
זיץ איך גאנץ איינזאם אצינד,
אונטער דער אייגענער לאסט געבויגען,
פון בלייערן־שווערע געדאנקען געדריקט...

ע ר בליהט...
ווער האט מ י י נ ע בליטען־חלומות געריסען?

מ י י נ ע בליטען־חלומות צושטרייט אויפ'ן ווינט,
און אויסגענאַגט מיין הארצען־זאַפט מיט דורשטיגע ליפען?!

ע ר בליהט...
פון הינטען — הינטער מיר פאַרנעם איך טריט.
רוישען פייגעל אין דער לופט
אדער — דיין מאַנטעל, ליעבסטע?!

עמיץ גענעהנט זיך שטיל,
נעמט מיר דעם קאָפּ אַרום פון הינטען,
צוויי קאַלטע הענט פאַרשטעלען און דריקען מיר די אויגען צו...
— איך בין דער מוית!
איך געה אצינד נאַר פאַרביי,
איך וועל קומען צוריק.
פאַרזינגלען וויל איך דעם קוואַל, פון וועלכען דו טרינקסט;
פאַרלעשען די פאַרבען פון וואַלד און פעלד,
פון זאַנג און בליט, אויף וועלכע דו קוקסט,
און פון הימעל און שטערען,
און פון אויג, און געזיכט...
און די פרוכט פון בוים דיר פאַרגיפטען — — — —

— ווי קאַלט זענען דיינע הענט, טויט,
ווי פראָסטיג דיין אָטעם איז, —
מיט מיר טו זיין ווילען,
נאַר לאָז צורוה מיין בוים...

## י ו כ ב ד.

איך שטעה ביי דיין וויגעל,
איך שטעה און איך קלער...
אויף דיין בלאַס פּנים
טריפט מיין טרער.

מיין ביטערע טרער...
קינד מיינס, דו נויגסט
צו מיר צו דיין קעפעל;
דיר חלומ'ט — דו זויגסט...

נאר זאג מיר, מיין קינד,
וואס זויגסט דו ביי מיר;
וואס שטעקט אין דער מילך,
וואס האסט דו פון איהר?

זויגסט דו מיט'ן גיפט,
וואס אין דער מילעך פליסט?
זויגסט דו מיט'ן סם?
צי דיין מאמע גיסט

נאר מילך פון דער ברוסט,
צי פיאלון פון קוואל?
צוגעהט אין דיינע ליפעלעך
דאס ביטערקייט, די גאל?

---

איבער דיין וויגעלע
שטעה איך איינגעבויגען;
שטראלען שווארצע, פינסטערע
שיטען מיינע אויגען.

ראזיג־דין דיין הייטעלע —
זיי דרינגען דורך די הויט...
קינד, זאג, וואס וועט זיין פון דיר...
איך שרעק מיך, אך, מיך גרוילט...

---

וואס שלאפט דארט אין דיין מוח'עלע?
ווייסט דו, ווער דו ביסט?
ביי דער ארבייט שטעהען מיר...
דרעהסט אוועק פון ברוסט

דיין קעפּעל צו דיין טאַטען דאָרט,
וואָס שטעהט אונטער דער רוט
נאַקעט, פון דער זון פאַרברענט,
באַפּלעקט פון אייגען בלוט...

איבער זיינע אַקסעל פייפט,
שווישטשעט, ווי א שלאַנג...
און די פרענגעס פון דער בייטש
שטעהען לאַנג, אַ, לאַנג!

דרעהסט אוועק דעם קאָפּ פאַר שרעק,
צוריק שוין ביי דער ברוסט...
זויגסט דו אויס פון איהר דעם סם?
ווייסט דו, ווער דו ביסט?

און אז פרעה'ס טאָכטער גלעט,
לאַכסט דו מן הסתם!
פּרעה'ס טאָכטער איז דיין מאַמע
און איך — בין דיין אַם?

איך זויג דיך מיט מיין בלוט, מיין קינד,
זויג דיך טעג און נעכט...
צי זויג איך אויס א פרייען מענש,
צי זויג איך אויס א קנעכט?

וועל איך צו די טויזענטער
נאָך א קנעכט דערציהען?
וועסט פאר פרעה'ס געטער נאָך
און פאר פרעה'ן קניהען?

אונז וועט טרעטען פרעה'ס פוס,
לעקען — דו זיין שטויב?
ניין! זאָל בעסער זיין דיין לייב
ווילדע פייגעלס רויב!

איך וויל אליין דערשטיקען דיך!
ווארפען אין דעם ניל!
שלינגען זאל זיך בעסער איין
דארט די קראקאדיל!

---

און אפשר דריקט די קנעכטשאפט שוין
די שמאך אין דיינע אויערען;
קייטען קלינגען הערסט דו שוין
ביסט אין זיי געבוירען!

אפשר זאמלען זיך שוין היינט
אין הארץ ביי דיר די קוואלען,
און עס דרינגען דורך דיין הויט
די פינסטער־שווארצע שטראלען?

אפשר פיהלסט דו דאס געיאמער,
וואס פארפילט די לופט...
און באהאלטסט ביי דיר אין הערצעל
אלע טראפען גיפט...

און דו פיהלסט שוין!... מיינע ליעדער
האלטען זיך ביינאנד
מיט'ן שווישטשען פון די בייטשען
אין דעם מצרי'ס האנט...

און עס מישט זיך אלץ צוזאמען,
אלצדינג אין דיין מח...
און דו וועסט א העלד אויסוואקסען,
דו וועסט קריגען כח...

און דו וועסט די יאך צוברעכען...
און באפרייען ברידער...

. . . . . . . . . .

סם איז, קינד מיינס, אין מיין מילך,
סם אין מיינע ליעדער...

## די שול־קאַלניע.

פינסטער איז אין אונזער גושן,
פינסטער, ווי אין אָרון־קודש...
דורך די הויכע שינדעל־דעכער,
איינער געה'ר צום פּרנס־חודש.

און דער צווייטער צום בעל־טאַקסע;
דעם בעל־טובה'ס שטעהט נאָך העכער.
פון פּראַצענטען און מסירות
וואַקסען ריזיג הויכע דעכער.

אויך פון קמיעות און פּדיונות...
ליכטלעך ציהען קליינע קינדער,
און עס וואַקסט ביים זייפענזידער
אויך א דעכעל, גאַר א וואונדער!

און אין מיטען, איינגעהויקערט
(טויזענט־יעהריג איז דער גאַרב!),
אנגעשפּאַרט, ווי אויף א קריקע,
אויף א קרומען גרינעם שקאַרפּ.

שטעהט ווי אין א שרעק פאַרגליווערט
ד'אַלטע, דורכגענעצטע קלויז;
און פון שקאַרפּ, וואָס האַלט זי אונטער,
וואַקסט א קאַלינע ארויס...

צווישען ריזיג־הויכע דעכער
וואַקסט זי פינסטער און באַהאַלטען;
ציהט פון אַלטען שקאַרפּ חיונה,
אַלטע שטיינער מוז זי שפּאַלטען!

און עס קרענקט דאָס שוואַכע בוימעל,
שטענדיג אויסגעדאַרט און בלייך...
מיטאָג... תמוז! און עס בעטעלט
קוים א שטראַל אוים פון דער הויך!

קוים א שוואַכע שטראַל, א מאַטע, —
אַך, עס פריהרט אזוי דאָס בלוט!
ווען די גרויסע שינדעל־דעכער
גלאַנצען, ווי מיט גאָלד באַשיט

. . . . . . . . . . . . .

ווי א גייער אויף א טייבעל —
פלוצלונג שיסט אַראָפּ די נאַכט
אויפ'ן אָרעם ענגען גושן —
און די קאַלינע פאַרשמאַכט!

הויבט זיך מיט די לעצטע קרעפטען
צו דעם הימעל אויף, און בעט
נאָך א שטראַל, נאָך איין סעקונדע
וואָרעם ליכט! — אַך, שוין צו שפּעט!

ווערט שוין פול די קלויז מיט [illegible]
און זיי „דאַווענען" און „לייענען"...
פול תכריכים, פול סקעלעטען —
און זיי שאָקלען זיך און וויינען...

אַלטע בכיות, אַלטע תפלות,
ס'אַלטע ברעכען זיך די הענט...
און דער פוילער מתים־אָטעם
שלאָגט אַדורך די נאַסע ווענט —

און צושפּרייט זיך אינ'ם גושן,
און עס שרעקט אזוי, און גרוילט;
און פון שרעק און מתים־אָטעם
דאָרט די קאַלינע און פוילט.

און עס ווייכען אַלע פייגעל
די סוכאָטניצע אַהן לונגען;
קיינער וויל זיך דאַ נישט נעסטען,
קיינער זעצט זיך דאַ נישט זינגען!

פליהט אַדורך אַמאָל אַ פויגעל,
זעהט זי פוילען דאָרט אין עק,—
רייסט זיך פלוצלונג אָפּ זיין ליעדעל,
און ער פליהט פאַרשטומט אַוועק!

אַך, עס פליהט דער פרייער
צו דעם פרייעם פרישען לעבען,
וואו געזונטע בוימער וואַקסען,
און די גרויסע פייגעל שוועבען...

וואו דאָס ליעדעל פליסט פון הארצען
און עס הויבט זיך העכער, העכער...
און עס פערעלט זיך די משקה
אין געגילטען לעבענס־בעכער...

און דער טאָג האָט זון און הימעל,
און די ליעבע הערשט ביינאַכט...
און די קאַלינע פון קלייזעל
בלייבט דאַ עלענד און פאַרשמאַכט!

## דער בעל־עגלה.

(אַ שמועס).

— וואָס פ אָ ה ר ט איהר נישט, איד?
— „דער ו ו ע ג איז שלעכט,
די ב ל אָ ט ע — געדעכט,
דאָס פ ע ר ד ע ל מיד!

. . . . . . . . . .

„עס אַרבייט מיט די זייטען,
מיין בידנינקע פערד!
נישט דאס וואס פארצייטען —
אַלץ איז אין דר'ערד!

„הויט און ביין ס'פערדעל, זעהט!
און גלויבט מיר, בעל־הבית,
דער מענש אליין, דער מענש אליין
איז אויך שוין נישט דאס!"

2.

עס שלאָפעט דאס פערדעל
אין בלאָטע, און שלאָפעט,
דער הימעל האַלט אונטער
און קאַפּעט, און קאַפּעט...

עס נעמט דורך דיביינער
די נאַסליכע קעלט...
דער נעבעל פאַלט טיפער
אראָפּ אויפ'ן פעלד!

און אויבען, און אונטען
אַלץ גרויליך, און שיטער...
ער זיפצט אַלץ אינאיינעם:
„די צייט איז גאָר ביטער!"

שוואך איז זיין שטימע
און טרויריג אָהן שיעור...
איך ווייס נישט, צי רעדט ער
צו זיך, צי צו מיר?...

3.

— „וואו נעמט מען די אַלטע,
וואו נעמט מען די יאָהרען?...

מע'פלעגט דאך מיט פערדלעך,
וויי לייבען צו פאהרען!

פון גאט א פרנסה, —
ס'איז גארנישט פאראנען...
אבוואל אין מיין וויג
איז קיין בייטש נישט געשטאנען...

געלערנט אין א ח ד ר...
נאר — זעהט איהר שוין — פטור!
מען שטארבט נישט פאר הונגער
און גאט איז א פאטער!

געווען דאך א תענוג,
איהר מעגט עס מיר גלויבען...
א פייף — און עס פליהען
די פערדלעך, ווי לייבען...

די בייטש — נאר פאר גאוה...
קנאקט אבער, און אבער...
קנאקט אין דער לופטען;
עס פעהלט נישט קיין האבער!"

4.

„אוי, בעל־הבית,
גאר אנדערע צייטען;
א מענש האט געלעבט,
ווי עס לעבט זיך ביי לייטען!

זאט איז דאס פערדעל,
און דער בעל־עגלה...
געשפאנט שוין די בריקע,
באלד נאך הבדלה...

מע׳ אַרבייט — אַז אייזעל,
עס פּלעגט דאָך צו לוינען...
אַהין געהט די בריקע
מיט קנאַפּ גאָר פאַרשווינען...

נאָר טויזענטער רובעל
געטרויט מען אַ אידעל!...
מע׳ זיצט אויף דער קעלניע,
מע׳ זינגט זיך אַ ליעדעל!

זדראַוואַ די פערדלעך,
קיין זאַלץ, קיין סאַפּ...
נאָר: העיטאַ און ווישטאַ...
נישט זעלטען — אַ קאַפּ...

און דאָס איז געוועזען,
כ׳בין מודה, אַ זינד...
און אפשר באַצאָהלט מען
דערפאַר אונז אַצינד!...

ווארים (פאַרשטעהט איהר)
„אַ קאַפּ איז די טייטש:
אַן איבריגע קללה,
אומזיסטיגע בייטש;

אַ בעל־עגלה׳ם
קונצעדיג מאַיען,
וואָס צער בעלי־חיים,
ווער צער בעלי־חיים...

מע האַקט אין די זייטען
מע מאַכט זיי שיער בלינד...
וואו נעמט מען די פערדלעך,
וואו נעמט מען זיי צינד!

„וואו נעמט מען די פערדלעך,
איך וואָלט זיי געקושט!“
ער האָט זיך בגנבה
די אויגען געווישט...

5.

— „עס אַרען די פערדלעך
קיין שניי און קיין רעגען,
פרייטאָג פאַר צוועלפען
צוריק שוין די וועגען!

פאַרשפייזט איז דאָס שטעדטעל!
די קרעמער — אַ רעדעל...
ס'כאַפּט יעדער זיין פּעקעל...
איך זיץ שוין אין בעדעל,

„און גאָר אויף „ע ל י ו נ י ם“,
און קום אַהיים פריש...
דער שמייסער שיט האָבער,
פריידעל קאָכט פיש!

און איך, בעל־עגלה,
בין רייכער, ווי קרח,
און נעם מיר אַהיים נאָך
אויף שבת אַן אורח...“

6.

„אַ שולכעל האָב'מיר
געהאַט גאָר באַזונדער;
אַ קליינינטשקעס, אַ פּיצעלס,
נאָר שעהן גאָר אַ וואונדער!

גמאַלט, אַ מחיה,
די טישען, די בענק...
פון יעדען וועג ברענגט מען
דער שול אַ געשענק!

געהט אייזען — אַ זאַוויאַסע,
אַ שלאָס צו דער טיר;
געהט קופּער — אַ צאַפּען
אַ נייעם צום כיור.

אַ שויבעל צום מזרח
טרעפט זיך — אַז גלאָז...
און אַזוי פיהרט זיך:
דער יענעם און דער דאָס!

מע קלאַפּט נאָך צוזאַמען
צו גראָשען כמעט,
קריגט שוין די תורה
אַ כתר, אַ יד.

עס קלינגען די גלעקלעך...
איך פיהל מיך בעל־הבית...
דער ע נ ג פון ש ב ת,
איז אויך שוין נישט דאָס!"

7.

„געוועזן גוטע יאָהרען,
וואָס פרעגט איהר אַ קשיא!
אַ קוגעל... אַ דרימעל...
און חומש מיט רש"י...

„מיר האלטען א רבי'ן...
דאס תורה'לע ציהט...
שוין, געבעך, א נפטר
א כשר'ער איד...

איהם האב איך טאקע
אין חדר געגעבען
צו די דריי יאהר
מיין נטע'ל, זאל לעבען.

עס ווייזט זיך מיין נטע'ל,
א קעפעל — ניש־קשה!...
צום פיערטען יאהר — חומש...
א שמחה, א דרשה!

דערנאכטען — בר־מצוה —
עס פליהען די יאהרען.
דער רבי זאגט: ממש —
א ווילדער זכרון..."

8.

„און ער איז געראטען
אריין אין דער מאמען;
ד'אויגעלעך ברענען,
די בעקעלעך פלאמען...

בטבע — א דימענט,
א שטילער, א מתן;
און גאט האט געהאלפען —
ווערט ער א חתן...

איך פאהר דאך און פאהר
און זעה א שטיק וועלט;

זוך איך קיין יחוס,
אוּן דאַרף נישט קיין געלט...

איך טו מיט א שוסטער...
איהר האט געמוזט הערען:
דער שוסטער עקיבא...
דער עיקר — דאס קרן.

א מיידעל — אן אוצר,
א מיידעל — א רויז...
עס פרעהט זיך מיין פריידעל,
די שמחה גאר גרויס!...

פארזארגט איהר בן־יחיד...
ווי גאט האט באשערט!
זי כאפט אלע כלים
און טראסקעט אן דר'ערד!..."

9.

נעווים שוין די מעשה
נישט איינמאל געהערט,
עס ווירקט דאך דאס „טראסקען" —
שטארק אויפ'ן פערד;

עס הויבט אויף די פיסלעך,
עס געהט שוין געשווינדער.
— „אוי, — קרעכצט דער אלטער —
דאס נחת פון קינדער!

און אז פון דער חופה
מיר געהען צוריק...
ווערען מיר שיער ביידע
משוגע פאר גליק...

צובעטשעט זיך פריידעל
און טאנצט מיט'ן קוכען...
און מיך אזש צוזעצט עס,
און הויב אן צו פלוכען!..."

10.

— "א מענש וויל זיך נארען,
וויל אלץ פארזארגען;
ה י י נ ט איז איהם ווענינ,
אלץ שפעטער, אלץ מארגען...

א זוהן? נאך אן אנעק...
מע האפט אויף משיח'ן,
ווינדעלעך, שנירען,
פון לייליכער ציכען!...

עס איז געוועזען,
וואס קלערט איהר, "ליהודים"!
איך שלאף אויף דער קעלניע,
און טייל די כבודים!

און פיהר אין דער בריקע
א וויג, א פלאש וויין!...
א בראך זאל געשעהן נאר
דער הינטישער באהן!"

11.

— "אוים בריקעס — וואגאנען!
עס פייפט שוין און קנאקט!
טויט בעל־עגלה'ס,
באוואקסען דער טראקט...

עס פליהט אן א זייט גאר,
עס פייפט און עס לויפט!...
איינס נאכ'ן צווייטען
די פערדלער פארקויפט...

דאך נישט, ווי עס רעדט זיך,
נישט אזוי באלד;
יאהרען לאנג פאלט מען...
מע' פאלט און מע' פאלט...

עס ווילט זיך נישט גלויבען...
מע וואוינט נישט אין פעלד...
עס געהט קיין רציחות...
א וועלט איז א וועלט!

ביז ס'איז געווארען
פון הייזעל א חורבן...
די בריקע — צופאלען...
פיין פריידעל — געשטארבען..."

12.

— „נעבעך געגאנגען
פאר גויט פון דער וועלט...
און קיין מצבה
עד היום געשטעלט...

ביים שכל געשטארבען...
זי זאגט אזוי גלייך:
איך וועל מיך מיהען
אין הימעל פאר איך.

כ'וועל מאכען קולות,
זיין רחמים זאל זידען!

און זאָל נישט פאַרלאָזען
אַז עדה מיט אידען

זאָל שטאַרבען פאַר הונגער!
דאָס איז נישט קיין קונץ...
אַ זאַנגריין איז זי
געוועזען ביי אונז

אין עזרת נשים...
געקאַנט האָט זי זאָגען!
נאָר ווער ווייסט, צי וועט זי
זיך דאָרטען דערשלאָגען?

דאָרט איז מעהר ספּראַוועס,
ווי דאָ, מן־הסתם...
אַ וועלטעל מיט אידלעך,
און כחול הים! —

פאַר איהר איז דאָך גלייכער,
אַז ז'האָט נישט געזעהן...
די שפּעטערע זאַכען...
נייעס איז געשעהן!..."

13.

זיין שטימע ווערט שוואַכער
און רייסט זיך איהם אָפּ.
עס געהט שוין געשווינדער
דאָס פערדעל באַרג־אָפּ;

בלאָס שווימט די בלאַסע
לבנה אין דער הויך.
ער דרעהט זיך איבער
צו מיר אַזוי בלייך

און טרויעריג, און זאגט:
„עס לעבט זיך נישט גרינג...
עס שלעפּען זיך צרות,
אַ רינג נאָך אַ רינג.

אַ קייט אויפ'ן האלז!...
אנטלויפט מיר דער זוהן,
אנטלויפט דער בן־יחיד...
גאָט ווייסט וואו אהין...

לאָזט איבער אַ טאַטען...
לאָזט איבער אַ ווייבעל...
אַ פרומע נשמה,
אַ שטילע, אַ טייבעל.

זי וויינט נישט, זי רעדט נישט...
זיצט איבערגעבויגען
איבער דעם וויגעל,
עס רעדען דאָך ד'אויגען...

און שלעפּט זי דאָס קינד איין
(אַ סוף האָט זי—צוקער...).
וואָס זאָל איך אייך זאָגען —
עס פאָלט פון מיר שטיקער!"

## 14.

— „אָט, אַן עגונה,
פאַרהאַקט און פאַרשניטען...
פריהער כאָטש אַ סמיכה!...
ס'טייטש... דער מחותן...

ער האָט דאָך אַ מחיה, —
באַריהמט איז עקיבא'ס
וואַרשטאַט אין שטעדטעל,
אַרום די סביבות.

פון זיינס אַ פּאָר שטיוועל
פלעגט מען דאָך קוועלען...
עס זיצען ביי טישלעך
אַ צעהנדלינג געזעלען

און נישט צו געניגען —
עס פעהלען נאָך יונגען...
עד ל ב ה ש מ י ם —
דאָס קלאַפּען, דאָס זינגען...

און שיך פאַר'ן שטעדטעל,
און שטיוועל פאַר פּויערן,
פאַר פּריצים — קאַמאַשען...
שטאַרק! עס זאָל דויערן!

פון אייגענע לעדער....
ע ר פלעגט זי ברענגען,
איך פלעג זי שניידען,
אויף ברייטען, אויף לענגען!

מ'האָט איהם אויף כמה
וכמה געשאַצט...
מאַכט זיך דאָס באַהנדעל...
עקיבא'לע פּלאַצט...

וואַרשוי פאַרפּלייצט שוין...
קען בעסער די תורה!
און בחצי חנם...
פון גנבה'שע סחורה!

און ס׳זעצט אן עקיבא
מיין בידנענקער שנור
די קעסט מיט׳ן גדן.
צינד איז זי ביי מיר...

אלץ בעסער ווי דארטען...
גאט זאל באשיצען...
ע ר מאכט די כוסה...
דריי פוידען נאר — זיצען!..."

15.

— „און נישט נאר מירביידע! —
אלע געהען טאנצען!
עס זינקט, גאט זאל היטען,
דאס שטעדטעל אינגאנצען:

אוים בעל־מלאכות,
דעם קרעמער נישט גרינגער;
סוחרים און מעקלער
שטארבען פאר הונגער...

געמאכט אן א חורבה,
זאל זי נאר קרענקען!
עס זיצען בעל־בתים,
פאר טרפה׳נע שענקען...

ווער האט אויף פאטענטען?...
מען האנדעלט מיט גנבות!...
פריהער זיצען זכרים,
דערנאך די נקבות.

און ס׳שטעלט זיך ביים קווערטעל
א דינסט, א משרת...

און — א ל ־ מ ל ך יושב...
וואס קלערט איהר? ס'אי' צרות!

עס וואקסט נאר דער וואכער...
ער האט זיך פארלעגט
אויף אונזערע ק ב ר י ם,
און נאגט נאך, און זויגט..."

16.

— „און מיר פלעגט מען שילטען,
און זידלען, און פלוכען...
וואו נעמט די באהן שוין...
מען האפט אויף משיח'ן!

א י ד בין דער גלות,
די באהן איז משיח, —
עס זאל איהר אין טאטענס
טאטען א רוח!....

צינד קריכען פארשווינען,
ווי קופקעלער ביינער;
און מעסטען די בלאטע,
און צעהלען די שטיינער...

דער פריץ ווייסט דאנציג;
קען אויך שוין די תורה!
מען דארף שוין קיין סקלאדעס,
קיין לאגער אויף סחורה...

מ'קויפט אלץ אין ווארשוי,
א ראק און א שטיוועל...
מע'דארף נאר באשטעלען,
מ'שרייבט נאר א בריוועל...

און דא געהט מען לעדיג,
און פּוסטע און פּאַס...
עס פּאַלען בעל־בתים
פאר הונגער אין גאַס!"

17.

„מע'קריגט זיך פאר צרות!
דער שעכט און דער אסר'ט,
און שלעג, און חרמות,
מע'ברענט און מע'מסר'ט.

אַ העק פונ'ם שטעדטעל,
עס פּאַלט אויפ'ן פּנים...
און פיערערליי שוחטים,
און פיערצעהן רבנים:

אַ חרפּה פאר לייטען...
שוין עטליכע יאהרען...
צוויי פיהרט מען עטאפּעס,
דריי קומען צופאהרען!"

18.

אַט ווייטער אַ טאָל,
דער וועג איז שוין שווער!
עס רייסט זיך דאָס פערדעל
אהין און אהער!

און ליימיג, און גריביג,
טייל ערטער געפרוירען:
עס שפּרינגט שוין דער כאַמאַנט
דעם פערד איבער ד'אוירען.

עס סאַפּעט און רייסט זיך,
אַט, דאַכט זיך, עס פּאַלט...
עס שווימט אַרויס פּלוצלונג
פון נעבעל אַ וואַלד...

איך הער שוין דאָס רוישען,
דאָס סוד'ען, דאָס זשומען:
— „דער וועג וועט זיין בעסער,
נאָר טאָר מען נישט „דזשימען"!

אין וואַלד איז נישט רוהיג,
עס געהט היינט אַ גענגעל:
יעקב — צום קוועטעל,
עשו — צום דרענגעל!"

19.

— „אוי, גוטע צייטען!
וואָס זאָל איך אייך זאָגען...
אַ גאַנצע וואָך — גאָרנישט...
אַ מענש איז דערשלאָגען!

דאַ געהט אַ רעצעפּטעל...
אַ ברייטעל גאָר נויטיג...
קומט שבת־קדש —
נאָך ערגער וועהטאָג!

אוים בעל־עגלות!
צוזייהט, צושפּרייט...
גאָט זאָל נישט שטראָפען
מיך פאַר די רייד...

עס איז שוין אין קלייזעל
ממש חלשות...

איך איינער — אַן אַלטער,
פול פּנים חדשות...

א ו י ם בעלי־בתים...
ווייל קיינער נישט שווינען...
פרעמדע, נישט זייערם...
און, הערט איהר, פאַרשווינען!...

און אַלצדינג איז שמוציג,
פאַר׳מושב׳ט, פאַרפּעצט...
די „יד" איז פאַר׳ישב׳עט,
דער כתר — פאַרזעצט...

זיי הייסען דאָך לומדים!...
אַלץ איז פאַרדאַרבען!...
און פּונקט ווי אין קלייזעל —
אין שטעדטעל דער חורבן!"

20.

— „עס איז געוואָרען
פון שטעדטעל אַ העק!
די בחות די יונגע
אַנטלויפען אַוועק —

ווער קיין אַמעריקא;
גאָט ווייסט, ווי ס׳געהט׳ן...
און לאָזט זיך דאָך מאָלען
מיט גילדענע קייטען...

עס ווערען פאַרשוואונדען
צו צעהן מיט אַמאָל...
טייל, זאָגט מען, פאָהרען
קיין ארץ ישראל...

ווייס איך צו זאגען,
וואס גליך איז, וואס קרום?
איך האלט מיך ביי מיינעם:
גאטס וועלט אומעטום...

איך פלעג מיט פארשווינען,
ביי בעסערע יאהרען,
קיין לעמבערג, קיין קראקע,
קיין פרייסען צו פאהרען...

איך זעה נישט קיין צייכען...
איך זעה א זשאנדאר...
ער זאגט מיר: גראניצא,
נו, גלויב איך דעם האר!"

21.

— „א י ך וועל דא בלייבען...
אן אלטער... א שארבען,
דא בין איך געבוירען,
דא וועל איך שוין שטארבען!

איך ווייס נישט... עס ציהט דאך,
דער הימעל, דער וואלד...
וואלט נאר נישט געוועזען
נאס אזוי, קאלט...

עס ציהט מיך מיין הייזעל,
עס איז דאך א וועהטאג!
כאטש עס פאלט כורעים...
א שינדעל־דאך — נויטיג.

עס דארף אין די זייטען
אי קאַלעד, אי ליים...
איך פיהל דאָך מיך אינ'ם
ביי מיר אין דער היים!

און ווייטער — די מענשען,
אַ דאגה—די שכנים,
כאָטש כ'האָב קיין נחת,
קיין כבוד פון קיינעם...

אַ בעל־עגלה...
נישט קיין גרויסער יחוס,
וואָס בין איך? וואָס טייטש איך?
נאַר, צו אַל־די רוחות!

מיר דאַכט זיך, מיין שרש
ליגט דאָ אין דער ערד...
ווייס איך? מיר דאַכט זיך!
און ווידער פאַרקערט:

האַלט שוין ביי לויפען,
האַלט אַזוי שמאָל,
אין גלייכער אהיים —
קיין ארץ ישראל!...

וויל איך כאָטש זעהן,
רחל'ם אַ קבר...
צי דאָס בית־המדרש
פון שם און פון עבר...

דאָ ליגט אַ מלך...
אַ כהן... אַ נביא...
דאָס אָרט פון מקדש,
די כותל מערבי...

און טויזענטער, טויזענטער
אנדערע זאכען...
מ׳זאל נאר עגונות
פון ווייבער נישט מאכען!

איך גיב אויך צושטייער!...
— נאר, עולם, געלאסען, —
עס איז דאך א וועהטאג
די לעדיגע גאסען...

ס׳זענען דא אידעלעך
אלערליי סארטען...
עס וועט אייך נישט פעהלען,
נישט דא און נישט דארטען...

שבת ערשט זעה איך,
אז נישט נאר מיין נטע׳ל...
ווי זאלץ אין א וואסער
צוגעהט זיך דאס שטעדטעל"...

22.

— „עט, וואס איז לעבען?
א רגע, א חלום!...
אט פאהר׳מיר פון וועלדעל
ארוים שוין בשלום!...

נאך א שטיק בלאטע
און נאך א שטיק ליים...
אלץ נעהנטער ווי ווייטער,
שוין באלד אין דער היים...

איך שעם מיך פאר פריידלען,
איך כאפ מיך בגנבה

אדורך דעם בית־עלמין...
נאך אהן א מצבה...

אויך דארט קיין מנוחה!...
אט קום איך אצינד...
די ארעמע שנור...
דאס ארעמע קינד...

גאט וועט נישט שענקען...
ער וועט פארגעלטען...
מיך האט זי באשווארען,
איך זאל איהם נישט שעלטען"!...

23.

— „זי בעט מיך נאך פאר'ן,
דאס ארעמע טייבעל...
און צי געדענקט ער
אמאל כאטש דאס ווייבעל?

דערמאנט ער דאס קינד זיך?...
אוי, דער נישט־גוטער!
זאגט ער כאטש קדיש
אמאל נאך דער מוטער?!...

צי וועל איך איהם זעהן נאך?
דא אדער דארט?
זעהט איהר, איך האלט מיך
און שילט נישט א ווארט"!...

# פון דער ארבייט

## דער נביא.

איך בין פראפעט: איך קוק און זעה
דעם מארגען ליכטיגער, ווי היינט;
איך טראג די פאן פון גאטס ארמיי —
עס ציטערט אשמדאי דער פיינט.

און גאטס ארמיי איז איבעראל,
די פאן איז רויט, ס׳געווער איז ניי —
איך בין דער פעלדמארשאל
און פיהר קריג מיט אשמדאי.

## מיין נישט.

מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע — באשאפען
מאכען א וועג מיט פויסטען און נעגעל
צום שענק פאס, און פרעסען און זויפען, ווען אנדערע
קוקען פון ווייטען מיט גלעזערנע אויגען
פאר׳חלש׳ט, און שלינגען דאס שפייאכץ און ציהען
צוזאמען דעם מאגען, וואס ווארפט זיך אין קרעמפען! —
א, מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע!

מיין נישט די וועלט איז א בערזע — באשאפען,
דער שטארקער זאל האנדלען מיט מידע און שוואכע,
זאל קויפען ביי ארעמע מיידלעך די בושה,

בײ פרויען די מילך פון די בריסטען, בײ מענער
דעם מארך פון די בײנער, בײ קינדער דעם שמײכעל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויף'ן וואַקסענעם פּנים — —
אַ, מײן ניט די וועלט איז אַ בערזע!

מײן נישט די וועלט איז אַ הפקר — באַשאַפען
פאַר וועלף און פאַר פוקסען, פאַר רויב און פאַר שווינדעל;
דער הימעל — אַ פאַרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זעהען;
דער נעבעל — מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקען;
דער ווינט — צו פאַרשטיקען די ווילדע געשרײען;
די ערד איז צוזאַפּען דאָס בלוט פון קרבנות —
אַ, מײן נישט די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קײן קרעטשמע, קײן בערזע, קײן הפקר!
געמאָסטען ווערט אַלעס, געוואויגען ווערט אַלעס!
קײן טרער און קײן בלוטיגער טראָפּען פאַרגעהען,
אומזיסט ווערט קײן פונק אין קײן אויג נישט פאַרלאָשען!
פון טרערען ווערט טײכען, פון טײכען ווערט ימים,
פון ימים אַ מבול, פון פונקען אַ דונער —
אַ, מײן נישט לית דין ולית דיין!

## דרײ נעהטאָרינס.

די אויגען רויט, די ליפּען בלוי,
קײן טראָפּען בלוט אין באַק נישט דאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הײס — —
עס זיצען דרײ מײדלעך און נעהען!

. . . . . . . . . . . . . .

די נאָדעל — בלאַנק, די לײוועגט — שנײ,
און אײנע טראַכט איך נעה און נעה.

איך נעה בייטאָג, איך נעה ביינאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נ י ש ט געמאַכט!
וואָס קומט אַרוים, איך נעה?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגע'ן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיהט:
אַז אַלמן כאַטש, אַז אַ ל ט ע ן איד,
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

. . . . . . . . . . . . .

די צווייטע טראַכט, איך נעה און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אוים גאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ—דער ברענט, די שלייף—זי האַקט,
און די מאַשין—קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטעה דאָך יענעמס וואונק!
אַהן אַ חופּה, אַהן אַ רינג,
וואָלט געוועזן אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליעבע אויף—אַ יאָהר אַ גאַנץ!
נאָך דערנאָך, דערנאָך?

. . . . . . . . . . . . .

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך נעה מיך קראַנק, איך נעה מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדען שטאָך...
און ער—האָט חתונה די וואָך!
איך ווינש איהם נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסען וואָס אַמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצעל ערד,
איך וועל רוהען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפען, שלאָפען!

## וואָס טראַכטען און קלערען?

(נאָכאָמונג).

וואס טראכטען און קלערען
גערונצעלטע שטערען,
ווען ס'ווערען אין ד'אויגען
פארבאקען די טרערען?
וואס טראכט און וואס חלומ'ט
די שטומפיגע קוואל?
צי בליצט דארט כאטש איין מאל
אין לעבען די שטראל,
וואס לייכט אונז ביים זוכען
אין פינסטערע טעג,
דער אָרעמער מענשהייטס
פארלוירענעם וועג?

וואס טראכטען, וואס קלערען
די אלע, וואס שטופּען
די מאטשקע פון צרות
צי שיינט אויף די ליפּען,
וואס שיילען זיך, ברענען
פון אייביגע זארגען
כאטש איין מאל א שמייכעל —
אן אפגלאנץ פון מארגען,
פון גליקליכען מארגען,
וואס אונז מאכט באקאנט
דעם פינסטערן הימעלס
פארגאלדעטער ראנד?

וואס טראכט זיך דער הונגער
אין קעלער פארשמאכט?
דער שלאף וויל נישט קומען,
און שטיל איז די נאכט;

צי הערט ער אין שטילען
דעם אייזערנעם קלאַנג — —
דעם טריט פון די צייטען,
פון דורות דעם גאַנג...
צי שפּאַלט זיך דער הימעל
ביי גאָט אין דער האַנט?
צי זעהט ער דעם דונער?
צי וויים ער, ס'איז קראַנט?

## דאָס געבעט.

(נאָכאַמונג).

רבונו של עולם!
נאָך וועניג געליטען?
ווען וועסט דו, רבונו
של עולם, פאַרשיטען

דעם אַפּגרונט, דעם טיפען,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

און ברייט איז דער אַפּגרונט,
און טיף, ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונזער בלוט, ווי אַ שוואָם!...

עס ווערען אין אַפּגרונט,
— וואו ס'מעסער נאָר בליצט, —
מיט בלוט אויך די ריינסטע
אידעען באַשפּריצט...

עס ציטערט פון דאָרטען
דער וועהקלאַגס־געוויין,

דארט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דארט ליגט די פארצווייפלונג
דערשראקען, פארבליפט,
מיט ליפען, ווי קוילען,
ביים בעכער פון גיפט...

רבונו של עולם!
נאך ווייניג געליטען?
וועז וועסט דו דעם שרעקליכען
אפגרונט פארשיטען?

דארט ברעכען די פליגעל
די אדלער די גרעסטע;
דארט ווערען פארשטיינערט
די הערצער, די בעסטע...

רבונו של עולם,
צי שפראצט דען דיין ליוב
אין פינסטערען, פוילען,
אין בלוטיגען שטויב?

## ביי דעם פרעמדען חופה־קלייד.

(א סצענע פון ווארשעווער לעבען).

אין א מאדע־מאגאזין.

פערזאנען:

מאדאם, צוויי מאדיסטקעס און האנט־מיידלער.

---

מאדאם:

היינט ווערט געשטעפט און גענעהט,
היינט וועט מען לעדיג נישט זיצען!
טוריי — טוריי — טוריי!

זעהט נאר די גאזען, די שפיצען!
זעהט, ווי דאס זיידענס וועט בליצען!

א שלעפּע וועט זיין גאר א מורא!
אודאי צעהן איילען די שלעפּ!
היינט נאך — בריליאנטענע קנעפּ!
זעהט — מען געטרויט אזא סחורה!

## האנט־מיידלעך (כאר):

אט האט איהר א וואונדער,
כ'לעבען, קיין שפּאס!
צי הייסט דען נישט „פּאווע“ —
יא, פּאווע — די גאס.

וואו ס'שטעהט זיך א מויער
גאנץ געלבליך און בלייך,
דאך פעסט ווי א פעלזען,
דריי שטאק אין דער הויך:

די פענסטער — אין אייזען,
די טויערן — פארמאכט...
עס געהט נאך א זעלנער
ארום אויף דער וואכט!

אוי, דארטען צו וואוינען
איז טרויעריג און באנג!
עס שלאגט דורך די מויערן
דאס קייטען־געקלאנג...

עס קלינגט אזוי טרויעריג
דין־דאן... דין־דאם!
א, דיהרט נישט דאס זיידענס,
ניט טשעפּעט, מאדאם!

**די ערשטע מאדיסטקע:**

סאטען־דע־ליאן... און שפיצען, און גאזען,
עס פעהלט נאך בריליאנטען צום רימעל...
דיוואנען, און בלומען, און לאמפען... די כלה
וועט אויסזעהן — א מלאך פון הימעל!

**האנט־מיידלעך (כאר):**

נישט קיין גראשען פאר דער דירה,
און אין מויל קיין ביסען!
כ׳וויל ביים מלאך פארשום בעטען!
נייז, זי וויל נישט וויסען!

מלאך, גיב פאראויס א רובל!
נייז, זי גיט נישט פריהער!
כ׳וויל פארצעהלען איהר פון הונגער, —
ווייזט זי מיר די טיר!

אוי, עס זעצט מיר אין די שלייפען,
דאכט זיך מיר, אט פאל איך.
„נאר אהן קונצען, נאר אהן פאקסען!"
לאכט מיך אויס דער מלאך!

. . . . . . . . . . .

אוי, מיך האט דעם מלאך׳ס לאכען
ביז אהיים געהעצט!
און איך האב דעם מלאך זיידענס
אויף א ברויט פארזעצט!

און עס איז אראפגעפאלען
פלוצלונג, ווי פון הימעל,
אוי, דער מלאך מיט א לאפאץ,
טאקע ווי צום רומעל!

און מיך האָט פאַרזאָרגט דער מלאך
אויף די גרויסע פּרעסט,
אוי, אויף גאַנצע דריי חדשים
מיט קוואַרטיר און קעסט!

די צווייטע מאַדיסטקע:

בלאָס איז דאָס זיידענצייג, פּונקט ווי מיין פּנים׳על,
דורכזיכטיג־דין, ווי מיין הויט...
ריהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי!“, פּונקט מיינע ביינדעלעך —
דאָס הייסט אַ גליקליכע מויד!

דערצו װעלען קומען בריליאַנטענע קנעפּלעך,
גרויסע, ווי אָרעמע טרערען!
נו, אייל דיך, רעדעלע! אייל דיך, טרעקאַטשע,
כ׳זאָל מיינע ביינדלעך נישט הערען!

טראַד—טראַד—טראַד, ביינדעלע! טור—טור—טור, רעדעלע!
שלאָג׳מיר דאָך גלייך מיט׳ן זייגער...
טראַד—טראַד—טראַד, ביינדעלע! טור—טור—טור, רעדעלע!
ווען וועל׳מיר רוהען, אַ שטייגער?

האַנט־מיידלעך (כאָר):

עס איז פאַראַן אַ שטיבעלע
אויף אַ שטילער גאַס!
ס׳האָט קיין טיר, קיין פענסטערל —
אייביג שטיל און נאַס!

כאָטש מען צאָהלט קיין דירה־געלט,
וואַרפט מען נישט אַרויס!
דאָרטען רוה׳ן אויף אייביג שוין,
די ביינדלעך זיך אויס!

פון קיין שטעפּען וויים מען נישט,
עס ווערט שוין נישט געגעהנט...
צום שטיבעלע קומט איטליכער
אויף אייביג שוין באַקליידט!

די צווייטע מאדיסטקע:

שטעפּ, נאָדעל, שטעפּ די בראַבאַנדערנע שפּיצען —
פאַר איהר, פאַר איהר!
תכריכים'לעך וועסט דו גיך און באַלד שטעפּען —
פאַר מיר, פאַר מיר!

עס בליצען בריליאַנטען, עס שמייכעלט די כלה'שי —
שעהן אַזוי, ליעב!
ווען וועט אַ שמייכעל מיין פּנים באַשיינען?
אין גרוב, אין גרוב!

ער וועט זי טוליען, צוקנייטשען די שפּיצען
אין הארציגען שטורעם!
דיך ווער וועט גלעטען, און פּיעשטשען, און טוליען?
אַ וואָרעם, אַ וואָרעם!

„לוסטיג־לעבען"
(אַ יונג האַנט־מיידעל):

וואָס פאַר'סמ'ט איהר מיר דאָס לעבען?
זינגט נישט אַזוי שרעקליך!
כ'האָב קיין סאַמעט און קיין אַטלאַס —
נאָר די רויטע בעקלעך!

כ'האָב קיין שפּיצען, קיין בריליאַנטען, —
ווייס איך, וואָס זיי טויגען!
כ'האָב אַ האַלז — אַן אַלאַבאַסטער,
צוויי בריליאַנטען—אויגען!

כ'דאַרף קיין פּערעל — זעהט די צייגדלעך,
אַך, ווי זיי געפעלען!
און די יונגע, פרישע ליפּלעך
זינגען מיינע קרעלען!

פֿעהלט מיר גאָלד דען? זעהט די לאָקען!
און וואס גליק איז — ווייס איך!
לאָזט מיך לאַכען, לאָזט מיך לעבען —
„לוסטיג־לעבען" הייס איך!

**האַנט־מײדלעד (אויסער לוסטיג־לעבען):**

אויף יעדער גאַס, אין יעדען הויז
שטעהט אַ קאַסטען מיסט!
קלייבען לאָזט מען פֿראַנק און פֿריי
שמאַטעס גאָר אומזיסט!

און—ווערט „לוסטיג־לעבען" אַלט,
ווייסט איהר, וואס איהר גלוסט?
מאַכט אַ שטעקעלע זיך פֿיין,
גראַבעלט זיך אין מיסט!

**די ערשטע מאָדיסטקע:**

יונגערהייט אַ העזעלע,
געשפּרונגען און געקושט;
ציגד האָט עס קיין נעזעלע,
און קיין גומען נישט!

**די צווייטע מאָדיסטקע:**

זי וועט זיצען צווישען בלומען
אויף אַ דיוואַן — רייך!
און מיר מאַכט אויף דר'ערד אַביסעל
שטרוי נאָר גלייך!

זי דאַרף שפּיגלען, זשיראַנדאָלען,
לאָמפּען אַלערליי;
מיר צוקאָפּענס — גראָשענדיגע
ליכטלעך צוויי!

אהן מוזיק אויך פיהרט מיך לעגען,
ווען אויך היינט ביינאַכט...
ווילט איהר דוקא — וויינט אַביסעל,
ווילט איהר — לאַכט!

מ אַ ד אַ ם:

שטילער, שטילער, שטילער,
שטיל איין אויגענבליק!
טוריי — טוריי — טוריי!
אַט דאָס הייסט מוזיק!

וואָס האָט איהר פון די ליעדער?
דריקעניש — נישט מעהר!
עס ציטערען די ברעמען,
אַט, אַט, פאַלט אַ טרער...

און אז טרערען פאַלען
פון דער שווערער נויט —
אויף די ווייסע קליידער
ווערט אַ פלעק אויף טויט.

טוריי — טוריי — טוריי!
אַט דאָס הייסט מוזיק —
האָט איהר נישט קיין אייגענס,
זינגט פון פרעמדען גליק!

אַ ל ע (כאָר):

עס איז געווען אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע אַ פּראַכט —
עסען עסט עס יעדען טאָג,
שלאָפט זיך יעדע נאַכט!

ליפּלעך האָט זי רויטינקע,
רויטינקע, וואָס נישט ?
נאָך נישט קיין צוביסענע,
נאָך נישט אויסגעקושט !

און זי האַלט דאָס קעפּעלע
חנ'עוודיג און שטאָלץ ! —
זאָרגט עס אויף אַ ברייטעלע,
קוילען אָדער האָלץ ?

און אויגעלעך — פאַר'חלומ'טע,
בלימעלעך געגוי !
בלימעלעך און כּלה־חן
ליגט אויף זיי, ווי טוי !

ציינד נעהען מיר דעם מיידעלע,
צו מזל און צו גליק,
אַ זיידען חופּה־קליידעלע,
אַ קליידעלע אַ שיק !

מען וועט איהר גע'ן אַ מאַנעלע,
אַי, דעם יונגען בלוט...
כאַ—כאַ—כאַ ! דאָס מאַנעלע
דאָס קענען מיר דאָך גוט !

מ א ד א ם :

אוי, נאַרישע קנאה !
איך קען דיך פון לאַנג,
איך קען אויך דיין צינגעל —
די גיפטיגע שלאַנג !

אוי, נאַרישע קנאה !
די גאַל איז דיין האַרץ —

גאָלד וואָס איז? בלאַטע!
דער שניי איז דיר שוואַרץ!

די זון האָט דאָך פלעקען,
די שטערען — צו קליין!
מיינט — זי פרעסט יענעם,
און פרעסט זיך אַליין!

## א ל ע (כאָר):

עס איז געווען אַ מאַמעלע,
אַ מאַמעלע אַ פיינס!
זי האָט געהאַט אַ טעכטערל,
אַ טעכטערל אַ קליינס!

און עס האָט דאָס מאַמעלע
דאָס טעכטערל געקושט,
געקושט, געהאַלזט, געוואָרענט עס:
„זיי קיין נאַשער נישט!

„קוק נישט אויף קיין איינגעמאַכטס,
ד'אויגען האַלט פאַרגלייסט!
טו נאָר, וואָס דער טאַטע וויל,
און וואָס די מאַמע הייסט!

„און וואָס גוטע, פרומע לייט
עס ראַטען דיר, מיין קינד!
זעהסט דו נאַשען, קוק אַוועק!
בעסער — מאַך דיך בלינד!

„זאָגט מען, חס־ושלום, דיר:
„איינגעמאַכטס איז זיס!"
זאָלסט דו ווערען פייער־פלאַם,
טופּען מיט די פיס!

„פאר דאס וועל איך שפעטער דיר
קויפען אויפ'ן מארק,
אם ירצה השם, א ניסעלע, —
ווייסט, איך בין נישט קארג!

„פאר א גאנצען גראשען געלט —
א ניסעלע פון גאלד,
פאר דיר אליין א שפילעכעל,
וועסט עס האבען האלד!

„פאר א גאנצען גראשען געלט,
און נאר פאר דיר אליין...
און דו וועסט עס קושען פריי,
און קנאקען מיט די ציין!“

און עס פאלגט דאס טעכטערל,
וואס טאטע־מאמע הייסט;
און זי האלט א גאנצען טאג
די אויגעלעך פארגלייסט!

רויטעלט זיך, אז איינגעמאכטס —
זאגט מען איהר — איז זיס!
ס'צאפעלט איהר דאס יונגע הארץ —
זי טופעט מיט די פיס!

עס קומט די צייט, דאס מאמעלע
האלט איהר ווארט, נישט קארג!
פאר א גאנצען גראשען געלט
קויפט זי איהר אין מארק

א פארגאלדעט ניסעלע.
אוי, ס'איז מלא חן!
מיט ציטערדיגע הענטלעך
כאפט ז'עס אויף די ציין!

כאפּט עס אויף די ציין און קנאַקט —
איי! די גום איז פויל!
עס שפּייט און שפּייט דאַס ווייבעלע —
טאַביק פול אין מויל!

— מאַמע, — ווײנט דאַס טעכטערל, —
די יאַנדרערע וואו איז?
„מאַמעשי“ און „מאַמע־קרוין“,
איז דאַס דער טעם פון ניס?

דאַס האַרץ טוט וועה דעם מאַמעלע;
דאַס פּנים מאַכט זי גלאַט:—
„עס איז אַזוי! דיין מאַמעלע
האַט אויך אַזוינס געהאַט“!

## מ אַ ד אַ ם:

נישט דאָרט איז גליק, וואו צירונג בליצט,
וואו עדעלשטיין מיט פונקען שפּריצט;
נישט אַלץ איז גאָלד, וואַס בלאַנקט און גלאַנצט,
נישט דאַס איז פרייד, וואַס לאַכט און טאַנצט
עס מיידט גאַנץ אָפט דאָס גאָלד'נע בעט
דער שלאָף; דעם גרויסען זאַל — די זעט.
ווי אויך דאַס גליק דעם זאַק מיט געלט.
דאָס ווייסט שוין לאַנג די גאַנצע וועלט!

## די ערשטע מאַדיסטקע:

אַמאָל איז געוועזען, נאַר וואו? מן־הסתם
דאָרט ערגעץ אין בויבערג, אויף יענער זייט ים!
נאַר — צי איז געוועזען? איהר פרעגט נאָך, איהר קלערט?
איך האָב עס אַליין פון מיין באָבען געהערט!
די מאַמע — געשטאָרבען, דער טאַטע אַוועק.
די טרויעריגע ווינטער־נאַכט האַט גאַר קיין עק!
די פענסטער — פאַרשמידט, די טיר איז פאַרשנייט,

און ס׳רייסט זיך דער ווינט, ווי א הונט אויף דער קייט!
הורורו — הורורו — וואיעט און קלאגט.
דאס הארץ איז דערשראקען, עס ציטערט, עס נאגט...
„באבע!“ זי הערט נישט, נאר „דיא־דיאם־דיאם!“
די טויבע פארצעהלט מיר פון יענער זייט ים!

### אלע:

גענוג שוין הקדמות,
נישט פלוידער, נישט קוועהל;
פארגעס אן דער באבען,
די מעשה פארצעהל!

### די ערשטע מאדיסטקע:

אויף יענער זייט ים איז געשטאנען אמאל
אויף הינערנע פיסלעך א הייזעל אין טאל,
געשטאנען זיך איינפאך, אהן עזות, אהן שטאלץ,
אהן פוצעכץ, אהן צירונג — פון ליים און פון האלץ!
א פענסטער א פיצעלס, נאר חנ׳עוודיג האלד!
די זון זי באשיט עס טאג־טעגליך מיט גאלד!
לבנה און שטערן
פארהאלטען זיך גערן
און מאלען מיט זילבער די שויבען.

דאס האט דער הימעל די ליעבע באלוינט!
עס האבען אין הייזעל צוויי ברידער געוואוינט!
עס האלטען צוויי הערצער צוזאמען געטריי.
שווער איז די ארבייט, נאר ס׳ארבייט זיך פריי!
ווייס איז דאס מעבעל, מיט קלייען דאס ברויט,
נאר אלץ איז צוזאמען — די פרייד און די נויט!
עס האט זיך געלעבט,
די צייט האט געוועבט
איהר לאנגען, איהר כשר׳ען פאדעם!

נאר איינמאל באוויזט זיך א גאסט אויף דער שוועל,
פול גינגאלד, שמאראגדען, עס פינקעלט זיין פעל!
די שלאנג איז געקומען מיט גלאנץ און מיט פראכט;
דער עלטערער ברודער דערזעהט זי און טראכט:
עס איז אויף דער וועלט דאך רייכטום פאראן!
ווען איך האב א שמאראגד, איך ארעמער מאן,
כ'פארקויף איהם, וואס ניט?
ז'וואלט אויפ'ן יריד
געקויפט מיר צו מעלקען א קוה!

די שלאנגען — זיי ווייסען, וואס ס'טראכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט איהם און רופט איהם אוועק אין א זייט,
און זאגט איהם: „אי, ברודער, וואלסט דו נאר געוואלט,
שיטסט דו דיר אן פעסער פול גאלד,
קרעלען, דיאמאנטען, בריליאנטען א וועלט,
און אלץ, וואס מען קאן נאר באקומען פאר געלט!“
איך מאך נישט קיין שפאס,
פאראן אזא סוד,
איך קאן איהם דיר זאגען אין וואלד!

די שלאנג איז אוועק, און דער יונגערער קלערט:
ווי גאט האט זיך יעדען זיין שעהנקייט באשערט;
געה פרעג'ן: דער גלאנץ און די שעהנקייט וואס טויג?
די ליידענשאפט פלאמט שוין אין עלטערנס אויג:
קרעלען, דיאמאנטען, בריליאנטען — אך, גאט!
זי זאל נאר נישט נארען און זאגען דעם סוד!
קוקט ער צום וואלד,
און גנב'עט זיך באלד
פון ברודער ארויס צו דער שלאנג!

די זון געהט שוין אונטער, פארגאלדט נאך די זוים
פון וואלקען אין הימעל; און אונטער א בוים
זיצען שוין ביידע, — דער מענש און די שלאנג;
זיי זיצען צוזאמען און שמועסען שוין לאנג.

ער ציטערט און ווייסט נישט — פאר פרייד צי פאר שרעק?
זי וויקעלט דאס הארץ איהם ארום מיט'ן עק.
און רעדט פון דיאמאנטען,
קרעלען, בריליאנטען,
„אלץ וועסט דו האבען גאר גרינג!“

„באטראכט נאר דיין ברודער, דאס איז א פאבריק
פון קרעלען, בריליאנטען, דיאמאנטען און גליק!
עס טרעפט זיך, ער ארבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט איהם, דער שטערן באדעקט זיך מיט שוויים,
עס טריפען די טראפען!... ער ווישט מיט דער האנט;
לאז נישט! דער טראפען דאס איז א דיאמאנט!
נאר ארבייטען הייס!
קלויב אויף דעם שוויים!
שיטסט דו אן פעסער דיאמאנטען!

„עס טרעפט און איהם פאלט פון די ברעמען א טרער;
מיינסט דו, דו נאר, עס איז וואסער נישט מעהר,
און טרייסט'ן, און האלזט'ן, דו האלטסט עס נישט אויס,
און קושסט איהם די טרערען פון ד'אויגען ארויס!
פארשווענדסט דיין פארמעגען, דו נארישער קאפ!
לאז וויינען, לאז טריפען! און קלויב יעדען טראפ!
א טרער, האב פארשטאנד,
דאס איז א בריליאנט, —
רייך וועסט דו זיין, ווי א קעניג!

„דערנאך — האט דיין ברודער אן איידעלע פעל,
א שטאך מיט א נאדעל — דו האסט שוין א קרעל!
בלוט — זאגסט דו — איז עס, בלוט — זאגסט ד ו — א קאפ?
דו נאר! עס איז קרעלען, דו צאפ נאר און צאפ!
זאל ער נאר בלוטען און בלוטען נישט קארג!
אנשיטען וועסט דו שוין קרעלען א בארג!
דו האסט א פאבריק,
און מאך דיר דיין גליק,
ביסט שטארקער און ווייסט שוין דעם סוד!“

די ליפּען פאַרביסען, די פויסטען געבאַלט,
געהט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד.
די אויגען, זיי ברענען און זיימען זיך שוואַרץ,
דאַך צאַפּעלט די ליעבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאַך נאַר מאַכען אַ פּרוואוו,
אַ שטאַך וועל איך געבען אַ קליינעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך וויים!
נאַר טרערען און שוויים,
זענען בריליאַנטען, בריליאַנטען!“

---

עס הערט די לבנה נאַך ד׳אייגענע נאַכט,
ווי ס׳האַט אינ׳ם שטיבעל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקען די שטערען אין פענסטער אריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגענס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטען אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבעל געשעהען?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדען, עס וויינט זיי דער שלאָף,
אוועק איז די ליעבע, דער פרידען אוועק! —
דער שלאָפט נישט פאַר וועהטאָג, דער צווייטער — פאַר שרעק;
דער שרייט: ס׳איז מיין עשרות, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס׳איז טרערען, מיין שוויים און מיין בלוט!
דיאָס, דיאָס!
אויף יענער זייט ים!
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

אַ ל ע (כאָר):

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך,
טראַד־טראַד, טראַד־טראַד! —

נאָר וואָס איז געווען
דער סוף פון דער זאַך?

דער סוף פון די ברידער
פון שרעקליכען הויז?
פאַרצעהל שוין און ציה נישט
די הערצער אַרויס.

### די ערשטע מאַדיסטקע:

אוי, ס'איז געוועזען א שרעקליכע נאַכט!
איך ליג ביי דער באַבען אין שוים און איך טראַכט:
וואָס לעגט זיך דער שאָטען, אזוי לאַנג, אזוי ברייט?
וואָס רייסט זיך דער ווינט, ווי א הונט אויף דער קייט?
וואָס ברעכען די מויערען, וואָס רייסט זיך דער דאַך?
צי הער איך די באַבען, צי בין איך נאָך וואַך?

איך ליג ביי דער באַבען אין שוים און איך טראַכט:
צי זעה איך אין חלום די שרעקליכע נאַכט?
צי הער איך א מעשה? צי בין איך דען וואַך?
וואו ברעכען די מויערען? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואו רייסט זיך דאָס הייזעל אוועק פון זיין אָרט?
הורורו — הורורו — דאָ אבער דאָרט?
שטענדיג געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סוף פון דער שרעקליכער זאַך!

### אלע
(אויסער מאַדאַם):

דער זייגער שלאָגט! איי, צעהנען שלאָגט.
געענדיגט שוין די מיה!
אהיים, ווער נאָר א היים פאַרמאָגט,
אהיים ביז אין דער פריה!

אין בעט אריין, א בעט ווער ס'האט,
נאר שלאפען געהט, געדענקט אן גאט!
שלאפען דארף די נויט!

מ י י ד ל ע ך:

שלאפען איז א פיין געשעפט,
מען רוהט זיך אוים! און טיילמאל טרעפט
עס חלומ'ט זיך — א ברויט!
אך, צעהנען שלאגט, צום עק די מיה —
גוט־נאכט, מאדאם —

מ א ד א ם:

קומט מארגען פריה!

# נעמישט

## דער אידישער קוועסטאר*)

(א לעבעדיג בילד פון ווילדא).

מען זעהט איהם טאג־טעגליך שוין א דרייסיג יאהר
מיט זיין טרויעריג פנים און די פייכטע אויגען,
מיט זיין שלאנקען וואוקס, קיילעכיג געבויגען,
און דער לאנגער בארד מיט פארגרויטע האר;
מען קען גוט זיין קאפטאן, איין גאט וויס, ווי לאנג
ר'איז זיין צווייטע הויט, האלט זיך ווי עס איז;
און מען קען זיין טריט, זיין וויגען זיך אין גאנג,
אויף זיינע, האלב בארוועס, געראניעטע פיס —
ער געהט — נישט פאר זיך, אנדערע — זיין ציל,
כאטש מען זאגט שוין לאנג: א איד איז אהן געפיהל!

אויף אלע הינטער־גאסען איז ער גוט באקאנט, —
פון א בלאטע ארויס, אין א בלאטע אריין,
מיט א בלעכענער גרויסער פושקע אין דער האנט,
ער קלינגט מיט איהר: „א האלבען גראשען ווארפט אריין!“
דאך פון גרויסע פריצים האלט ער זיך גאר ווייט,
ער האט קיין העזה נישט צו בעטען זייער גאב;
פאר געמיינע לייט, ביי געמיינע לייט
בעט ער האלבע גראשען; קיינער זאגט נישט אפ.
אידען ווארפען גראשען, ער רעדט מיט זיי נישט פיעל,
כאטש מען זאגט שוין לאנג: א איד האט קיין געפיהל!

נאכדעם זעהט מען איהם אויף ביידעם און אין קעלער,
וואו ד'ארעמע נדבות — ער ארעמע צוטיילט! —

---

*) קוועסטאר—א זאמלער פון נדבות.

וואו נאָר א דלות וואוינט, וואו עס קרענקט א פּעהלער,
קינדער ווײנען ברויט, וואו נאָר הונגער ווײלט,
אַז אלמנה שטרעקט נישט פאַר בושה אויס די האנט,
וואו דער לעצטער פונק פון פרייד איז שוין פאַרלאָשען,
וואו מען דאַרף יתומים מציל זיין פון שאַנד, —
דאָרטען איז ע ר דאָ, טיילט שוין האַלבע גראָשען.
ער הערט נישט אויס קיין דאַנק, רעדט מיט קיינעם פיעל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד איז אַהן געפיהל!

נאָכדעם זעהט מען איהם פון טיילען געהן צוריק.
ארבייט זוכט ער ציגד, זוכט זי ביי קבצנים;
און ער אַרבייט שווער, ס'רינט דער שוויים פון פנים,
צי ער שטעהט ביים מיעך, צי ער דרעהט א שטריק,
צי שטעהט ע ר איינגעבויגען אין דרייען ביי די פּרעסען
אין דער אַליעאַרניע, ביי קאַפּאַרען קלעמען —
און אזוי פאַרדינט ע ר זיך אליין זיין עסען;
פון פּושקע, חס־ושלום, וועט ער קיינמאָל נעמען!
פון זיין אַרבייט לעבט ער, אַרבייט שווער און פיעל, —
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד האָט קיין געפיהל!

מען זעהט איהם נאָך דערנאָך נאָך האַלבער נאַכט
אין שענק ביי א ספר געבויגען איז דער קאָפּ;
ביי א האַלב ליכטעל, קייט זיין ביסעל באָב,
ער קוקט זיך גאַרנישט אום, וואָס דער עולם לאַכט.
שכור איז דער עולם, חוזק מאַכען לייט,
און טרויריג איז זיין פנים, און די אויגען בענקען!
נאָר נישט פון דעם לאַכען; ר'איז פון דאַנען ווייט...
ווייט פון די שכורים, ווייט פון אלע שענקען,
ווייט פליהט זיין נשמה, ציון איז איהר ציל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד איז אַהן געפיהל!

מען זעהט איהם יעדען טאָג, עס קען איהם קינד און קייט;
א י ד ע ן קוקען נאָך, ווייסען ווער עס געהט!
און איבער „הונדערט" יאָהר וועלען זיך אלע שלאָגען,

ווער עס זאָל די מטה אויף די אַקסלען טראָגען.
און עס וועלען לויפען שוואַרצע, גרויע בערד,
אַלע וועלען וויינען, אַלע גיסען טרערען,
און מען וועט איהם שיטען ירושלים־ערד,
און עס וועט א נייע שורה הייליג ווערען.
מע וועט דאָרט פאַר א קבר צאָהלען זעהר פיעל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: א איד האָט קיין געפיהל.

## א ליטעראַטור־סצענע.

(געווידמעט טייל יונגע דיכטער).

(אַ וואַלד. אַ שטיבעל ביים וואַלד. אַן אויסגעשטערענטער זומער־אָוונט. אויפ'ן הימעל מעג זיך באַווייזען א וואָלקען, אפילו א שוואַרצער, נאָר פון אַ זייט, פון וויטען. עס באַווייזען זיך: פרוי פובליקום און דער יונגער פּאָעט, די איינציגע פּערזאָנען פון דער סצענע. דער פּובליציסט, כאָטש פרוי פובליקום רעדט פון איהם, באַוויזט זיך נישט. פרוי פּובליקום געהט פון וואַלד אַרויס צום שטיבעל צו מיט א פולער שירץ שלאָף־עפּעל. פון אַ זייט, געהענדיג צום וואַלד, קומט אָן דער יונגער פּאָעט. זיי זענען ביידע פאַר־טראַכט און זעהען זיך נישט, ווי דער שטויגער איז אויף דער סצענע. צו דער רעכטער מינוט וועלען זיי זיך דערזעהן).

פרוי פּובליקום

(מיד):

ס'פלעגט זיך שלאָפען גאַרנישט שלעכט
גאַנצע נעכט!
און ביימאָג
פלעגט זיך כאַפּען אויך א דרימעל —
נאַ דיר, נאַ! — א שטראָף פון הימעל,
א נייע פּלאָג!

כאפט זיך אריין אין קוימען א גריל, —
קיין רגע שטיל! —
גרילט און וועקט,
פישטשעט, שרעקט:
גנבים ביים שלאס.
גזלנים מיט העק אין די חענט
ברעכען איין די ווענט!
אדער גאר: עס ברענט!...
אזא פארדראס!
און ווי דאס הייסט!
„פובליציסטען־גריל!“
און פרעג זי, וואס זי וויל,
אסור, אויב זי ווייסט!
און עס העלפט קיין מיטעל!
ווי איך בין נישט ארעם,
צום גוטען איך א קוויטעל,
אויף מאיר בעל־הנס אויך א גילדען צוויי,
היינט פון אפאטייק פולווער אלערליי —
און אלץ אומזיסט!
(שלאגט זיך אן מיט'ן פאעט, שפרינגט אפ).
און דו ווער ביסט?

דער פאעט
(שפרינגט אויך אפ):
פארדאן! איך — דער פאעט!

פרוי פובליקום
(בייז):
פארדאן איז א לאקשען־ברעט!...
וואס איז דיין געשעפט? ענטפער, נאר פלינק,
צי ביסט דו נישט קיין גריל?

דער פאעט:
איך זינג!

פרוי פובליקום

(באטראכט איהם גיגיריג, בארמהארציג):

און שלעפט זיך ווי א שאטען,
אין דער האנט די הארף...
און די גרויסע אויגען
ברענען ווילד און שארף.
און דער קאפ — צושויבערט,
די ליפען — בלאנע־בלוי — —
וואס האט עס דיך געטראפען
אין א בייזער שעה?
צי האסט דו נאך קיין ביסען
אין מויל געהאט די וואך?
זאג, איך בין קיין מילדע,
העלפען קאן איך דאך!
כ'האב אין שטוב א ברייטעל,
קום אוןביים אריין...

דער פאעט

(שטאלץ):

הם... איך לייד קיין הונגער...

פרוי פובליקום:

ביסט נישט הונגעריג? ניין?
נו, האט דיך א מיידעל
געווים געמאכט צום שפאס...
דעריבער קלעמט דאס הערצעל,
און דאס אויג איז נאס.
קאנסט אהן איהר נישט לעבען,
דאכט זיך דיר אצינד...
הונדערט רויטע בעקלעך;
דו ביסט פארבען־בלינד!...
איינע איז געוועזען...
עס איז דאס הארץ פארלאפען...

וואס? שאקעלסט מיט׳ן קאפ
ניין? נישט געטראפען?
וואס דען־זשע, זאג, באטייט
דיין פנים מיט׳ן חורבן?!
וואס דען איז געשעהען? —

(נאך ווייכער):

איז דיר ווער געשטארבען?
א פאטער צי א מוטער? —
אלץ נאך — ניין און ניין?
אפשר א געליעבטע?

(דער פאעט גיט דעם זעלבען צייכען אויף נישט. — פרוי
פובליקום בייזערט זיך):

דאך נישט דו אליין?!

(מעסיגט זיך, גיט זיך א קלאפ אין שטערן):

אהא, נו איך פארשטעה!
דו ביסט פון יענע לייט!
אויך א נייער פויגעל
פון דער נייער צייט!
מיט א ניי געזאנג,
א ביטערס, ווי די גאל...
צי באוויינסט דו זיך,
צי באקלאגסט דעם כלל?
צי די זויערע ארבייט
מיט שווארצען ברויט...

(שטארקער געריהרט):

און אפשר גאר די אידישע
טאפעלט שווערע נויט?!
ניין?
אלץ נאך ניין און ניין!

(בייז):

צו אל־די שווארצע יאהר!
האסטו גלאט געגעסען כריין.

אדער ציבעלעס א פּאר?
און גאר...
און דאס רינען דיר די אויגען...

ד ע ר פּ א ע ט
(באליידיגט):
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען...

פ ר ו י פּ ו ב ל י ק ו ם
(אויסער זיך):
וואס דען? מיט דער צונג ארויס, נאר פלינק!
ס'איז דאך פון דער הויט צו שפרינגען...

ד ע ר פּ א ע ט:

רעדען קאן איך נישט, נאר זינגען —

פ ר ו י פּ ו ב ל י ק ו ם
(פאראינטערעסירט):
מהיכא־תיתי, זינג!

ד ע ר פּ א ע ט
(דעקלאמירט):
צי דער טאג איז העל,
צי די נאכט איז שווארץ,
שארפע נעגעל האב איך,
קראץ איך מיך אין הארץ!
קראץ מיר וואונדען אויס —
די נעגעל זענען שארף...

פ ר ו י פּ ו ב ל י ק ו ם:

אבער נאר וואס? צו וואס?

ד ע ר פּ א ע ט:
מען באדארף.
(דעקלאמירט ווייטער):

עם רינט דאס בלוט פון הארץ,
פארבט די וועלט מיר רויט —
און איך זינג מיין ליעד,
מיין בלוטיג ליעד פון טויט!
עס קרעכט מיר צו דאס הארץ —
קרעכצען מיר ביינאנד...

פרוי פובליקום:
משוגע צי מטורף?
צי נאר א קאמעדיאנט?

דער פאעט
(באליידיגט):
דיר איז דאס לעבען זיס,
מיר, ווי פיאלון ביטער —
הער מיין שרעקליך ליעד,
אלטע, הער און ציטער!

(געהט אפ אין א זייט, מאכט א טראגישע מינע, די ריכטיגע פויזע און דעקלאמירט):

פלאץ, הימעל, פלאץ,
צוזאמען מיט דיין שיין,
מיט לבנה, שטערען!
צושמעטערט זאלט איהר ווערען
דא אויפ'ן פלאץ!
און אויך צושטערט
זאל ווערען די ערד! —
מיט אלץ וואס לעבט
און שווימט, און שוועבט,
איבערגעקערט!...
אלץ וויל איך פארדארבען,
צוברעכען, ווי שארבען —
ווייל איך וויל שטארבען...
שטארבען, שטארבען!

פרוי פובליקום

(צאַרניג):

האַ! דאס איז שוין געמיין!

(רופט איהם נאָך):

הער נאר, יונגער שנעק!
ווילסט שטארבען, שטארב אליין,
דא אויפ'ן פלעק!
נאר וואס שרייען, שעלטען?
וואס ארען דיך די וועלטען? —

דער פאעט:

שטארבען, שטארבען, שטארבען!

פרוי פובליקום

(אויסער זיך):

נאר ברער, ווי א שארבען,
פלאַץ, ווי א פאַכיר, ווי א זייפען־בלאז!...
וועלטען שמעטערען נאר וואס?

(אָפּגעקיהלט, איראָניש):

בא, אז איך האָב קיין נאז
צו דעם געשטאנק!
עס טוט מיר באנג
די צייט, וואס כ'האב פארבראכט,
א האלבע נאכט...
טפוי...

(געהט אַריין אין שטוב, פאַרפּראַלט די טיר. דער פאָעט פאַרשווינדט אין וואלד, עס הערט זיך—די גריל).

## לשנה טובה תכתבו.

לשנה טובה תכתבו
אלע, אלע וואו איהר זייט!
צי אייך האט דאס הארטע מזל
אויף א וויסטען סטעפ פארשפרייט!

צי איהר קיהלט די הייסע שטערען
ביי דער נאסער מערב־וואנט,
צי איהם שיפט אייך איבער ימים
צו א נ י י פארשפראכען לאנד!

צי איהר טראגט די יאָד די שווערע,
מיט א שמייכעל: איי, ווי גרינג!
און איהר קויפט די לופט צום לעבען
און איהר צאהלט פאר יעדען שלונג!

אלע אייך צום יאהר צום נייעם — —
יעדער שפראך און יעדעם קלייד: — —
לשנה טובה תכתבו,
אלע, אלע, וואו איהר זייט!

## די צייט.

די אייביגע צייט, זי געהט זיך איהר וועג,
זי ווייס קיין חדשים, קיין וואכען, קיין טעג,
זי געהט זיך אהן אויפהער איהר אייגענעם וועג,
און ווייס נישט, וואס „נאהנט“ איז און „ווייט“!

עס העלפען קיין טרערען, קיין בעטען, קיין צארן,
עס ציהען קיין לייצען, עס העלפט נישט קיין שפארען,
זי זעהט נישט קיין גריבער, קיין שטיין און קיין דארן
און געהט זיך איהר אייביגען וועג!

עס דונערט וועזואווי, עס פלאטערט א שטויב,
עס פישטשעט א ווערעמעל, ניאגארא מאכט טויב!
זי הערט עס ווי אונזער קריטיק אדער לויב
און געהט זיך איהר אייביגען וועג!

ווען טויזענטער נחת'ן, טויזענטער נויטען,
זאל בליצען דער מארגען מיט גאלדענע צויטען,
זי גריסט נישט דאס לעבען, באוויינט נישט דעם טויטען
און געהט זיך איהר אייביגען וועג!

## ט ר י י ס ט.

טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט,
שטארקט דאס הארץ, מאכט פעסט דעם גייסט.
זייט נ י ש ט דער ווינט, וואס לעשט די פלאם,
נאר בלאזט זי אויף, ווייל נאכט איז סם!
נאר בוימאויל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאכט איז גיפט און שלאף איז טויט!
טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט!

מאכט פעסט דאס הארץ און שטארקט דעם גייסט, —
עס האט געלויכט שוין נישט איין נאכט,
עס האט געזיגט שוין נישט איין שלאכט.
און נישט געלאזט די פאן פון האנט!
עס שטעהט — אן אייזען־פעסטע וואנט!
איין וויסטען, ווילד־פארקאכטען ים!
א, שטארקט דאס פאלק! בלאזט אויף די פלאם!

א, שטארקט דאס פאלק! נישט אפגעשלאפט!
זאל שפריצען העל די לעבענס־קראפט.
אלס פייערדיגע זיילביינאכט — — — —

עס זינקט די נאכט, דער טאג ערוואכט!
און שיקט די שטראל — א גאלדענע פייל —
אלס גרוס דער פייערדיגער זייל! —
א. טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט,
מאכט פעסט דאס הארץ און שטארקט דעם גייסט!

* *
*

איך געה ארום אין פרעמדען וואלד.
עס לייכט די זון, דאך מיר איז קאלט.
זינגען וויל איך, מיין געזאנג
ווערט פארשטומט אהן ווידערקלאנג!

עס איז קיין פרייע ליעבע וועלט,
עס גרינט און בליהט דאס פרעמדע פעלד;
איך רייס א בלום און לעג אין שויס, —
אך, מיד שטעכט די פרעמדע רויז!

* *
*

וואס איך וויל פון דיר?

אין די וויסטע לאנגע נעכט,
ווען דער גרויער וואלקען
טריפט מיט פייכטער קעלט
אויף דער גרויער ערד...

און די נשמה — גרוי,
מיט פייכט־גרויע שאטען דורך און דורך געוועבט,

אין פוילען ליבער פארציטערט,
קאן זיך קיין ליכט נישט דערמאנען,
און קיין הימעל, קיין צושמייכעלט בלויעס...
ווען ס'דאכט זיך: אויף אייביג שוין
איז די זון פון אונזער וועלט פארשוואונדען,
און פון לעבען,
און פון חלום איבער לעבען,
בלאסע קינדער וועקען זיך
פון קראנקען שלאף,
ליגען מיט שטאר געעפענטע אויגען און פרעגען:—
מאמע, איז ווירקליך געווען אמאל א טאג,
האט ערגעץ ווירקליך אמאל א זון געשטראלט?
אדער דו האסט עס אויסגעטראכט,
א מעשה'לע דערצעהלט...
גאט האט קיינמאל קיין זון נישט באשאפען,
און עס איז קיינמאל קיין טאג נישט געווען...

א, דאמאלט קום
און הויב די שווערע ברעמען אויף;
און גלויבען גיב
אין ליכט, אין טאג.

וואס איך וויל פון דיר?
ווען דער טויט פארשפרייט
זיינע ווייסע פליגעל איבער בארג און טאל...
די אויסגעבלייכטע נשמה, אהן קלאנג און פארב,
אהן האפענונג און פרייד,
פריהרט ביז'ן טיפסטען און ציטערט...
און פארשנייטע הערצער קלאפען שטיל, שטיל,
שטערבליך מיד און ווי פאר'סמ'ט...
און דאס בלוט אין ד'אדערען קיהלט;
און שווער, ווי בליי, פאלען די ברעמען

איבער מידע ווייס־אנגעזאפטע אויגען,
און בלאסע, ווייסע ליפען ציטערען, פרעגען:
האבען ווירקליך ב ל ו מ ע ן אמאל געבליהט?
האבען ווירקליך ר ו י ז ע ן אמאל געשמעקט?
און גרינע גרעזלעך האבען געשפראצט?
און אונטער'ן בלויען הימעל
גאלדענע זאנגען זיך געוויגט?...
אדער דיכטער האבען אויסגעוויגט,
מיט חלומות וועגען פארבען,
און מיט טרוימען וועגען בליהען
די הערצער מיד...

. . . . . . . . . . . . .

א, דאמאלט, דאמאלט קום צו מיר,
זאל דיין אטעם אן רויזען דערמאנען...
און איך וועל פיהלען און גלויבען,
און געהן ארוים צו דער וועלט מיט א בשורה:
פאראן! פאראן!

און אין מיין לעצטער מינוט...
א, דאמאלט קום צו מיר!
איידער עס ברעכט דאס אויג,
דיך וויל איך די ל ע צ ט ע זעהן,
און נעמען מיט אהין דיין בילד
אויף אייביג שוין...

## דאס יאהר.

שעהן איז דער פריהלינג!
שעהן מיט די געצוויגענע
אויף שטיקער, צוויטען, פעדעם און שפינוועבס
צוריסענע, צוקראכענע, וואלקען און נעבעל.

שעהן מיט די שטילע, חנ'עווריג שטראַלענדיגע,
בלוי פאַרשמייכעלטע שטיקער הימעל.
און מיט דער זון, וואָס שווימט — אַ פאַרוויינטע כלה —
פון ווייסען שלייער־נעבעל אַרוים
און טיקט צוריק אונטער, פאַרשעמט.
און שעהן איז דער ערשטער ציטער פון וואַלד —
פון אַ גוטען חלום, דורך אַ גוטער בשורה
געוועקט.
ער ציטערט,
וויל וואַרפען אַראָפּ פון זיך די שנייענע תכריכים
און אויסברייטען נייַ־אויפגעבליהטע צווייגען
פאַר די געפליגעלטע זינגער, וואָס קומען פון דער פרעמד.
שעהן איז דאָס האָפען;
שעהן איז די בשורה, וואָס טראָגט זיך אויף די לייכטע
ווינט־פליגעל, איבער טאָל און באַרג,
איבער טייך און פעלד —

באַרג אַפּ, באַרג אַפּ
יאָגען, רוישענדיג, קלינגענדיג,
געשלענגעלטע, טיף־בלויע וואַסער־לענטען
צווישען ווייסע שנייענע פעלדער —
שפּיציג־גרינע, לעבענס־דורשטיגע קעפּלעך
קוקען שוין דאָ און דאָרט פון שניי אַרוים
און פרעגען: ווען?

און עס וואַקסט דאָס האַרץ ביי דעם, וואָס האָט עס!

שעהן איז דער זומער.
דער פרייגיביגער, רייכער זומער,
מיט דער פייער־פלאַמענדיגער קרוין איבער'ן קאָפּ,
אין געוואַנט פון גאָלד און בראָקאַט
אויף די העל־געשטיקטע דיוואַנען...

פון צופלאַסען־גאָלדיגען ים
פלאַמט אַרוים דער מאַן,

קוקען פאַר'חלומ'טע האָבער־אייגעלער שטיל —
און די שאַרפע שרעקיגע, לוסטיגע פייגעל
איבער'ן ים —

פאַרטראַכט אין זיך פליסען שטיל די טייכען,
געלאַסען און זיכער געהט זייער וועג
צום ים, צום ים!
מיט'ן בלאַנקען בלויען הימעל
אין דער פאַרשפּיגעלטער שוים.

ברוין געזוימטע וואָלקען אַנטלויפען פאַר דער זון,
גערויטעלטע, לייכטע, זילבער־נעבעל יאָגען זיך נאָך
שפּילענדיג — —
דאָס פייפעל הערט זיך אין וואַלד,
דאָס שניטער־ליעד פון פעלד —
דעם פּליסאַקס געזאַנג פון טייך —

אונטער דער לאַסט פון גאָלדענע עפּעל
בויגט זיך דער בוים — —
ערגעץ וואו צואוויגט זיך א גלאָק — —
פון ערגעץ וואו קומט ציטערדיג זיין קלאַנג — —
זאָל בעטען, ווער עס האָט וואָס און ביי וועמען...

שעהן איז אויך דער הערבסט, —
ווי אַ אונטערגעהענדיגע זון
אין געדיכטע פאַרבען צופלאַקערט —

אין פלאַמען געזעגענט זיך דער וויין,
גאָלדיג זוימען זיך די בלעטער.
גיגנגאָלדען — די שטאַמען — —

דער טאַנץ פאַר'ן טויט,
דער געזאַנג פון לעצטען אָטעם — —
אַ בעבער שוימענדיגען וויין

איז א פארציטערטער האנט —
אויפגעפלאמטע אויגען —
צום לעצטען מאל... צום לעצטען מאל...

זאל טרויערען, ווער עס קאן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אם ליעבסטען דאך האב איך דעם ווינטער —
דאס גלאטע, דאס קלארע, דאס אויפגעקלערטע, —
דאס רוהיגע, דאס בריליאנטען־בליצענדיג טויטע —
ווייס, אהן א גרענעץ,
קלאר אהן א גרענעץ;
שוין נישט געהאפט,
שוין נישט געשראקען,
נישט געדענקט,
נישט פארלאנגט,
נישט געלעבט און נישט געליטען...
קאלטע, בלאנקע, שטילע רוה...

## צוריק אין דער אלטער היים.

### 1.

קענסט דו דעם ארט, וואו חלומות בליהען, ווי רויזען,
וואו די שטערען טריפען סודות אריין אין דער נאכט;
וואו העלע געזיכטער מיט שטראלענדיגע אויגען
שפינען ליעבליכע נעצען ארום דער נשמה,
ארום הארץ?

וואו דער טאג־גערויש ווערט איינגעזאפט מיט פרייד,
און ליעב און באקאנט איז יעדע מויער, יעדער שטיין,
און יעדער שאטען, וואס בויגט זיך ארום

צווישען טאג און נאכט פון יעדעם שפאלט
דערצעהלט זיס־שוידערהאפטע זאכען
אזוי ליעב?

דאס איז די היים.
די אלטע היים.

2.

אומשולדיג־שטיל־היימישע נאכט.
כ׳וויל מיך וואשען ריין
אין דיינע שטיל־ציטעריגע וועלען;
אין דיין שטיל־ציטעריגער זילבער־גלאנץ.
היל מיך איין.
כ׳וויל צוריק זיין דיין אמאליג קינד,
דיין אמאליג ריין־גלויביג קינד —
דערצעהל עפעס, דערצעהל...

3.

דא בין איך, מאמע,
צוריק דיין קינד,
דיין ריין, אומשולדיג, גלויביג קינד —
כ׳וויל פארגעסען די גאנצע צייט
פון אפגעריסענקייט פון דיר —

הינטער דיין טיר
האב איך זי געלאזען...
אין דיין שויס, מאמע, וויל איך אלץ פארגעסען:
די בלומען, וואס האבען פארבליהט,
די דערנער, וואס האבען געשטאכען...
די שלאכטען, וואו איך האב געזיגט
און די וואונדען, וואס בלוטיגען, בלוטיגען..

נייז,
עס טוט גארנישט, גארנישט וועה...

אויף מיין קאָפּ ליגט דיין האַנט, און ער טוט נישט וועה...
ניין, ער איז נישט גרוי...
קרייזעל מיר די לאָקען, מאַמע...
שוואַרצע לאָקען האָב איך, זעהסט?
און די רויטע בעקלעך בליהען,
און ווי קליין איך בין,
און ווי ריין מיין שטימע קלינגט —
אַ זילבער־גלעקעל, וואָס?

4.

געשלאָסען אויפ'ן אַלטען, מעכטיגען שלאָס,
איז דער געשמידעטער אייזען־טויער פון שול.
אויף געבלענדטע, האַלב־קיילעכדיג גרויסע שפּאַקולען
קוקט זי מיט אַ שווערען אָטעם
אין דער נאַכט אַריין.
פאַרשטומט די קינדער־פרייד,
די רוישענדיגע שוואַלבען־שאַר.
וואָס שלאָגט זיך גאַנצע טעג
אין די אַלטע, גרין־פאַרגאָלדטע שויבען־שטיקער,
און פּלאָנטערט זיך אין רעגענבויגען־פאַרבינגען שפּינוועבס,
רוהען אין די נעסטען,
איינגעהילט אין שאָטען...
די שול איז מיט מתים פאַרנומען,
מיט מתים פון מיין צייט און געשלעכט...

5.

אין דער שטילער נאַכט
געה איך אַ־ינער אַליין
אויפ'ן אַלטען מאַרק אַרום.

ניין, נישט אַליין!
עס געהט מיין גאַנץ געשלעכט...
שאָטען ריהרען מיך אָן.

װישענדיג זיך אַז מײנע קלײדער,
פון פאָרענט און פון הינטען,
און פון יעדער זײט.

עס געהט מיט מיר מײן גאַנץ געשלעכט...
און אַלץ, װאָס ער האָט איבערגעלעבט
פלאַטערט און שװעבט
אַרום אין דער לופט, װי שאָטען
פון לאַנג אײנגעפאַלענע מױערען,
װאָס האָבען זיך פאַרבלאָנקעט און פאַרװיקעלט
און ציטערען אױסער דער צײט...

. . . . . . . . . . . . . .

6.

אַז עולם געהט...
אַ גרױסער, פרעהליכער עולם:
מענער, פרױען, קינדער...
גלאַנצענדיגע קלײדער טראָגען זײ, די מענער;
אַטלאָס, זײד, שפּאָגעל נײע קלײדער — —
בענדער, העל־פאַרביג־לוסטיגע בענדער
איבער װײבער־קעפּ!
פון אונטער ברעמען, שפּראָצען, שפּריצען
בליקען שטראַלענדיג־פרישע...

רױטע פאָנען טראָגען פרײד־גערױטעלטע קינדער —
הײנט איז — שמחת תורה!

בײ מיר, אין פאַרבאָרגענעם
הײליגען װינקעל, אין האַרץ,
אין קינדערישען קדשי־קדשים,
בליהט דאָס הײליגע גליק
מיט הײליגען װײרױך לײכט פאַרנעבעלט...

כ'זעה!
צופלאסען גאלד, א שטראם צופלאסען גאלד
זענען איהרע לאקען — —
פאר איהרע בליקען בלייבען זיך די פלאמען
פון פאקעל און הבדלות —
ווי א פלאמענדיגער מאן אין פעלד
איבער אלע זאנגען שיסט
מיין ליעב ארויס,
איבער אלע קעפ!

. . . . . . . . . . . . . .

7.

עי, נייז, קלעזמער שפילען,
עטוואס וואקעלט זיך דער עולם —
פורים־שפילער, שטעלצען־געהער,
אלערליי שלח־מנות טרעגער
ווימלען רעכטס און לינקס.

הער, אינגעלע,
שטעל דיך, ארעם אינגעלע
פון אחשורש שפיל!
נא דיר, נא, א צעהנערעל,
טרעט מיר נאר דיין מאסקע אפ
מיט דער רויטער נאז...

— דאס בין איך, מלכה'לע,
שרעק זיך נישט...
געגעהן דיך נאר,
זעה, ווי גוט איך שפיל...

. . . . . . . . . . . . . .

8.

עס מ׳שען זיך די שאָטען דורך...
אך, ווי שטיל דער עולם טרעט,
ווי גייסטערהאַפט עס קלינגט:
צדקה תציל ממות...

וויין נישט, קינד...
זעה, איך וועל דיר טאַטע זיין,
מאַמע זיין...

9.

שטיל האָט דורכגעשוועבט די נאַכט,
און שוועבענדיג,
א פענסטער נאָך א פענסטער פאַרלאָשען...

א פאַר׳חלומ׳ט זילבער־גרוי
שוועבט, קוים־קוים הערעוודיג,
איבער׳ן סקוועֶר...
אין די צווייגען
האָבען די מידע פייגעלעך
די קעפּלעך אונטער די פליגעל
באַהאַלטען...

טס...
יעדעס אָרעם גרעזעל האָט זיין שלאָפגעטראַנק באַקומען —
זיין טראָפּען טוי...

אין פאַר׳חלומ׳ט זילבער־גרוי
טריפט די לבנה שטיל
איהר ליכט אַריין...

אויף פייכטע, שטילע וואונט־פליגעל
שווימען די זכרונות אָן:

קינדער־טעג,
נעבעלדיגע קינדער־שאטנז.

## 10.

ביסט אליין?
אין דער פינסטער אליין?
איך האב עס געוואוסט,
און דעריבער געקומען.

צינד נישט אן קיין ליכט...
ניין, ניין!
זעה מיך נישט, און גלויב,
אז איך בין דער זעלבער —
וואס אמאל...

נישט געדונצעלט איז דער שטערן,
גרוי — איז קיין איינציגע האר...
און דאס הארץ איז ווי אמאל —

זיי דו אויך אזוי...
דו ביסט אזוי? וואס, ניין?

דא,
וואו מיר זענען אמאל געזעסען,
און צום לעצטען מאל...
גיב מיר דיין האנט,
דיין ווייסע שמאלע האנט...

דו רויטעלסט זיך?
איך זעה נישט, קינד,
פיהלען פיהל איך עס...

און — וואס קלאפט אזוי?
שלאגט א זייגער וואו?

פיקט א פויגעלע אן שטייג?
אדער דיין הארץ שלאגט?
אדער — מ י י נ ס?

11.

אין שאטען פון אלטען הויז,
שטעהט אן אלטע באנק...
איך זיץ, זי — נעבען מיר.
איהר ווייס קלייד בליצט מיר פאר די אויגען.
דער הייסער מאן אין די שווארצע האר...
און, ווי פון ווייטע, ווייטע וועלטען,
איהר שטימע קלינגט:
—„איך וועל שוין לאנג נישט לעבען...“
און אויף מיין האנט טריפט
א טרער נאך א טרער...
. . . . . . . . . . . . . .

12.

זייט געזונט!
טרוימען רופט מען נישט צוריק...
און פארהילכט א טאן,
קאן ער נישט איבערקלינגען...
צוויי מאל פליהט דער זעלבער שאטען נישט אדורך!...

## ט ר ו י ע ר.

1.

זיסע נאכטגיאל, נאך וואס?
נאך וואס זינגסט דו?
וועמען קלינגסט דו
פון קליינעם הארץ ארויס, וואס גליהט,

דיין ליעבעס־ליעד, דיין לעבענס־ליעד ? —
נאך וואס ?
פאר וועמען גיסט דו דיינע טרעלען ?
פאר'ן נידריג־שטומען גראז,
פאר די גוסס'דיגע בלעטער,
טויבע מענשען, שטאלצע געטער ?
וועמען שענקסט דו דיינע פערעל,
דיינע טרעלען ?

2.

און דו, וואסער, נאך וואס קוועלען ?
וועמען נוצט דיין ווילדער טאנץ
אין אווענט־גלאנץ,
איבער שטיין און ביין ?

נאך וואס נעקען ?
נאך וואס וועקען ?
נאך וואס רוישען, איבערשרעקען
וואלד און טאל
און דאס מידע גראז ?
און דו, שטיל באהאלטענע פלאנץ,
פלאנץ, אהן נאמען,
פלאנץ, אהן קראפט,
נאקעט און נאל...

וועמען טויג דיין גאנץ באמיהען,
נאך וואס ציהען
פון דער ערד ארוים דעם זאפט
און פארשפרייטען זאמען ?

3.

אין דער בלויער שטילער הויך,
פון ליעבעס־קוואל און לעבענס־קוואל

ציטערט בלייך
א הימלישׁ אויג —
און עס ציטערט, און עס שוועבט,
און עס פליסט, און שפּינט, און וועבט
פון הארץ ארויס א גאלדענער שטראל — —
מעז האט דערפון אסך?
פון דעם אלעם וועט נישט זיין —
אויף א הייזעל — ניט א שטיין!
און קיין שינדעל אויף א דאך!
פאר דעם, וואס וואנדערט אין דער פרעמד,
אפּגעמאטערט, נאקעט און גאל!
און קיין פאדעם אויף א העמד,
אויף תכריכים נישט צו מאל!
און קיין קערענדעל אויף ברויט,
קיין ארבעס־שויט!

4.

ציטער, זיסע פלאנצען־שוים!
פלאם און פלאטער, ווילדע רויז!
נאר איל דיך, אייל!
עס שטעקט זיך שוין א האנט ארויס
דיך אפּצופליקען!

זילבער־גלעקעל, טייבעל מיין!
וואס טאנצסט אין אווענט־גלאנץ אליין...
זינג נאר, קלינג נאר, און דערצעהל
אלע סודות, וואס דו האסט —
נאר געשווינד!
עס געהט דער ווינט,
ער אטעמט קעלט, ער הויכט מיט פראסט,
ער וועט דיך דערשטיקען!
פארזייה וויפיעל גאלד דו האסט,
שטערנדעל־ריין, שטערנדעל־פיין,

אין גאָלדענעם האַרץ!
נאָר היט דיך, היט,
אַ וואָלקען ציהט
גרימיג־שוואַרץ
און שלינגט דיך איין —
און אַ סוף פון אַלע גליקען!

5.

נאַכט. אַ הוילער בוים אין פעלד,
איינזאַם, שטום און בלינד!
און אַ קלאָג־ליעד אויף דער וועלט
בלאָזט אויף איהם דער ווינט!
און אויפ'ן בוים אַ שוואַרצע קראָה,
זיצט און לאַכט,
און דאָס אַלץ זאַפט אין זיך איין
די גרויע נאַכט!

* *
*

פון אַלע זייטען קרייזעלט דער ווינט,
בלאָזט ער וואַרעם, בלאָזט ער קיהל...

דרעהט די פליגעל פון אַ מיהל...
שליידערט בליץ־געשווינד
פון דאַך צו דאַך די פלאַם...

צי ער פאַטשט דעם ים —
וואַל מיט וואַל ווערט שנעל באַדעקט,
אויפגעשטעלט אַ וואַסער־וואַנט
און דער אַפּגרונט ווערט אַנטפּלעקט.

צי זיין שטילער אָטעם שמעקט
און ער זשומט א פריהלינגס־ליעד,
און ער טראָגט פון שטראַנד צו שטראַנד
זאמען־שטויב און זאמען־בליט...

צי ער ווירבעלט אין ווייטען סטעפּ,
וואָלקען פון שטויב, זיילען פון זאמד
און די פעלזען ווען ער שפּאַלט...

צי ער ראַנגעלט מיט'ן וואלד,
בויגט איהם זיינע ריזען־קעפּ,
רייסט די טאַנען ביי די צעפּ...
אָדער טרייבט, ווי שאָף און רינד,
אין וואָלקען הויד, אין ווילדען שפּיל...

עס קרייזעלט דער ווינט
דער זעלבער ווינט,
ימים פיעל, טייכען פיעל
און דאָס זעלבע וואַסער רינט...
ווערט געענדערט אַרט און גאַנג,

ווערט געענדערט אַרט און גאַנג
ווערט געטוישט פאָרם און קלאַנג, —
מורמעלט זילבערן דער קוואַל
און ס'באַטויבט דער וואַסער־פאַל,
גלאַנצט און בלענדט דער טורקוס־זעע
טאַנצט דער וואַלד־שטראָם, ווי די פעע,
שפּריצט די ערד, דער הימעל גיסט...
אַלץ דאָס זעלבע וואַסער פליסט...

צי פון מוטער־לייב געקראָכען
פון איין איי זיך אויסגעשטאָכען,
צי אנטוויקעלט פון א רויג, —
קוקסט דיך צו, אין יעדען אויג

פינקעלט, שימערירט און בליצט.
פון עמיצענס האמער צושלאָגנז,
אויף מיראַדען פונקען צושפּריצט...
דאָס זעלבע לעבען...
און געשטאַלטען שוועבען,
און מיראַזשען־בילדער יאָגען,
טויזענט־פאַרביג צויבערט די וועלט.
טיר און מענש, פעלקער, ראַסען,
קלאַסען
און געשלעכט...

און זעהט מען זיך נישט ר ע כ ט,
ווערט לעבען פון לעבען נישט דערקענט, —
קאָן ווערען לעבען דעם לעבען צולאַסט!
ווערט לעבען פון לעבען געליעבט און געהאַסט,
פאַרהייליגט, פאַרשוועכט, פאַרגעטערט, געשענדט!
שטרייט מען און בענקט, האַפט מען און ראַנגעלט, —
ווערט געלאָקערט, געיאָגט און געאַנגעלט,
און יענעמס שאָטען געקושט, דער שטויב געלעקט!

א ווירוואַר פון געפיהלען געוועקט...
און דאָס ציהט און דאָס שרעקט!
איז אייביג נע־ונד די וועלט!
פעלז און באַרג, וואַלד און פעלד,
און איבעראַל די זעלבע ערד,
ווי דער הימעל, ווי די שטערען...

און אָפען איז דאָס אויער און הערט
און ווערט נישט קיינמאָל פול פון הערען...
ס'אויג נישט שטראַל־ און פאַרבען־מיד...
פאַר יעדען טאָג א בענקשאַפט בליהט,
גליסט דאָס האַרץ און ווערט נישט זאַט...
און הערט נישט אויף אויפסניי צו פרעגען...

פים ווערען מאַט...
און מיט שטויב פון טויזענט וועגען,
פון טויזענט לענדער
אין די פאַלדען אין געוועב
דריקען די געווענדער...

שוועב צו, נאַכט, שוועב...
דיין שאָטען איז ווייך, דיין אָטעם לינד,
איך קום פון ווייט, פרעג נישט פון וואַנען,
און איידער דיין שלייער צורינט,
געה איך פון דאַנען —
און נישט פרעג,
וואו אהין עס פיהרט דער וועג...
אפשר ווייסט ווער אין דער הויך...

לאָמיך רוהען אין דיין שויס...
דו ביסט נעבעל־שאָטען רייך,
שפּין א טרוים מיר אויס,
וויג מיר איין דאָס האַרץ,
שפּין גרוי, שפּין שוואַרץ,
שפּין רויט,
שפּין פון לעבען... שפּין פון טויט...

## בענקשאַפט און טרויער.

איך בענק צו דיר! —
ווי די דורכגעברענטע ערד
צום ערשטען טראָפּען טוי;
ווי דער גרויער אָווענט
צום ערשטען פינקעל־שטערן —
בענק איך צו דיר!

עס ציטערט מיין ארעם האַרץ
און צאַפּעלט צו דיר!

ווי דער פריש־געפאנגענער פויגעל אין שטייג
צום פרישען וואלד,
צום פרישען, גרינעם, פרייען וואלד,
בענקט עס צו דיר!

מיין נשמה לעכצט נאך דיר!
ווי דער ארויסגעווארפענער פיש פון ים
אויפ'ן הייסען זאמד
צו דער ערשטער גרינער כואליע,
וואס וועט'ן באפרייען פון טויט,
לעכצט זי צו דיר!

---

א, שטערן מיינער, א, מזל מיינס,
וואו פיהרסט דו מיך?
וואו געהט מיין וועג?

מיט וואס האסט אויפגעפלאמט?
צי מיט פליסיג גאלדען־גליק,
צי מיט בלוט?
און ווער איז די ווייסע געשטאלט,
וואס שטראלט אקעגען מיר?
ה א פ נ ו נ ג אדער ט ו י ט?

א ווייסע, אן אויסטערליש ווייסע,
אן אומגעהויער ווייסע, ריינע בלום
האט אויפגעשפראצט, האט אויפגעבליהט
אמאל ביי מיר אין הארץ.

געה איך ארום מיט אן אפען הארץ,
געהט אן אויג א שלעכטס פארביי
און שטעכט זי מיט'ן שארפען בליק,
און זי איז פארביי!

---

א זילבער־בלייכען פאדים שפּינט
מיר איינמאל אוים דאס הארץ
אין שטילע באנגע נעכט
פון שטילען באנגען שמערץ!

דעם זילבער־בלייכען פאדים טרייבט
דאס הארץ ארויף, ארויף!
צו דער בלויער טיפער הויך,
צו מיין שטערנדעל פון גאלד,
צו מיין הייליג שטערנדעל
אין בלויער, טיפער הויך!

פליהט א פלעדער־מויז פארביי —
דער פאדים איז פארביי!

---

פאראן אויף דער וועלט
אזוי ווייניג גוטס,
אזוי ווייניג ריינס,
אזוי ווייניג שעהנס...

גלויבען מענשען נישט
און דערקענען נישט,
און שפּייען,
געהענדיג פארביי...

---

און עס וויל זיך לעבען,
צו וויסען דעם סוף;
און עס וויל זיך שטארבען,
ווייל עס גלויבט זיך נישט...

און ווי דאס גלות לאנג
ציהט זיך, ציהט די נאכט...

ווי זעהט אוים די זון?
ווי זעהט אוים א שטראל?

## א גוטע נאַכט.

צוגעדעקט די פיסלער.—
איך ברענג דיר מאַרגען ניסלער.
פרישע ניסלעך פון וואלד;
זאָלסט, מיין קינד, נאַר שלאָפען באלד.

דרימעלט איין מיין קינדעלע פעסט.
קומען באלד די ליעבע געסט;
קומען, קומען אנגעפלויגען
מלאכים׳לעך מיט זיסע אויגען.

די פייגעלעך פון לויטער גאָלד,
זיי האָבען שטילע קינדער האָלט.
און זיי קומען צו באהיטען,
צו באהיטען און באשיצען
מיט חלומות שטילע, שעהנע,
ווי עס פאסט פאר קינדער קליינע.

מאך נאַר צו די אויגעלעך,
זיי פליהען אַז, ווי פייגעלעך.
הערסט, מיין קינד, הערסט, מיין קרוין,
די פייגעלעך, זיי רוישען שוין.

זיי פליהען אַז ווי פייגעלעך,
מאך נאַר צו די אויגעלעך.
שטיל, די אויגעלעך פארמאכט,
האָב א גוטע, זיסע נאַכט.

# באַלאַדען

## מאָניש.

איהר ווייסט — מן הסתם —
די וועלט איז אַ ים,
מ י ר זענען פיש!
(טייל זענען העכט,
שלינגען ניש'־שלעכט...
זאגט, אפשר ניש'?)

די וועלט איז אַ ים,
ברייט אהן אַ שיער;
די פיש זענען מיר,
דער פישער איז ס"ם.*)

*   *
*

ער האָט זיך אַלס פישער
ביים לעבען געשטעלט!
די תאוה — דאָס ווערעמעל! —
פיהרט איבער די וועלט?

עס כאַפּט וואויל די אַנגעל
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך אַ ווערעמעל —
אַ בליק נאָר, אַ קוש...

---

*) ס"ם: ראשי תיבות (איניציאַלען) פון סמאל, דעם שר פון גיהנום.

נאר באלד נאכ'ן ווערעמעל
געהט — האקען און שטריק;
געעקט מיט'ן לעבען,
א סוף פונ'ם גליק;

* *
*

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען איהם,
דעם שמד'ניק, דעם שטן,
דעם שר פון גיהנום;

און זעלטען איז עמיץ
באשירמט און באהיט...
אט, אייך צוווארענען,
זינג איך מיין ליעד!

א.

ס'אי' געווען אמאל אן עלוי,
נישט געקענט די וועלט אפילו,
נ י ש ט געווען אין קלאס;
פרום דער טאטע, פרום די מאמע,
די משפחה—לומדים סאמע,
גאר פון עקסטען פאס!

סאמע גאונים און למדנים
מיט אן „אלף־בית רבנים",
ס'קלינגט מיט איהר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאגען:
זיי וועט אלע איבעריאגען,
מאוייא אונזער העלד!

מאניש איז א וואוילער יונג,
ר'האט א קעפעל פייער־פלינק,
אנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויך באלד אריין אין קארב,
מעג דער רמב"ם זיין, ווי הארב!
און דערצו נאך א בעל־קורא!

און א שעהנער יונג — א פראכט!
שווארצע לאקען, ווי די נאכט,
קארמען ליפען — רויזען צוויי!
שווארצע ברעמען, ווי די בויגען,
ווי דער הימעל בלויע אויגען,
און א פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדעל אין איהם לעבט,
און ער געהט נישט, נאר ער שוועבט;
אנצוקוקען איז א פרייד!
מיידלעך ווערען רויט און בלאס,
אז ער ווייזט זיך אויף דער גאס,
אז דער שעהנער מאניש געהט!

ד'יונגע רבי'צין אין חדר
זיצט א גאנצען טאג כסדר,
הערט, מכלומר'שט, ווי מע'קנעלט!
ס'לויפט די יויך, די מילעך ברענט,
און זי זיצט פארלעגט די הענט,
קוקט אויף מאניש'ן און קוועלט!

און דער שכנה — שיינע האדעל,
פאלט פון האנט ארויס די נאדעל,
לאזט זיך אונזער מאניש הערען!
עס פארפעהלט איהר אטעם, דאכ',
און עס גיט אין הארץ א שטאך,
און — עס קאפען הייסע טרערען...

* *
*

דאך — ווי גאָלד איז אונזער מאַניש,
פון דעם אַלעם ווייסט ער גאָר־ניש׳;
שטן, ביסט געפּלעפּט!
ער האָט ליעב אַ בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו אַ סברא,
„שור שנגח את הפרה“,
דאָס איז זיין געשעפט!

---

געלעבט האָבען דאַמאָלט
נאָך ד׳אַלטע בעלי־בתים,
מיט מעשענע ברילען
און זילבערנע בתים.

גאָלד׳נע עטרות
און אייזערנע מחות;
אַנדערע יאָהרען
נאָר אַנדערע כחות.

פול ס׳בית־המדרש
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאַליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ.

עס ווערט נישט פאַר חצות
קיין ליכטעל פאַרלאָשען;
און פּראַזשבעס צו רענדלעך:
און תורה מי׳גראָשען!

און דאמאלט האָט מאָניש
אַלס עלוי גע'שמ'ט;
די גרעסטע רבנים,
פון ווייט, פון דער פרעמד:

דער פּטיש 1) פון לאַשטשעוו
דער „סיני" 2) פון קאָזיץ,
דער מאור הגדול 3)
פון קליין־מאָזעלבאַזשיץ, 4)

זיי קומען אומישנע
פאַרהערען דעם עלוי!
און טאַנצען פאַר שמחה:
„אתחלתא־דגאולה" 5)

— „וואויל איז דעם טאַטען, וואָס האָט אַזאַ זוהן,
וואויל איז דער מאַמען, וואָס וועט'ן ערציה'ן,
וואויל איז דעם דור, וואָס איהם פאַרמאָגט!
אין משיח'ס צייטען ווערט אַזוינס געבוירען!
אַ, ירושלים, עפען דיינע טויערען!"
דאָס האָבען אַלע רבנים געזאָגט!

## ב.

אויפ'ן בארג אררט
אויפ'ן הויכען באַרג,
וואָס טראָגט דעם אייביגען
שניי אויפ'ן קאַרק.

---

1) אַ האַמער.
2) דער באַרג סיני.
3) דער גרויסער לייכטער — די זון, דאָס אַלץ זענען טיטולען פון גרויסע רבנים.
4) „מאָדלע־באָזשיצע", א פּויליש שטעדטעל.
5) משיח'ס צייטען.

אויפ'ן בארג אררט —
לויט עס איז באשריבען —
איז מיט דער תיבה
נח שטעהן געבליבען.

און איז ארויס פון קאסטען
מיט שם און חם און יפת,
און מיט אלע חיות,
בהמות און עופות...

און זיי אלע זעהען
מיט ד'אייגענע אויגען,
ווי ס'הענגט אין הימעל
גאטס פיילענבויגען!

און הערען גאטס שבועה:
„דא שווער איך דיר, וועלט!
עס וועט דיר נישט פעהלען
קיין היץ און קיין קעלט!

כאטש רצח'ע און הרג'ע,
כאטש גנב'ע און מסר,
איך וועל דיך נישט טאפיען
שוין קיינמאל אין וואסער!"

געטאנצט האבען חיות,
חם האט געלאכט,
נח האט די ערשטע
כוס'ע געמאכט.

---

געשטארבען שוין אלע...
א פעקעל מיט יאהרען!
עס שטעהט דאך די תיבה
ביז היינט לזכרון

דאָרט אונטער די שנייען!
און ס'הענגט אויף דער וואַנט
עד היום דער צהר,
דער גרויסער בריליאַנט.

און דאָרט, אין דער תיבה,
אין שנייען און פרעסט,
דאָרט האָט זיך ס מ א ל
געפלאָכטען א נעסט.

און געגען דעם צהר
קעמט אַל' אין דער פריה
לילית די גאָלדענע
לאָקען זיך צו.

זי קעמט זיי און קרייזעלט,
און פלעכט זיי קאָקעט,
און ס מ א ל ליגט זיך און רויכערט
און רויכערט אין בעט;

זיי שמועסען פּאַרטרויט
פון דעם און פון יענעם,
וועמען צו פּאַקען
אריין אין גיהנום;

וועמען צו שמייסען
מיט אייזערנע ריטער,
וועמען צו פרעגלען
צום פרישטיק אויף פּוטער!

---

אין א שעהנעם מאָרגען
קלינגעלט עס שטאַרק,
עס ציטערט די תיבה,
עס צאַפּעלט דער באַרג,

עס שפרינגט שיער סמאל
ארוים פונ'ם בעט.
„אריין!" עס באווייזט זיך
דערשראקען א שד.

---

מיטגעבראכט האט ער
אן עקסטרא־„ראפארט".
קוים וואס ער שלוקערצט
א ווארט נאך א ווארט; —

— „אך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דיין טראן..."
— וואס איז געשעהען?
געשווינד, הער באראן!

— „אין קעניגרייך פוילען,
הארט ביי דער גרענעץ,
ליגט זיך א שטעדטעלע
גרוים, ווי א גענעץ.

„און קוים וואס מען זעהט עס,
מען הערט עס אויך זעלטען;
הייזלעך, ווי ניסלעך,
פון שמות געצעלטען...

„אינגאנצען א צעהנדליג,
צו צעהלען אויף פינגער!
עס בייסען די ציגען
די דעכער פאר הונגער!

„און שטיל, ווי א קברות;
מענשען, ווי מתים.

קיין גאוה, קיין תאוה,
מע' לעבט פון תעניתים;

„קיין חסידים, קיין דייטשען —
האט תורה א קיום,
וואקסען רבנים,
מע' פאשעט עלוים...

„ציגד וואקסט נאך א גאון!
וואס וועט נאך פארשעמען
גאנץ פוילען און ליטא,
און זאמוט און בעהמען.

„און לאזט דו איהם וואקסען,
און לאזט דו איהם פריי,
ביסט דו — חלילה! —
הוד מלכות, פארביי!

„האסט דו פארלוירען
גאנץ פוילען און ליטא...
איז — חס ושלום! —
אז עק פון נישט גוטע;

וועט ער אונז יאגען
מיט שרעקליכען האס,
און ברענגען משיח'ן —
חלילה וחס!" —

---

דער ימח־שמו
ווי ר'האט עס דערהערט —
איז איהם די שמחה
געווארען געשטערט.

ליגט ער און טראכט.
טאג אזוי נאכט.
און רייבט זיך, און רינצעלט דעם שטערן:
— ג׳וואלד! לילית קרוין!
אז עצה גיב! שוין!
אזוינס קאן די וועלט איבערקערען!

— די נום איז הארט!
נאר, מיין מאן,ווארט.
זי קנאקט דאך אונטער די ציין.
נצחון איז זים!
גרייט אן די שפיז.
דער בראטען וועט קומען אליין.

---

א. גאט, האב רחמנות,
זיי זוכען נקמה!
האלט, אידען, תענית
פאר דער נשמה!

עס שווינדלען די אויגען.
הייס ווערט און קאלט...
זי הענגט אויף א הערעל.
אט, אט, אט, זי פאלט!

אט, פאלט פונ׳ם הימעל
א ליכטיגער שטערן;
אט, וועט אין גיהנום
א שמחה שוין ווערען!

ג.

טרא־רא־רא, טראך!
וואס איז געשעהן?
צי האט נישט דארט עמיץ
משיח׳ן געזעהן?

װ ו ע ן בלאָזט מען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צי איז ער משוגע
געװאָרען, דער שמש?

װאָס בלאָזט עס און פײפט,
װאָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצען די דעמבעס
און סאָסנעס אין װאַלד?

עס פײפט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטראַ־
פּאָסט פון טראַקט!

אַך, װער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
עס פליהען, װי רוחות,
נאַשפּיץ די פערד!

עס קלינגען די גלעקלעך
װאָס אַמאָל פרײער!
עס שפּריצען די פּאַדקאָװעס
פונקען און פײער.

עס שלענגעלט זיך, קנאַקט
אַהן רחמים, די בײטש!
מען שטעהט מיט אָפענע
מײלער: װאָס טײטש?

---

צוזעהן דאָס װאונדער
זענען אַרױס
קראַנקע פון בעטען,
לומדים — פון קלױז.

קינדער פון חדר —
איינס אין דער מיט,
אין האנט די תחתונים —
פון אונטער דער רוט.

דארט לויפט א שוחט,
בלייך, ווי די וואנט,
א נישט דערקוילעטער
האן אין דער האנט.

ער האט אינמיטען
דאס פייפען געהערט
און — במקום דעם האן —
דעם חלף — אויף דר'ערד!

און פליהט אויפ'ן רב'ל
ארויף ווי א קויל
אריין מיט'ן חוטם*)
אין אפענעם מויל!

און דא לויפט א טויבע
און ברעכט זיך די הענט;
„שרייט, אידען, העכער —
אידען, וואו ברענט?"

---

אויסגעלאזט האט זיך
די מעשה גאר פראסט:
א דייטש איז געקומען
פון דאנציג מיט פאסט!

---

1) נאז.

מיטגעבראַכט האָט ער
גאָר אוצרות מיט געלט!
געהן וועט א מסחר!
זיין וועט א וועלט!

און גאָט האָט דאָס שטעדטעל
מיט מחיה באַגליקט,
ער האָט זיי פון הימעל
אַן אוצר געשיקט:

עס האַנדעלט דאָס דייטשעל
מיט כל ערליי תבואות,
און צאַהלט אלץ אין באַרען!
און מאַכט נישט קיין שהיות!

אלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענדלעך געוואויגען,
דעם סוחר ווערט פרעהליך
און ליכטיג אין ד'אויגען!

הויבען אַן האַנדלען
די שוחטים... דינים...
עס לויפען, עס קויפען
מלמדים, בטלנים...

אַז אַלעם איז סחורה,
פון פאַרשום — א רעגען!
און פויערען מיט פוהרען
פאַרלעגען די וועגען!

און אַלץ איז א סחורה,
געקויפט און געשטעלט!
שיטען אַן אידעלעך
פעסלעך מיט געלט!

אך, ווער געדענקט
אזא גאָלדענע צייט?
מען טראָגט אין דער וואכען
נאָר אַטלעס און זייד!

און חתונות מאכט מען
טאָג־טעגליך כסדר:
באווארפען די שניידער
מיט חתונה־קליידער.

עס זענען אַהן הענט שוין
די קלעזמער געבליבען,
די חופה צוריסען,
די שטאַנגען צוריבען.

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כח צו לאַכען;
מען קריגט שוין קיין וואקס נישט,
הבדלות צו מאַכען:

לעקעך פאר ברויט שטאַט!
און ניס, פּאָמעראַנצען!...
עס קאָכט, ווי א קעסעל
דאָס שטעדטעל אינגאנצען!

---

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
אַ בת יחיד׳לע אַ פּראַכט:
גאָלד׳נע לאָקען ביז די פּיס!
אויגען בלישטשען, ווי די שטערען,
און אַ קול—א פריידּ צו הערען!
און אַ שטימע—צוקער־זיס!

און זי געהט נישט, נאר זי שפרינגט,
און זי רעדט נישט, נאר זי זינגט,
פרעהליך, לוסטיג טאג און נאכט!
און לאזט ארויס איהר קול מאריע,
העלפט דאס גאנצע הויז איהר צו,
קנאקט פאר לאכען, ווען זי לאכט!

כא! כא! קלינגט עס, ווי א גלאק!
יעדעס שטיינדעל, יעדער טשוואק,
וואנט און דאך! דאס הויז אינגאנצען!
עס לעגט די אל אוועק דער שוסטער,
און דער מארשאלעק דער וויסטער
כאפט זיין גרונע טאנצען!

דער שמש איז א פעסימיסט,
און—א׳ד־לעבען—נישט אומזיסט,
מיט א שלאנג איז ער געזעסען!
און לאכט מאריע, נו, לאכט ער מיט,
און לאכט פון הארץ, געזונט און גוט,
„קול באשה״? — גאר פארגעסען!

און אז מאניש געהט כסדר
יעדען מארגען פריה אין חדר,
בלייבט ער שטעהן ביים טויער...
דאמאלט זינגט א פראכט מאריע,
און איהר טרעלען־מעלאדיע
דרינגט איהם טיף אין אויער!

עס דרינגט אריין אין הארץ איהם טיף!
און אויפ׳ן אייגענעם מאטיוו,
מיט דער זעלבער מעלאדיע,
זינגט דערנאך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סברא,
דרעהט נאך מיט׳ן פינגער צו!

נאר א שוויים ליגט אויפ'ן שטערען,
און די אויגען — פייכט פון טרערען,
און דאס פנים בלאס, ווי קרייד.
דער רבי זיינער זיצט פארצוקט,
ס'שטעהט די רבי'ציז און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואס דאס באטייט!

* *
*

דער פאטער — פארנומען,
אין אלעם פארגעסען;
אין דער היים — זעלטען
א שבת געגעסען.

עס זעהט דאך די מוטער,
ווי מאניש פארשווינדט;
זי שרעקט זיך און פרעגט איהם:
וואס איז דיר, מיין קינד?

וואס לאזט זיך דיין קול
אזוי וויינענדיג הערען?
וואס האסט דו אין ד'אויגען
נאר טרערען און טרערען?

וואס ביסטו אזוי בלאס,
מיין איינציגעס קינד?
ווער האט דיר פארלאשען,
זאג, וואס פאר א ווינט.

די אויגעלעך דיינע,
די שעהנע הבדלות?
וואו האסט דו גענומען
נגונים — יללות?

אחן אן ע י ז ־ ה ר ע,
געזונט זיי און שטארק,
דו פלעגסט דאך צו זינגען,
פונקט א קאנאר'ק.

א שטייגער, א וואלאך,
צי אנדערע זאכען!
עס פלעגט דאך פאר תענוג
דאס הארץ אין מיר לאכען.

אז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסען; —
היינט האסט דו גאר יענע
נגונים פארגעסען!

היינט זינגסט דו גאר אנדערש,
היינט זינגסט דו ניש' גוט,
עס קלעמט מיר דאס הארץ צו,
עס קיהלט מיר דאס בלוט;

עס שניידט, ווי מיט מעסער,
אין הארץ דיין געזאנג!
וואס איז פאר א שטייגער,
וואס איז פאר א גאנג?

. . . . . . . . .

פלעגסט אמאל העלפען
דעם חזן אין שול...
גאר אנדערע קולות,
אז אנדער געפיהל;

אצינד עמיץ אנדערש
זינגט פון דיר ארוים!
וואס איז דיר, מיין לעבען,
דער מאמען זאג אוים!

. . . . . . . .

— צי ווייס איך דען, מאמע,
וואס ס'זינגט דארט אין מיר?
איך ווייס נאר, אין הארץ איז
גאר אנדערש, ווי פריהר!

איך ווייס נישט, וואס ס'איז מיר,
עס נאגט דאך אין הארץ;
און פלוצלונג פאר ד'אויגען
ווערט פינסטער און שווארץ...

עס הויבט אן צו ברענען,
ווי פייער אין מח;
עס רייסען זיך קולות
פון האלז אוים מיט כח!

און אטעם פארפעהלט מיר,
ס'איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פארהאלטען,
די טענער, אומזיסט!

זיי פליהען, ווי פייגעל,
ארוים פון א נעסט...
און — אזוי זינגט זיך...
אט, ווי דו זעהסט!...

ד.

אנדערש וואלט מיין ליעד געקלונגען,
כ'זאל פאר גוים גוי'ש זינגען,
נישט פאר אידען, נישט „זשארגאן"! —

קיין רעכטען קלאנג, קיין רעכטען טאָן!
ס'האָט פאַר ליעבע, פאַר געפיהל
נישט קיין פאַסענד וואָרט, קיין סטיל...

אונזער אידיש האָט נאָר וויצען,
האָט נאָר שפּיצען, בלאַנקע בליצען;
ווערטער, ווי פאַר'סמ'טע שפּיזען!
איז איהם לאַכען, ווײנען ריזען!
ר'איז ווי גאַל, ווי פּיאָלון ביטער,
און ער דרעשט דאָס לייב מיט ריטער!

ר'איז אײנגאַנצען בלוט און טרערען!
קאָנסט אין יעדען אויסדרוק הערען
ווי דער ים—פון צרות זידט,
ווי עס ברעכט דאָס הארץ דעם איד...
נאָר, כאָטש פּלאַץ דאַ אויפ'ן אָרט,
ס'האָט קיין לעבליך וואַרעם וואָרט!...

קיין אײנציג וואָרט איז צאַרט און גלאַט,
עס איז פאַר ליעבע טויט און מאַט —
„הערצעל", „זעלע", „שאַץ" און „שעצעל"—
ס'האָט א טעם, ווי לאַקריץ-פּלעצעל;
עס האָט קיין טעם, עס האָט קיין זאַלץ,
און עס שמעקט נאָך חזיר-שמאַלץ!

---

איך האָב צו אייך קיין טענה-ומענה,
וואָס די ליעבע איז אייך פרעמד;
ווענוס שפּרינגט אַרויס פון פּיאַנע,
ז' מיטען ים און אָהן א העמד!

און אַמאָר מיט בלינדע אויגען,
באָרוועס, נאַקעט לויפט ער, פליהט;

שפּילט זיך מיט אַ פּיילענבוינגען —
קאָן דאָס פּאַסען פאַר אַ איד?

* *
*

ווייבער האָב׳מיר סאַמע צנועות!
ס׳וועט קיין ליעבע נישט פאַרלאַנגען!
אונזער טאָכטער מאַכט קיין שהיות:
נדן, תנאים, חופּה־שטאַנגען!

און מען לעבט דאָך ביי אונז אידען
גאַנץ בשלום, גאַנץ צופרידען;
ווי פּ אַ ס אַ ל י ע ס שיט מען קינדער!
טרעפט זיך זעלטען, פאַר אין ברירה,
טוט אַ איד אויך אַן עבירה;
דם־ובשר, ס׳איז קיין וואונדער!

נאָר ער וועט נישט פּלעטשען, פּראַלען:
„זאָנע, מאַנד און זילבער־שטראַלען"
נישט פאַר וואַסער, ניש׳ פאַר פייער!
ר׳לויפט אין מקוה אריין געשווינד,
וואַשט פון לייב אַראָפּ די זינד,
וואַרפט דערנאָך אַ האַרטען דרייער

דעם בעל־נס אריין אין פּושקע;
וויל ער, פאַסט ער נאָך אַ תענית
און ער שווערט זיך אויף נאמנות:
ס׳איז אינגאַנצען ווערט אַ שישקע!

* *
*

אינ׳ם שטעדטעל איז געוועזען
פון קדמונים אַ מפּולת:
דאַרטען פלעגען לצים וואוינען,
מוזיצירען, מאַכען קולות.

קרעהען, מיאוטשען, קוויטשען, בילען,
אדער סווישטשען ווי דער ווינט,
אויפ'ן דאך געהט אויף דער וואך
ארום אן אלטער שווארצער הונט!

ס'פלעגט ארויסצואווארפען שטיינער,
גאנצע פודען אויף דער וואג,
און עס פלעגנען זיך באווייזען
די נישט־גוטע טאג אויף טאג!

ווייבער, מענער, אידען, קריסטען
ווייבען לאנג די גאנצע גאס;
און מיט הויכע גראז באוואקסען
שטעהען הייזלעך פוסטע־פאס!

דארט ביינאכט באווייזט זיך מאניש,
צו דער חורבה געהט ער צו,
ס'קלאפט דאס הארץ, ווי ביי א גזלן:
דארטעןווארט אויף איהם מאריע!

איהם באגלייטען צוויי מלאכים:
אין דער לינקער זייט א שלעכטער,
און, מיט טרערען אין די אויגען,
געהט דער גוטער אין דער רעכטער!

און דער גוטער מלאך רוימט איהם
אין דעם רעכטען אויער אריין:
„האב רחמנות! דיין נשמה
זאל פאר גאט ניש' זינדיג זיין!

„וויס, די וועלט האט ער באשאפען,
וואס אין הימעל, וואס אויף דר'ערד!
זון, לבנה, אלע שטערען,
אלע אקסען, אלע פערד,

„ער פארזארגט אויך לייבען, בערען,
גיט פרנסה שאף און רינדער...
האט דעם מענש זיך אויסגעקליבען,
ער זאל לויבען זיינע וואונדער.

„און דעם תמצית פון די אומות
האט ער אידען אויסגעצוינגען,
און זעקס־הונדערט־דרייצעהן מצוות
אפגעמאסטען, אפגעוואויגען!

„טו נאר תשובה, און ער וועט דיך
מ י ט ש"י עולמות פארגעלטען!
אוי, בארעכען! איז מאריע דען
ווערט דריי הונדערט מיט צעהן וועלטען?"

חוזק מאכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקען אויער אריין:
„האסט נאך צייט אויף עולם הבא!
און ער וועט דיר מוחל זיין!

„צי האט ראובן נישט געזינדיגט?
אדער דוד און בת־שבע?
אלע זענען אין גן־עדן...
ווייל ער האט א גוטע טבע!

„און א ליאדע קרום, א טרער,
אין א ווינטער־טאג א תענית,
און א ווארט, „איך וועל נישט מעהר!"
און ער גלויבט דיר אויף נאמנות!"

אזוי טענ'ען די מלאכים.
און דער ישוב דויערט ניש' לאנג...
אט זי ווייזט זיך שוין אין פענסטער,
און עס הערט זיך איהר געזאנג!

פלאַמען ברענען איהר אין ד'אויגען
אַלע תאוות — אין איהר ליעד!
און ער פליהט שוין פייל פון בויגען,
און דאָס בלוט עס קאָכט און זידט!

---

טויזענט גרילען, טויזענט שפינען,
פלעדער־מייז און איילען הערען
זייער זינגען, לאַכען, קושען,
זייער קושען, האַלזען, שווערען...

און ער שווערט איהר הייסע ליעבע
ביי זיין לעבען, ביים געזונט;
דאָך זי שמייכעלט: אַזאַ שבועה,
טראָגט אוועק דער ליכטסטער ווינט!

און ער שווערט איהר ביי די ציצית,
ביי די פאות, ביי די תפלין,
און ביי שופר של משיח...
— „זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילען!"

---

און ער שווערט איהר הייסע ליעבע
אַלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער,
און זי שמייכעלט, און זי בעט זיך:
שווער נאָך ווייטער, ווייטער, ווייטער...

און ער שווערט איהר ביי זיין טאַטען,
ביי דער גוטער פרומער מאַמען;
ביי דער באָבען, ביי דעם זיידען,
און ביי אַלע נאָך צוזאַמען...

---

אויף איהר ליפּעל שפּילט אַ שמייכעל
און די אויגען איהרע גלאַנצען,

און זי בעט זיך: ווייטער, ווייטער!
זי וויל זיכער זיין איננאנצען!

ווייל א בחור קאן פארפיהרען,
קאן פארגעסען, האט זי מורא...
און ער שווערט איהר ביים פרוכת,
ביי דעם כתר, ביי דער תורה!

און זי בעט זיך העכער! העכער!
זי וויל זיכער זיין איננאנצען!
און זי כשופ'ט מיט איהר אטעם
און די אויגען בלישטשען, גלאנצען...

און ער גרייפט אלס העכער, העכער,
האט גאטס נאמען אויסגערופען!...

. . . . . . . . . . . .

פונ'ם הימעל קנאלט א דונער;
פון גיהנום פונ'ם טיפען

א געלעכטער, א גערודער,
און פון שוועבעל יאגט א ריח
און ער פליהט שוין „פאר קאנוואיעם"
אויף א בעזעם אין דער הויך.

אויפ'ן בארג אררט דארטען
איז א לעבען, א געפילדער,
ס'איז א באל דארט אין דער תיבה,
און א שרעקליכער, אווילדער!

און קאפעלען (יענע וועלטיגע
ציגיינער) מוזיצירען,
און שאמפאניער — ווי וואסער,
און די רוחות קאנקאנירען!

לאמפען — טויזענט פעסער סמאלע
די רשעים זענען קנויטען;
ס'גערהט ארום אן עקסטרא שד'ל
מיט א שערעל צו די צויטען!

---

און די קעניגין איז לילית!
אין די אויגען האט זי בליצען;
און ס מ א ל טראגט איהר לאנגע
שלעפּ מיט בראבאנדער שפּיצען.

. . . . . . . . . . .

אין דער טיר דארט שטעהט געשלאסען
אונזער מאניש אויף א קייט...
און מען לעגט שוין אן א פייער
און די שפּיז איז צוגעגרייט!

# מאַניש.

(נײַ באַארבײַט)

צו וואס איז אונזער לעבען גלייך?
צו א טייך!
און די מענשען — צו די פיש!

ס׳וואסער איז געזונט און פריש,
וואלט׳מיר שווימען אהן אן עק;
שטעלט דער שווארצער זיך אוועק,
ווי א פישער אויפ׳ן ברעג — —

שטעהט דער שטן אויפ׳ן לאנד
מיט דער ווענטקע אין דער האנט —
כאפט די פיש.

אויף א ווערעמעל נישט קיין ריינס —
אויף א תאוה׳לע א קליינס,
תענוג אויף אן אויגענבליק...
אנגעצויגען שוין דער שטריק.

אין דער לופטען קוים א טרעסעל,
ס׳פליהט דער העכט שוין צונ׳עם קעסעל
אויפ׳ן פייער פון גיהנום...
און געפרעגעלט און געבראטען...

און — ימח שמו — מע׳קען איהם
און מען ווייסט: ס׳איז מעשה־שטן

און ס'געראט'ס.
ווייל דאס ווערעמעל ציהט און ציהט...

כ'זינג דעריבער אויך א ליעד!
לעגט די אויערען צו און הערט!

*　　*

ס'איז געווען אמאל אן עלוי —
כ'ווייס נישט ווען און וואו אפילו,
נאר אין פוילען, און, אפנים,
אין דער גוטער אלטער צייט...
און ביי גוטע פרומע לייט:

פרום דער טאטע,
פרום די מאמע;
די משפחה —
לומדים סאמע,
און זיי שמ'ען
אויף דער וועלט,
און מבינים גרויסע זאגען:
זיי וועט אלע איבעריאגען
מאניש — אונזער העלד...

צינד אינגאנצען
זיבען, אכט!
און א מתמיד —
טאג, ווי נאכט!

תורה זאפט ער, ווי א שוואם;
און א קעפעל — ווי א בליץ,
צי ארויף — צום העכסטען שפיץ,
צי אראפ — אין טיפסטען תהום!
ווי א וואסער זופט ער ט"ז;
מען דער רמב"ם זיין, ווי הארב

טרעפט ער באלד אריין אין קארב,
און א בקי שוין אין ש"ס...

און א שעהנער יונג — א פראכט:
שווארצע לאקען, ווי די נאכט;
רויטע ליפּלעך — רויזען צוויי,
שווארצע ברעמען, ווי די בויגען,
ווי דער הימעל בלויע אויגען, —
און דאס פּייערל אין זיי!

אנצוקוקען איז א פרייד.
מיידלעך ווערען רויט און בלאס,
אז ער ווייזט זיך אויף דער גאס, —
אז דער שעהנער מאניש געהט...

די יונגע רבי'צין אין חדר,
זיצט א גאנצען טאג כסדר,
קוקט אויף מאניש'ען און קוועלט —
אויפ'ן קוימען לויפט און ברענט,
און זי זיצט פארלעגט די הענט,
הערט, מכלומר'שט, ווי מען קנעלט...

און דער שכנה — שעהנער אדעל
פאלט פון האנט ארויס די נאדעל, —
לאזט זיך אונזער מאניש הערען!
פרעסט דאס הערצעל מיט'ן הענטעל,
דריקט דאס אוי'רל צו צום ווענטעל,
און עס קייקלען זיך די טרערען — — — —

אבער ריין, ווי גאלד, איז מאניש,
פון דעם אלעם ווייס ער גאר ניש'!
וואס האט אונזער מאניש האלד?
ער האט ליעב א בלאט גמרא,
ער האט חשק צו א סברא...

„שור שנגח את הפרה“!
אז מען שמועסט, א גאלד...

*

און איז יענער צייט
האט מאניש אלס עלוי גע׳שמ׳ט!
קומען לומדים פון דער פרעמד
און רבנים פון נאהנט און ווייט
דעם עלוי פארהערען:
א נייער שטערן!
עס טאנצען פאר שמחה די זילבערנע בערד, —
וואויל דער מאמען, וואס האט׳ם געטראגען,
וואויל דעם טאטען, וואויל איז דעם ארט!
כ׳גיב עס איבער ווארט איין ווארט,
נאר וואס ארט זאגען?

*

געלעבט האבען דאמאלט
די אלטע בעלי־בתים, —
מעשענע ברילען,
זילבערנע בתים,
גאלדענע עטרות,
אייזערנע מחות...
אנדערע יאהרען,
אנדערע כחות...

אין בית המדרש —
קעפ אויף קעפ;
מ׳לערנט אין הייזעל,
אויף די טרעפ,

ס׳ווערט פאר חצות
קיין ליכט פארלאשען —

אַ פּראַשבע — אַ רענדעל;
תורה מ׳גראַשען!

*

הויכע בערג פּאַראַן אסך,
נאָר אררט פון תנ״ך
מיט די שנייען אויפ׳ן קאַרק
איז אַן אויסטערלישער באַרג;

אויף זיין רוקען, ווי באַשריבען,
איז די תיבה שטעהן געבליבען
נאָכ׳ן מבול. און מע׳הערט,
ווי זיין ליעבער נאָמען שווערט
אייביג לעבען פאַר דער ערד...

„רצח׳ע, מענשעל, גנב׳ע, מסר,
כ׳וועל נישט טאַפּיען דיך אין וואַסער;
איך פאַרשטעל מיר בעסער ד׳אויגען״...
ג׳העננט אַרויס אַ פיילענבויגען
אויפ׳ן הימעל לזכרון...

אמאָל איז געווען, אַ פּעקעל מיט יאָהרען, —
עס זיצט נאָך די תיבה טיף אין שנייען,
און עס לעבען דאָרט אין צווייען
ס״ם און לילית — מאַן און ווייב,
צוליעב דער קעלט און צייט־פאַרטרייב.
פון גיהנום גאַנץ פאַרבאָרגען,
נישט אַ ליעבער טעט־אַ־טעט?

איינמאָל פריהמאָרגען
סמאָל ליגט נאָך און רויכערט אין בעט,

לילית מאכט טואלעט
קעגען דעם צהר*). —
עס קלינגט אין טויער.
„הערייז !"
באווייזט זיך, דערשראקען, א שד,
קלאפט מיט די ציין,
פאלט אויפ'ן פנים און צאפעלט אויף דר'ערד!

— א, קעניג מיין,
האסט פאר דער וועלט
דיין פנים פארשטעלט ;
האסט גארנישט געהערט,
גארנישט געזעהן...
און צינד איז שוין שפעט, עס ציטערט דיין טראן.

ס"ם שפרינגט אויף : הער באראן,
וואס איז געשעהן ?

אין קעניגרייך פוילען
הארט ביי דער גרענעץ,
שטעהט זיך א שטעדטעל
גרויס, ווי א גענעץ.

(כ'רעד נישט פון מקום !)
הערט מען עס זעלטען, —
הייזלעך, ווי ניסלעך ;
שמות — געצעלטען !

דרעהען זיך אידלעך
ארום, ווי די מתים ;
מ'האט קיין פרנסה,
מ'לעבט פון תעניתים.

---

*) אייגענטליך, א פענסטער ; לויט לעגענדע, א טייערער שטיין.
וואס האט באלויכטען די תיבה !

אהז האנדעל, אהז וואנדעל,
האט תורה א קיום,
מ'פאשעט למדנים,
ס'וואקסען עלויים...

וואקסט צינד א פרי,
וועט עס פארשעמען
פוילען און ליטא,
פרייסען און בעהמען...

וועט ער אויסוואקסען,
לאזט דו איהם פריי,
זע'מיר פארפאלען,
ביסטו פארביי!

מיט אייזערנע ריטער
וועט ער אונז דרעשען;
און וועט אין גיהנום
ס'פייער פארלעשען!

וועט ער אונז יאגען
מיט שרעקליכען האס;
ברענגען משיח'ן,
חלילה וחס!

---

ווי ס"ם האט די ווערטער דערהערט,
איז איהם די שמחה געווארען געשטערט,
פלאמען איהם אויף די אויגען רויט,
און ער שוויצט מיט טייוועל'ס קויט,
ווי א קעסעל אויפגעברויזט,
לויפט צו לילית מיט דער פויסט...

זי איז שולדיג, זי אליין!

— די נוס איז הארט,
נאר, מיין מאַן, ווארט
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין...
נצחון איז זיס;
גרייט אַן די שפּיז,
דער בראַטען וועט קומען אליין!

ענטפערט לילית און פארשווינדט
אויף די פליגעל פון א ווינט. —

*

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואס איז געשעהן?
האָט נישט ווער ערגעץ
משיח'ן געזעהן?

ווען בלאָזט מען שופר?
אלול, נישט תמוז.
צי איז משוגע
געווארען דער שמש?

ס'בלאָזט טראָמפּייט,
ס'קנאַלט און קנאַקט,
אַן עקסטרא פּאָסט
קומט אַן פון טראַקט!

בלאָזט די טראָמפּייט,
קנאַקט צו די בייטש,
שטעהט מען מיט אָפענע
מיילער: וואס טייטש?

וואס טייטש?
געקומען פון דאַנציג אַ דייטש;

האנדעלט מיט ווייצען, האנדעלט מיט קאָרען,
ס'איז אינ'ם שטעדטעל א מחיה געוואָרען.
איינמאָל א קונה! איינמאָל א צאָהלער!
ס'בליצען די רענדלעך, ס'בלאַנקען די טאָלער!

פון פאַרשום א רעגען!
פאַרלעגען די פויערען מיט פוהרען די וועגען.
האנדלען בטלנים,
שוחטים, דיינים,
מען לויפט, מען קויפט און פאַרשיקט...
גאָט האָט דאָס שטעדטעל מיט איינמאָל באַגליקט!

און ס'איז געקומען א גאָלדענע צייט,
מ'טראָגט אין דער וואָכען אַטלעס און זייד —
חתונות מאַכט מען טאָג־טעגליך כסדר,
באַווארפען די שניידער מיט חתונה־קליידער!

עס זענען אהן העגט שוין די קלעזמער געבליבען,
די חופה צוריסען, די שטאַנגען צוריבען.
מ'האָט שוין פון בדחן קיין כח צו לאַכען,
מע קריגט שוין קיין וואקס ניש', הבדלות צו מאַכען.

מ'האָט מיט איינמאָל פאַרגעסען די נויט:
ווער נעמט עס אין מויל, מע' באַקט נישט קיין ברויט!
ס'ווערען געגעסען נאָר לעקעך און פלאָדען,
און משקה — צום באָדען!

האָט דער דייטש זיך מיטגעבראַכט
איין איינציג טעכטערל — א פראַכט:
גאָלדענע לאָקען ביז די פיס,
אויגלעך העלע, ווי די שטערען,
און א קול — א פרייד צו הערען,
האָניג־זיס
און אין סאַמעט איינגעהילט!

רעדט זי, גלייך א פידעל שפּילט!
לאַכט זי — א קאַסקאַדע פרייד!
און דער טרעגער אונטער דער לאַסט,
און אין קלויז, דער פּרוש, וואָס פאַסט,
נאַר מען לאַכט, קינד און קייט!
דאָך דער עיקר איז דאָס ליעדעל,
ס'רעדט א פידעל, ס'זינגט א פידעל...
עס ווערט אזוי זיס, ס'ווערט אזוי באַנג...

מאַניש לערענט שוין לאַנג אין קלויז,
און טאָג אויף טאָג פאַרביי דעם הויז
מיט זאַנג און קלאַנג
געהט ער אין דער קלויז אריין,
און ער שטעלט זיך אַפּ אין טויער,
זאַפּט די ליעדער איין אין אויער,
און ס'פאַר'שכור'ט איהם ווי וויין, —
(א זינדיגען מענשען, עפּר לאַפּר!)
נעמט דערנאָכדעם זיך צום ספר,
שווימען די זעלבע נגונים ארויס,
זינגט זיי שטונדען אויפ'ן זייגער,
און עס הערט פאַרבליפט די קלויז:
נישט קיין וואָלאַך, נישט קיין שטייגער,
און עס ציהט די קליי ארויס...

א חבר קוקט,
זעהט ער, מאַניש זיצט פאַרצאָגט,
און פאַרציטערט, ווי אין פיבער,
און א שטערן בלאַס, ווי קרייד,
און פאַרקוקט ערגעץ ווייט
פון פענסטער ארויס, פון ספר אריבער, —
אוי, וואָס איז דיר, מאַניש, זאָג? — —
און אזוי טאָג אויף טאָג,
טאָג אויף טאָג!

זעהט די מוטער, ווי מאַניש פאַרשווינדט:
— וואָס איז דיר, מיין קינד?
ווער האָט פאַרלאָשען, וואָס פאַר א ווינט,
די אויגעלעך דיינע, די שעהנע הבדלות?
וואו האָסטו גענומען נגונים — יללות?

פלעגסט דאָך זינגען גאַר אנדערע זאַכען,
ס'פלעגט דאָך פאַר תענוג ס'הארץ אין מיר לאַכען
ביים חזן אין שול, צי שבת ביים טיש;
ווי א פויגעל פריי, ווי א גלעקעל פריש,
היינט — עפּעס אַנדערש זינגט פון דיר אַרויס,
וואָס איז דיר, מיין קינד, דער מאַמען זאָג אויס!
עס שרעקט זיך די מאַמע דיין!

— ווייס איך דען, מאַמע, וואָס ס'זינגט אין מיר?
כ'וויל גאָרנישט זינגען, עס זינגט זיך אליין!
ס'פליהען די קולות, ווי פייגעל פון נעסט...
און אזוי זינגט זיך, אזוי ווי דו זעהסט!

און אין מקום איז געוועזען
פון קדמונים א מפולת:
(כ'וויל נישט נעמען אויף משקולת, —
פון א קלויסטער, צי א שלאָס;
כ'גיב עס איבער אות באות,
כ'האָב עס אין א בוך געלעזען...)

וואוינען לצים אין דער חורבה,
און מע קרעהט דאָרט און מע לאַכט,
און זיי בילען, און זיי מיאוטשען,
און זיי שרעקען נאַכט אויף נאַכט.

וואַרפען שטיינער פון די לעכער,
איבער הייזער, איבער דעכער,
און אויפ'ן דאָך

נעהט אויף דער וואך
ארום א הונט, קודלאטע, ווילד,
וואס האט קיינמאל נישט געבילט,
נאר געשטשירעט מיט די ציין...
מילא, ציטערט הויט און ביין,
אידען און, להבדיל, קריסטען,
וויכען לאנג די גאנצע גאס,
און מיט הויכען גראז באוואקסען,
שטעהען הייזלעך פוסטע־פאס!
קומט די נאכט, באווייזט זיך מאניש
אין די שאטען פון די ווענט...
און ער שלייכט זי צו דער חורבה,
מיט די לאצען אין די הענט —

איהם באגלייטען צוויי מלאכים:
אין דער לינקער זייט א שלעכטער,
און מיט טרערען אין די אויגען
געהט דער גוטער און דער רעכטער.

און דער גוטער מלאך רוימט איהם
אינ'ם רעכטען אויער אריין:
האב אויף דיר אליין רחמנות,
זאלסט פאר גאט נישט זינדיג זיין.
דען די וועלט האט ער באשאפען,
וואס אין הימעל, וואס אויף דר'ערד!
און די אלע שבעים אומות,
וועלכע לעבען אויף דער שווערד!
נאר א תמצית פון די פעלקער
האט ער אידען אויסגעצויגען,
און זעקס הונדערט דרייצעהן מצוות
אפגעמאסטען, אפגעוואויגען!
און וועט די היטער פון זיין תורה
מיט ש"י עולמות פארגעלטען —

זאג־זשע, בחור, איז א דייטשקע
ווערט אזוי פיעל שעהנע װעלטען?

חוזק מאכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקען אויער אריין:
וועסט דערנאכדעם תשובה טון,
און ער וועט די מוחל זיין!
האט דען ראובן נישט געזינדיגט,
אדער דוד מיט בת שבע?
און זיי לויכטען אין גן־עדן!
ווייל ער האט א גוטע טבע —

און א ליאדע קרום, א טרער,
און א װינטער־טאג א תענית,
און א קרעכץ: איך וועל נישט מעהר,
און ער גלויבט דיר אויף נאמנות...

הערט ער, מאניש, די מלאכים,
און דער ישוב דוי'רט נישט לאנג.
זי באווייזט זיך שוין אין פענסטער,
און עס כשופ'ט איהר געזאנג.

קוים געהערט און קוים געזעהען,
און ער פליהט שוין פייל פון בויגען...
בלייבט דער גוטער מלאך שטעהן
מיט די טרערען אין די אויגען...

*

און אין חורבה ברענט די ליעבע;
פלעדער־מייז און שפינען הערען.
זייער זינגען, זייער לאכען,
זייער קושען, זייער שווערען!

זי פארלאנגט, ער זאל איהר שווערען,
אז עס איז קיין לעדיג פלוישען,
אז ער וועט זי נישט פארגעסען,
אויף א צווייטע נישט פארטוישען.

און ער שווערט איהר ביי זיין רבי'ן,
ביי דעם טאטען, ביי דער מאמען,
און ביי אלע נאך צוזאמען!...

— זאגט, וואס נאך, אום גאטעס ווילען?
און זי שעפטשעט: וועניג, וועניג,
און ער שווערט איהר ביי די פאות,
ביי די ציצית, ביי די תפלין,
אלץ פארברענטער און פארשייטער,
און זי שמייכעלט און זי בעט זיך:
שווער נאך ווייטער, שווער נאך ווייטער!

ווייל א בחור קאן פארפיהרען,
קאן פארגעסען, — האט זי מורא...
און ער שווערט איהר ביים פרוכת,
ביים פרוכת, ביי דער תורה...

און זי רופט אלץ: העכער, העכער,
זי וויל זיכער זיין אינגאנצען,
און זי כשופ'ט מיט די ליפלעך,
און די אויגעלעך — זיי גלאנצען.

און זיי פליסען לויטער כשוף,
און ער האט קיין לאנגען ישוב,
שווערט ביים שופר של משיח,
„העכער, העכער!" ביז ער האט
דעם נאמען גאט...
— פון זינדיגען מויל ארויסגעזאגט —

פון דער הויך א דונער שלאַגט!
פון גיהנום — א געלעכטער —
און פון שוועבעל געהט א ריח,
און ער פליהט שוין, פייל פון בויגען,
אויף א בעזעם אין דער הויך!

*

אויפ'ן באַרג אררט דאַרטען
איז א לעבען, א געפילדער,
ס'איז א באַל דאַרט אין דער תיבה,
און א שרעקליכער, א ווילדער!

און ציגיינער פון גיהנום,
צעהן קאַפּעלען מוזיצירען,
און שאַמפּאַניער — ווי וואַסער,
און די רוחות קאַנקאַנירען.
לאַמפּען — טויזענט פעסער סמאַלע!
די רשעים זענען צויטען,
געהט ארום אַן עקסטרא שמש
מיט א שערעל צו די צויטען!
און די קעניגין איז לילית,
אין די אויגען האַט זי בליצען,
טראַגט סמאַל די לאַנגע
שלעפּע מיט בראַבאַנדער שפּיצען...

אַן דער זייט פון תיבה־טויער
ביי דעם לעפּעל פונ'ם אויער
אַנגעשלאַגען, מאַניש שטעהט...
ס'פייער ברענט... די שפּיז איז גרייט...

# רב חנינא בן דוסא.

(אַ תלמוד'ישע זאַגע).

1.

אַ ווייב האָט געהאַט רב חנינא בן דוסא,
זיין זכות זאָל אונז בײשטעהן, הלואי!
הערט איהר, אַ רײטערקע, אָבער אַ גרויסע,
עס זאָל איהר נישט זיין צו קיין גנאי!

עס פליהען די קללות פון מויל איהר, ווי פייגעל:
„חנינא, גיב עסען, גיב שיך!"
וואו זאָל ער נעמען? עס פלאַמט שוין איהר אויגעל,
עס פליהט שוין „אַ רוח", נאָך „אַ רוח"!

„וואָס טויג מיר דיין תורה? דו לערנסט גאָר אַ יואונדער,
וועסט קריגען דאָרט שליפּעס און טרעסען!
שלינג און שלאַנג געה איך אַרום מיט די קינדער,
חנינא בן דוסא, גיב עסען!"

אַצינדערט געדענקען עס ביידע אין פריידען,
זיי זיצען און קוועלען און לאַכען!
און ר' חנינא פאַרצעהלט אין גן־עדן:
„זי פלעגט עס גאָר קונציג צו מאַכען!"

2.

דאָס קאָן מען נישט זאָגען, ליעב האָט זי געהאַט איהם,
זי פלעגט איהם אין ד'אויגען צו לעזען!
זי האָט געוואוסט שוין, דאָס טויג איהם, דאָס שאַדט איהם —
נעבעך, אַ קראַנקער געוועזען!

ער איז געווען איהר דאגה די גרעסטע,
געפוצט און געלאַטעט זיך בלינד!
איהם און די קינדער דאָס שענסטע, דאָס בעסטע,
כאָטש זי דאַרף זויגען אַ קינד!

און זי וואָלט געטרונקען זיין ברוד פון די פיס,
די פאות — געגעסען פאַר ברויט!
קוים גיט חנינא בן דוסא אַ הוסט,
ווערט זי שוין בלאַס, ווי דער טויט...

און שטיל, ווי אַ טייבעל, זי קוועלט פון זיין צורה!
עס לויכטען איהר די אויגען די גרויע...
פעהלט אָבער עסען, צי פעהלט אויף אַ דירה,
ווערט זי אַ חיה נוראה!

הויבט נאָר אָן פּישטשען אַ קינד, עס וויל עסען,
קוים הויבט עס אָן הוסטען פאַר קעלט,
האָט זי שוין אין אַלעם, אין אַלעם פאַרגעסען,
און שרייט שוין, און רייסט זיך און שעלט!

און ציפּט ביי די לאַצען; „חנינא בן דוסא!“
„הערסט?!“ און ווייזט איהם אַ האַנט...
אַ רייטערקע איז זי געווען אַ גרויסע,
עס זאָל איהר נישט זיין צו קיין שאַנד!

3.

„דער קורצער פרייטאג, הערסט דו, איז מאָרגען,
דאָנערשטאָג איז היינט, דו הערסט!
נישט דאָ וואו צו לייהען, נישט דאָ וואו צו באָרגען, —
חנינא, וואס טויג מיר, דו קלערסט?

„דו קלערסט קיין פּרנסה! ס'איז פינסטער מיין מזל;
דיין תורה, דאָס ווייס איך, איז טייער;

אבער וואס העלפט עס, דו ביסט א שלימזל,
און קאנסט נישט פארדינען א דרייער!

„אומזיסט איז געוועזען מיין שעלטען און פליכען,
דו ביסט נאר א בריה אין קלויז!
און איך האב צו טראגען, און איך האב צו זויגען!
דאס פיערטע וויל אויך שוין ארויס!

„בין איך דיר מוחל, וואס כ'האב שוין געליטען,
נאר צינדערט, חנינא, גיב ברויט!
הערסט דו, חנינא, איך בעט דיך מיט גוטען,
שטעל דיך פאר אונז אין דער נויט!

„דו קאנסט דאך צום הימעל, צו גאט אלע וועגען,
דו האסט אלע שליסעל אליין!
טוסט אויס א שוך, דאס וויסט מען, געהט רעגען
דעם צווייטען — דער הימעל איז ריין!

„פאר דיינע אייגענע וועט דיר זיין גרינגער,
פארקרים דיך נאר, לאז נאר א טרער!
מ'וועל'מיר דאך שטארבען אום שבת פאר הונגער...
אויף שבת! וואס וויל איך דען מעהר?

„זעהסט דו, חנינא, איך בעט דיך פריהצייטיג,
ווארף פון די פיס נאר די שקראבעס;
מארגען איז פרייטאג און קורץ איז דער פרייטאג,
ועסט האבען א פינסטערען שבת!

„עס וועט דיר נישט העלפען דיין קנאבעל, דיין קדוש!
חנינא, דיין סוף וועט זיין מאוס!
איך רעד פאר פייער, פאר וואסער. קיין חדוש — — —
חנינא'שע, בעט כאטש א פוס!“

4.

ער קוקט אויף דער טיר, זי האָט זי פאַרשלאָסען:
„דו געהסט אַהן א פּוס נישט אַוועק!"
זי שווערט אויף נאמנות, א קינד האָט געגאָסען,
ער מוז, זעהט ער, מאַכען אַן עק!

פאַרגלייסט ער די אויגען: „גאָט, טראַכט ער, דו ווייסט,
קיין עצה, קיין ראָט האָב איך נישט"...
און קוים האָט חנינא די אויגען פאַרגלייסט,
עס ליגט שוין א פּוס אויפ'ן טיש!

5.

א נאַכט איז געוועזען א לאַנגע, א גרויסע,
דער פרייטאָג דער קורצער שוין טאָגט!
כאַפּט זיך אויף גרינגע: „חנינא בן דוסא"...
זי פאַלט צופ'ם צו און זי קלאָגט:

„אוי, כ'האָב געזינדיגט, צינד פיהל איך די זינד,
א נאַרישער אידענעם מויל!
דעם קאַלב־פּוס גיב אָפּ דעם הימעל געשווינד,
עס האָט מיך גע'חלומ'ט — א גרויל!

„דיין שטול אין גן־עדן האָב איך געזעהן,
מיין בענקעלע אונטער דער שטול,
פון גינגאָלד, חנינא'שי, איז זי געווען,
מיט טייערע שטיינער גאָר פול!

„ז'איז צווישען ד'אבות'ם שטולען געשטאַנען,
און צווישען די אמהות מיין אָרט;
איך זאָל מיך ניט קאָנען גאָר ריהרען פון דאַנען,
זאָג איך דיר ליגענט א וואָרט!

„נו, הערסט דו, חנינא, וואס מיך האט געקוועלט,
כ'בין שיער געשטארבען פאר שרעק:
דיין כסא, הערסט, האט א פיסעל געפעהלט.
מיין איד, אז ס'איז שוין מיין עק!

„די אמהות קוקען מיט רחמים און שווייגען,
די שפחות נאר שמייכלען גאר מאוס,
און בלהה און זלפה, זיי ווייזען מיר פייגען:
„ווי פרעסט מען עס אויף א פוס!"

„דו ווייסט דאך, חנינא, וואלט איך דען געגעסען?
דו און די קינדער!... נאר שוין,
גיב איהם צוריק, כ'וויל אלצדינג פארגעסען, —
נאך איינמאל פארקרים זיך, מיין קרוין!

„זאל מען נישט טייטלען אויף מיר מיט די פינגער,
א טרער לאז. א, מאך נאר דיין שפיל!
זאלען מיר אלע דא שטארבען פאר הונגער,
און דארט זאל נישט לאמען דיין שטול."

# ר׳ יאָסעל.

(פּאָעמא)

כי עזה כמות אהבה
(די ליעבע איז שטאַרק, ווי דער טויט)
(שיר השירים)

א.

אַ שם אויף דער וועלט האָט ר׳ יאָסעל געהאַט,
אַלס גאַר אַ באַריהמטער מלמד;
גרעסער פון פּאָטער ר׳ בערעל כמעט,
נאָך אפשר גרעסער זיין מעמד.

עס פליהען פּעטש ביי ר׳ בערלען, ווי האָגעל,
אַ מוהל־נאָגעל — אַ שערעל! —
ליידער, שוין גנגז געוואָרען דער נאָגעל,
ליידער, ער לעבט נישט, ר׳ בערעל!

עס לעבען דאָך מאַנכע פון זיינע תלמידים,
עס שפּראַצט נאָך עד היום זיין זאָמען;
עס לעבען דאָך מאַנכע — מתנגדים צי חסידים,
זיי בענשען עד היום זיין נאָמען.

---

זעהסט דו אַ דאַרקייט, אַז „איכות אָהן כמות“
קיין טראָפּען בלוט אין די ליפּען,
זעהסט עמיץ ציטערט אין זומער, אין תמוז —
איהם האָט ר׳ בערעל געקניפּען!

זעהסט דו אַ פרומען, אַ שטילען, אַ שוואַכען,
די אויגען פאַרלאָשען, פאַרטריפט —

דו הערסט איהם נישט רעדען, דו הערסט איהם נישט לאכען—
ער זיצט אין עין־יעקב פארטיפט.

זיין אשה שניידט קריעה, זי יאגט זיך און האנדעלט,
און מוז נאך די קינדער פארזארגען,
ער לעבט — אין א חלום, א נאכטוואנדלער וואנדעלט,
ווייסט נישט וואס היינט און וואס מארגען —

ס'איז זיינס א תלמיד !—עס קאכט זיך ביי לייטען,
עס געהט וועגען שוחטים, דינים ;
מע הרג'עט, מע מסר'ט, ע ר זיצט פון ווייטען,
פארקרומט און פאר'חלש'ט זיין פנים.

נישט ז י י ן איז דאס שטעדטעל. ער וויל גארנישט וויסען,
און לערנט זיך עין יעקב כסדר —
איהם האט גאנץ זיכער ר' בערעל געשמיסען,
א שריד ופליט פון חדר !

ריהרט איהם נישט אן, לאזט רוהיג איהם לעבען,
לאזט ביים עין יעקב צופרידען ! —
עס האט קיין למדנים ר' בערעל געגעבען,
נאר ציכטיגע קראנקליכע אידען !

אין אייגענעם וועג איז ר' יאסעל געגאנגען,
ער צוכטיגט די גרעסטע קונדייסים ;
ר' בערעל — א שערעל, ר' יאסעל איז צוואנגען,
און שרעקט נאך מיט רוחות, מיט מתים.

עס האבען די קינדער ס'גיהנום געפיהלט,
סמאלע ברענט ביי זיי אין מוח'ל,
דאס יונגע בלוט אין די אדערען קיהלט,
מע זעהט אויף א ליפ נישט קיין שמייכעל !

קוים האָט ער פון אונטער די ברעמען געבלינצעלט,
עס ווערען די אויג'לעך פאַרלאָשען!
עס ווערען די הייטלעך, ווי פאַרמעט געדינצעלט —
ער האָט מיט קבלה גערדאָשען!

דאָס איז פאַר עלטערען טאַקע דערקוויקענד,
מע האָט איהם געליבט און געהויכט:
נשמה'לעך האָט ער געדוויכערט, געטריקענט
און גופים, ווי לייווענט געבלייכט!

עס האָבען די קינדער עכט אידישע פאַרבען!...
חנ'עוודיג: הויט נאָר און ביינער...
עס טרעפט אפילו טייל קינדערלעך שטאַרבען,
נאָר ד י נ ע ן, חלילה, ווערט קיינער!

---

א לאָך איז א חטא, און א שמייכעל איז גיפט,
פאַר אלעם דעם ברענט מען און בראָט,
און לצים, און רוחות באַוואָוינען די לופט,
די בריקלעך פון הינטער דער שטאָדט!

וואו נאָר א מפולת, א קרעטשמע, א מיהל,
פול אלם טייוולאָנים און מתים...
און יעדע נאָכט איז פול מתים אין שול,
דאַווענען אין קיטלען, טליתים!

עס וואַלגערן זיך רוחות אין לעדיגע גאַסען
אַחוץ אין גיהנום, אין תפת,
אין עולם הדמיון — מיליאָנען, מיליאָסען,
גלגולים אין חיות און עופות!

אין וועלדער בלאָנדזשען געקאָוועט אין דיבעס,
עס פוילט זיי פון רעגען דער רוקען,

אין חיות הקדושות אין שרפים נוראים,
און קלאגנז, און בעטען זיך תקון!

אחוץ נאך פון יענע „מורידין ולא מעלין"...
(וואס טרעפט זיך נישט איין אפיקורס).
אין כף הקלע געשליידערט, ווי פיילען,
געווארפען עד סוף כל הדורות!

א מלאך, אז ס'זינדיגט, וויל גאט נישט הערען,
קיין תירוץ, און עפענט די „שלויסען"...
עס פאלט פונ'ם הימעל א ליכטיגער שטערען —
גאט האט א מלאך פארשטויסען!

עס זינקט שוין דער ליכטיגער שטערן אין ים,
עס דינט שוין דער מלאך אין גיהנום דעם „ס"מ"
אין חיות הקדשות אין שרפים נוראים,
געפינט דער רבונו של עולם חטאים —
וואס האפט נאך א בשר ודם?

---

ס'גיהנום באשרייבט ער גאר לייכט, ווי א פעדער:
עס דאכט זיך גאר טייכען און פעלדער!
תי"ו מאות פרסא, גאר גערטנער אין סעדער,
און סאמע אנטיפקע די וועלדער.

נישט מיט'ן אויג צו דערזעהען די לאנקעס,
פאשען בהמות זיך טאג אזוי נאכט,
און איבער זיי, פליהען דארט אסעם און באנקעס —
א רשע דערזעהט עס און לאכט!

באלד ווערט איהם פינסטער און חשך פאר ד'אויגען,
א שרעקעניש ליגט אויפ'ן פנים!
עס זענען קיין פייגעל, נאר רוחות געפלויגען,
עס פאשען זיך סאמע טייוולאנים!...

ימים און טייכען נאָר שוועבעל אויף בערדער...
היים ווערט דעם רשע און קאלט —
דערנער און פּאַקשיווע וואקסען אין סעדער,
ס'איז קיין אנטיפּקע דער וואלד!...

פון שווארץ פייער נאָר וואקסען דאָרט ריטער!
די לאַנקעס—געמויזעכטס צום זינקען...
עס ציהט, ווי א סמאַלע, ס'איז זומפּיג און שיטער,
זיי ווערען אין נעבעל דערטרינקען!

באלד שלעפּט אַן אַסע, א באַנק ביי די האָר,
ער שלעפּט, און עס קנאַקען די גלידער,
און שטעלט זיי צוריק אין געמויזעכטס אנידער
און זינקען שוין ווייטער א יאָהר!...

און פּאַליעס, און רעדער, און תליות צום הענגען,
און קעסלען מיט סמאַלע צום בריהען,
און קאלך־אויוועןנס צום בראָטען, צום זענגען,
און צוואַנגען די נעגעל צו ציהען,

און פייער, און פלאַמען, און אויטאָ־דע־פעען,
און — אלץ וואָס א איד האָט אין גלות געזעהען
און — אָפּגעלעגט אין גיהנום ארכיוו,
דאָס אל דינג פאַרטיילט ער, די שרעקליכע זאכען,
פאַר מוקצה, פאַר רעדען, פאַר שטיפען, פאַר לאַכען,
און לויט דעם שטרענגסטען טאַריף!

ב.

אינגאַנצען א שטוב מיט אַן אלקער די וועלט,
וואו ס'האָט געלעבט און געליטען מיין העלד!
(א אידישער גבור, וואָס האָט איהר געטראַכט!)
אין שטוב וואוינט גבריאל עם ציפּע זוגתו,

א איד נאר א פראסטער, ו פ ר נ ס ו :
א שוסטער בייטאג און א וועכטער ביינאכט!

קרום איז דאס הייזעל, פארזונקען, געבויגען,
דער דאך מיט א דיוואן פון מעד איבערצויגען,
באוואקסען — אן אלטע מצבה!...
די שויבען פאר עלטער פארגרינט און פארגעלט;
דאך האט אינ׳ם שטיבעל קיין ליכט נישט געפעלט:
עס איז דא א „צהר״ אין תיבה!

דער צהר איז ציפע, מען פלעגט זי אלס מיידעל
צו רופען ביים פאטער „דער קונדאס אין קליידעל״;
געשטיפט נאר, קאטאוועסלעך געטריבען...
דאס הארץ איז א גאלדענס, דאס צינגעל ז׳ז קניפיק;
היינט איז דאס זעלבע, זי טראגט נאר—א טשיפיק,
דער קונדאס, דער שפאס איז געבליבען!

דער קוימען־אויוועז איז אפגעשיילט גאל...
די כלים: נאר דראטוועס און פלעקער, און אל,
א שענקעל, צוויי ארעמע בעטען...
וואס איז ער? א וועכטער, א שוסטער אינגאנצען,
נאר אלץ הויבט אן שיינען און לייכטען און גלאנצען,
אז ציפע הויבט אלץ אן צו גלעטען

מיט ליכטיגע שטראלען פון ד׳אויגען די בלויע,
זיי שלאגען זיך אפ ביי גבריאל׳ען אין גרויע,
מיט ליכט ווערט באגאסען די שטוב!
און שטיל, וואו מ׳הערט נישט דאס לעבען פון גאס,
נאר דארט אינ׳ם אלקער, ווי טרויעריג און נאס,
דארט, וואו ס׳האט קיינער נישט ליעב —

וואו הייליגע ספרים ארום אויף די ווענט,
ווי א קאנאניעץ אן אייביגער ברענט,
דארט איז ר׳ יאסעלעס וועלט!

זוי ס'פליהען נאָר פליגען און שפינען נאָר וועבען,
דאָרט פליהט ר' יאָסעל און שפּינט אָפּ זיין לעבען,
דאָרט לערנט ער קבלה און קנעלט!

---

ער האָט זיך באַרונגען אויף קעסט און קוואַטיר,
ליכט ברענגט אביסעל די שויבענע טיר...
איך ווייס נישט; אַן אלמן, א גרוש?
נאָר עלענד א שטיין, נאָר תעניתים, סגופים,
ענויים און שמות, השבעות, צרופין —
אויף אייביגע יאָהרען א פּרוש...

אין אַלקער דאָרט קנעלט ער און ס'טרעפט זיך ביינאַכט,
ר' יאָסעל בלייבט זיצען גאָר ראַפּטום פאַרטראַכט,
און גלאָצט מיט די אויגען גאַנץ לאַנג אויף דער טיר;
עס דאַכט, ער שווייגט, און עס לאָזט זיך דאָך הערען,
א פּרעמדס, א קול גאָר, פול וועהטאָג, פול טרערען,
און לערנט מיט די קינדער דעם שעור!...

עס שרעקט די תלמידים, עס לעבערט אין אויער,
עס שטעלען זיך האָר און נעגעל קאַפּויר,
און פּלוצלונג — דאָס קול הויבט אַן לאַכען!...
מע ווייסט עס אין שטעדטעל, מע קלערט, און מע טראַכט,
א סברא דער „מ ג י ד" באַווייזט זיך ביינאַכט...
מע וואַרט נאָך אויף גרעסערע זאַכען!

---

ווינטער ביינאַכט, און קיין קריש אָפּגעבראָכען,
דאָס ליכט נישט אפילו מיט שפּילקעס געשטאָכען,
קיין האָר געצויגען, ווי ס'טרעפט אין חדרים;
פאַר „אונזערס" א תלמיד איז דאָס גישט קיין שטיינער,

אויסגעברענט האָט עס, ס'איז ניין דער זייגער, —
די קינדער פאַרמאַכען די ספרים!

עס שלייכען אין שניי שוין די אָרעמע קינדער,
עס פריהרען די פיסלעך, מע געהט נישט געשווינדער,
דרך ארץ, די אויג'לעך פאַרגלייסט!
פון שניי נישט קיין קוילען, דאָס איז נישט קיין אָרט,
אהיים געהט מען רוהיג, פּאַמעלעך... וואָס וואַרט
דאָרט אויף די קינדער? ווער ווייסט?

וואָס קומט איהם אַקעגען, ווען ר'עפענט די טיר!
דעם טאַטענס אַ שמייכעל: צי קענסט דו דעם שעור?
אַ קניפּ... און גאָר אפשר — די מוטער?
זי שטעלט איהם ביי וואָרעמען אויווען אַנידער,
זי ווישט איהם דעם שטערן, דערוואָרעמט די גלידער,
באַגיסט איהם קאַרטאָפלעס מיט פּוטער.

איין אינגעל בלייבט דאָך אין חדר אַליין,
אויף איהם האָט קיין האַרץ נישט געקלעמט!...
איהם וואַרט נישט קיין מוטער, ער האָט נישט קיין היים;
אַ יתום, אַ קינד פון דער פרעמד.

ער איז ביי ר' יאָסלען אויף דירה און קעסט,
ער ליגט שוין אין בעטעל פאַרקנוילט...
ער שלאָפט שוין און ציטערט אינגאַנצען; ווער ווייסט,
וואָס פאַר אַ חלום איהם גרוילט!

גאָט ווייסט, וואָס איהם חלום'ט! צי שמייסען איהם שדים,
און פייערדיג פּיהלט ער די רוט!
צי בייסט איהם דער הונט פון גיהנום דער שוואַרצער,
און זויגט אפשר לילית זיין בלוט?

און אפשר געוואָרפען אין גרוב צווישען שלאַנגען,
מע גיסט איהם גאָר שוועבעל אין מויל!...

ער שווימט אין זיין אייגענעם שוויס אינ'ם קאַלטען,
עס יאָגט אין די ביינדלעך אַ גרויל.

---

אין בעט קענגענאיבער שלאָפט נאָך נישט ר' יאָסעל
פאַרטראַכט און דער שטערן פאַרצויגען,
אין פינסטערען אַלקערל לייכטען און גלאַצען,
ווי פאָספאָר, די ווילדע צוויי אויגען...

און דורך אַ שפּאַרע פון טיר שלאָגט אַדורך,
און פאַלט אויף זיין פּנים אַ ליכטיגע שטראַל,
ווי בלאַס איז זיין פּנים, אויף איהם איז צוגאָסען,
אַ מין עגמת נפש, אַ שרעקליכער קוואַל...

עס הערען פון הינטער'ן ווענטעל זיך שטימען
פון ליכטיגען צימער אַרויס;
גבריאל, דער וועכטער, געזעגענט זיך צינדערט
מיט טשיפּען, זיין ווייב, ביז כעלות...

ערשט נאָך אַ חתונה קושען זיך ביידע...
— „גאָט זאָל גע'ן בעסערע צייטען,
קאָן איך אַלס שוסטער אויך האָבען פּרנסה...
און לעבען, ווי ס'לעבט זיך ביי לייטען.“

דערווייל גאָט צו דאַנקען, האָב'מיר דאָך פּרנסה...
ציפּע, ס'איז שפּעט, לאָז מיך געהן“...
זי כאַפּט איהם די באַק אָן, און קושט איהם נאָך שטאַרקער,
— „האָסט אויף דער באַק אַלע ציין!“

אַרויס געהט דער וועכטער, ר' יאָסעל שליסט ד'אויגען,
און זיפצט אָפּ פון האַרץ, פונ'ם טיפען...
ער עפענט זיי ווייטער, זיי גלאַצען נאָך ווילדער,
הערט ער פון דרויסען דאָס רופען:

„חיט אייך פאר פייער!“ „פאר פייער“, „פאר פייער!“
און ציטערט און שוידערט אינגאנצען...
שטיל איז אין שטוב שוין, דאס ליכט איז פארלאשען...
נאר זיינע אויגען — זיי גלאנצען!

פיבערהאפט גלאנצען די ווילדע, די אויגען,
ער ליגט אלץ פארטראגען, פארטיפט;
מיטערנאכט זעצט ער זיך אויף, ווי דערשראקען:
„חיים'ל“, וועקט ער און רופט...

חיים'ל כאפט זיך מיט שרעק אויף פון חלום,
אין ד'אויגען נאך ציטערט א טרער,
— „חיים'ל“ — הייסט ער איהם, לעג צו געשווינדער,
צום ווענטעל די אויערען און הער:

„צי שלאפט שוין די אשה, צי שלאפט זי שוין דארטען?
„בויג צו די אויערען און הארך!“
און חיים'ל ענטפערט: ס'איז פינסטער אין שטוב שוין,
מען שלאפט שוין, איך הער נישט קיין שארך!

— „א, חיים'ל, הער“, מאכט ווייטער ר' יאסעל,
ערגער ווי שעטנז, ווי טרפות,
א, טויזענט מאל ערגער נאך זענען די נשים,
די נשים, זיי זענען מכשפות!“

„און שטארק איז דער כשוף, פון ווייטענס דער כשוף,
ער ברעכט דורך מויערען און ווענט,
עס ליגט דאס גיהנום ביי זיי אין די אויגען,
עס ווערען נשמות פארברענט!

„עס שפריצען פונקען ארויס פון די אויגען,
דאס פייער — גיהנום'דיג שווארץ!...
מיר שלינגען איין מיט'ן אטעם נצוצין,
פון זיי שטריקט זיך פעדים אין הארץ!

„דער יצר־הרע פלעכט ווייטער די פעדים,
איז מיט זיי מבלבל דעם מח,
און בינדט די נשמה מיט ד׳אייגענע פעדים,
ביז זי בלייבט ליגען אהן כח!...

„ער בינדט און ער פלעכט, די נשמה בלייבט ליגען,
פונקט ווי אין שפינוועבס א פליג...
ביז זי בלייבט ליגען פארשמאכט און פאר׳חלש׳ט...
און זעהט ער, אז ס׳איז שוין גענוג.

„באווייזט זיך ארויס ערשט דער שטן המשחית,
אין צ ל ם פון אשה פארשטעלט...
עס ציטערט און צאפעלט די פליג, די נשמה,
זי זעהט שוין, עס עקט זיך איהר וועלט!"

„און פונקט, ווי א שפין מיט א פליג אזוי טוט ער,
דער שטן המשחית, דער ס"ם,
ער זויגט אוים איהר חיות, איהר זאפט און איהר בלוט...
און לאכט זיך נאך אוים מן־הסתם!"

ווילד הויבט זיך אויפ׳עט ר׳ יאסעל און זעצט זיך,
חיים׳לען פונקט קעגענאיבער,
„דעם יצר־הרע ווער גובר איז, חיים׳ל,
הערסט דו, איז טאקע א גבור!

---

„א, חיים׳ל, הער, איך זאג דיר נישט מעהר,
די וועלט — צו וואס איז זי גלייך?
די מענשען — וואס נישט? — זיי זענען נאר פיש,
זיי שווימען ארום אין א טייך...

פארשטעהסט מן־הסתם, דער פישער איז ס"ם,
ער שטעהט זיך ביים טייבעל, ביים ברעג...

און לאזט אפ דער ליז, די אשה — זיין נעז...
רחמנא־לצלן, איז אז עק!"

ג.

פינסטערע רוחות און שדים — צורינט!
צויאגט אייך, טייוולאנים! גיהנום — פארשווינד!
צוריים זיך, דו שפינוועבס! — ווי שפיציגע פיילען
שטעכען די זוניגע, גאלדענע שטראלען.

עס איז גרויסער טאג שוין! איך טרייב קיין קאטאוועס,
די פראסטע זון מיין איך! ר' יאסעלס בעל־בית,
דער שוסטער בייטאג און דער וועכטער ביינאכט,
צוציהט זיך און עפענט די אויגען — ערוואכט!

ער זאגט: „מודה אני" און רייבט זיך גוט דורך
די אויגען; איהם וואונדערט, ער הערט נישט קיין שארך,
עס וועקט איהם אויף ציפע טאג־טעגליך כסדר,
וואו איז זי געגאנגען? וואס קנעלט נישט דאס חדר?

צי איז עס א חלום? ער קנאקט זיך די הענט,
ער קוקט אויפ'ן קוימען — א פייערל ברענט,
עס קאכט זיך א יויכעל, ער פיהלט עס אין מויל,
ער שפרינגט שוין ארויס פונ'ם בעט, ווי א קויל!

ער כאפט די שטיוועל, ער ציהט שוין ביי די אויערען,
שמייכעלט, עס ווערט דאך דער שמייכעל געפרוירען,
עס ווערען נאך טריבער די אויגען די מאטע,
און דרעהט דעם פארמארזשעטען קאפ דעם קודלאטע,

וואו זענען זיי אלע, ר' יאסעל, די קינדער? —
עס ווערט איהם אומהיימליך, עס שרעקט איהם דאס וואונדער;
ער קנייטשט זיך זיין שטערן, ער הויבט שוין אן זארגען,
פונקט יאוועט זיך ציפע פון אלקער: „גוט מארגען!"

פארשוואונדען דער וואלקען, די זארג שוין פארפלויגען,
און ליכט אויפ'ן פנים און פרייד אין די אויגען!
זיי קוקען און שמייכלען גוטמוטיג, ווי קינדער;
קיין צייט איז צו פרעגען, פארגעסען דאס וואונדער.

ער גיסט אפ די נעגעל, זי גיסט אויס די שיסעל,
און וואשט איהם דעם קאפ שוין, איהם פרעסטעלט אביסעל,
דאס גרויסע קינד ציטערט, זי זייפט איהם און ווישט,
און קעמט איהם, ער שמייכעלט דערקוויקט און דערפרישט.

דעם תפילין־זאק כאפט זי אראפ פון דער וואנט,
דערלאנגט איהם — „צינד דאווען!" ער כאפט מיט איהר האנט,
עס רייסט זי אויס ציפע „ניין, מארזאק, צינד ניש'!"
ער דאווענט, זי שוימט שוין און גרייט שוין צום טיש.

אט וואסער צו וואשען, אט פעפער און זאלץ,
אט מעסער און לעפעל און רעטעך מיט שמאלץ;
עס דינען די פינגער אלס גאפלען גאר פיינע,
זיי מאוס'ען זיך נאך נישט — א שיסעל נאר איינע...

ער שפייט אויס „עלינו", און שמייכעלט גאנץ ליעב.
זי גיסט שוין דאס יויכעל, עס שמעקט שוין אין שטוב,
געבראקט אינ'ם יויכעל דריי נעכטיגע בייגעל...
נאר פלייש גאר א פיצעל, עס דאכט זיך פאר פייגעל...

דער קאפ דער קודלאטער ער הויבט זיך אז בויגען,
עס ווילט זיך דעם נאשער, ער בלאזט אויף די ליפען;
ציפע פארשטעהט איהם און טראגט איהם אקעגען,
א קוש גאר, א הייסען דאס מויל צו פארשטופען!

נאר זי דערמאנט זיך, ווערט טרויריג און באנג,
עס איז איהר גאר פון די געדאנקען ארויס.
„צי ווייסט דו, גבריאל, דער יתום איז קראנק,
דעריבער דאך קנעלט הייגט ר' יאסעל אין קלויז!...

ר׳איז חרב דער יתום, גאָט היט און באַשירעם!
וואָס קלערסטו דו, ער פּייניגט די קינדער, די וועלים,
ציגנד שלאָפט ער, נאָר פריהער, דו זאָלסט געוועזען הערען,
א גאָטס רחמנות! — „עס ווייזען זיך טרערען".

און טונקעלער ווערען די אויגען די בלויע,
די ברוסט איז איהר ציטערט, דאָס פּנים ווערט ווייס,
„ר׳ יאָסעלע — הערסט — איז א חיה נוראה.
איך וואָלט איהם צוריסען אויף שטיקלעך פאר כעס!"

— ציפּע, פאַרוואָס? — אך „א קליינינקייט גאָר,
מע נעמט אזא אינגעל, א יתום פון ווייט..."
— געה שוין, געה, ציפּע... אויף מיר אזא יאָהר,
ווי פון דעם יתום וועט ווערען א לייט!

—„דערווייל, זעה איך, איז ער פאַר׳חלש׳ט אהן כח!...
ווי האָט מען קיין יהדות צו מוטשען א קינד!"
— „אוי ציפּע, ציפּע, דו שריי נאָר נישט הויך,
פאר דער נ ש מ ה איז דאָס אלץ געזונט!"

ער ציהט זי צו זיך, זעצט זי אויף דער שויס,
„אזוי רעדען, ציפּעניו, רופאים נאָר, דראָבעם!
מיין נאָר נישט, ציפּע, ס׳רחמנות איז גרויס...
זאָלסט הערען אלשיך אין שולעכען שבת.

„אוי, דו זאָלסט הערען! „נשמה" איז אש,
אש איז נשמה, ד אָ ס הייסט: א פייער!
און אז זי פלאַקערט, פאַרברענט זי דאָס פליש...
נאָר, אז זי ברענט, אז זי פלאַקערט איז טייער!

„זעהן בחוש קאָנסטו דו, עס וואַקסט אין דער ברייט,
עס וואַקסט אין דער לענג נאָר א שוסטער א גראָבער,
א שניידער, א קצב; דאָס רבּ׳יל קוק אָבער,
אהן חיות, אהן לעבען און קוים וואָס עס געהט!

„באטראכט די דיינים! פאר דאם זייער לוין
איז דארט. וואו דער גוף איז שוין גארנישט קיין גאה;
איין בית דין של מעלה, וואו, ציפעניו קרוין,
קיין שניידער, קיין שוסטער, האט גארנישט קיין דעה!

„ווייל דארטען — אוים עזות, דארט מאכט מען קיין כוסה,
קיין שניידעריש ווערטעלע גילט גארנישט דארט;
דארט זיצען אבות, צדיקים גאר גרויסע...
און גאט אליין לערענט, מען הערט יעדעסווארט!

„הלואי וואלט דיין מאן אזא פנים געהאט,
און זאל נאר די שווארציטשקע פינטעלער לעזען!“
דא שפרינגט אויף ציפע: און א י ד זאג דיר גלאט,
אז איך וואלט דאמאלט דיין ווייב נישט געוועזען!

„א י ד בין א שניידערם א טאכטער, מעגסט לאכען,
פיין שכל וועט אייביג שוין שניידעריש בלייבען,
מען זאל באדיי פעקעל־פלייש דארט פון מיר מאכען,
הערסט דו, גבריאל: קאסטרוי זאל מען טרייבען,

„איך וויל קיין געוויקטען, קיין הערינג, קיין גולם,
א יך קאן נישט ליידען, און מעג דיך פארדריסען,
עס שלאגט מיר קאפויר, דערזעה איך דעם עולם,
די וואנסעם מיט טאבאק, דאס הוסטען, דאס ניסען“...

זי זעצט זיך צוריק אויף דער שוים ביי גבריאל'ן,
„גיב מיר נאר, מארזאטש, די וואנסעם צו שפילען,
זיי מיט דיין אלשיך נישט גרויס!
תורה קען א י ד דאך, פון „צאינה וראינה“,
תורה איז תורה, צי די, צי יענע...
הוידע מיך נאר אויף דער שוים!

„שרעק דיך נישט! גלייך אוים דעם שטערן, און שמייכעל,
א י ד וועל דיך לערנען, דיין ציפע האט שכל!
ז י י פיהרען ארום ביי דער נאז!

פאַרוואָס קומט גן־עדן, זאָלן זיי מיר זאָגן,
נאָר געלעניש־זאַכעניש, נאָר חולה־מאַגען?
גבריאל׳טשע, איך פרעג דיך, פאַר וואָס?

„צי זענען געווען איך שוואַך און אָהן אָטעם
יעקב אבינו׳ס עשרת השבטים?
געדענקסט: אַז אַ קול זאָל דערלאַנגען
ביז פרעה׳ן צום פּאַלאַץ, געדענקסט דו, גבריאל,
פרעה פאַר שרעק — אַ טאַלעץ פון דער שטול...
און היינט־זשע דאָס שפּרינגען אויף זאַנגען!

„און יוסף הצדיק האָט נישט קיין גן־עדן?
און איז דאָך געווען גאָר שעהן, ווי די וועלט.
און — האָט זיך גאָרנישט דאָס פּנים פאַרשטעלט,
כאָטש אויף איהם קוקען אַ ווייבלער, אַ מיידען!

„און וואָס איז געווען, זאָג, שמשון הגבור?
ווייל זיי פאַרדרעהען דעם קאָפּ, די גנבים?!
הערסט דו, גבריאל, איך זאָג דיר דעריבער...
הער נישט די שוטים, הער נישט די כלבים!"

דעם פינגער לעגט ציפּע אַרויף אויפ׳ן נעזעל:
„און ווײסט נאָך, גבריאל, אַמאָל ווערען געוואַר
ס׳שטיליטשקע וואסערל, ס׳קליינטשיקע גרעזעל,
איז דאָך..." זי רוימט איהם אַ סוד אויפ׳ן אויער...

ער שמייכעלט האַלב גלויביג: עס קאָן אפשר זיין!
זיי שפּרינגען אויף ראַפּטום, זיי האָבען געהערט
אַ זעץ פונ׳ם אָלקער, זיי לויפען אַריין,
אַראָפּגעפאַלען איז דאָרט דער יתום אויף דר׳ערד.

פון מיילעכעל פּיענע: „אַ, מאַמעניו קרוין!
קום שוין געשווינד, מיר די שפּין צו פאַריאַגען;

זי שטעהט אויף מיין קעפעל, אט נאגט זי מיך שוין,
זי וועט מיר דאס בלוט מיינס... זי וועט מיך אויסנאגען!"

---

גאנץ לאנגזאם איז צו זיך דער יתום געקומען,
און קוים איינגעשלאפען נאך טיי מיט ציטרין...
— „דיר וועל איך, ר' יאסעלע, צאהלען מזומן...
פאר איהם זאל זיין מוטער אין הימעל זיך מיה'ן!"

„שניידעריש" וועט זי איהם שטעלען שוין א חופה,
און גאט זאל דעם יתום די כחות דערפרישען!...
פאר כעס און רחמנות ציטערט אזש ציפע,
זי הויבט אן דעם יתום צו גלעטען, צו קושען...

ער בלייבט שטעהן א רגע, גלייך ר'האט א ישוב,
די ליפען פארבייסט ער, דאס פנים פארביטערט,
ער לעגט די הענט אויף דער קליאמקע, זי ציטערט
און שעפטשעט: „רבונו של עולם! א כשוף..."

גבריאל דערזעהט איהם, בלייבט קאמיש דערשראקען,
עס פאלט פון דער האנט איהם דער האמער, דער פלאקען:
דער קוימען איז לעדיג, ר' יאסעל קומט עסען;
זי האט זיין יויכיל פאר צרות פארגעסען.

דורך געהט ר' יוסעל, אין אלקער איז טונקעל,
דערזעהט ער נישט ציפע'ן, געהט גלייך צו צום ווינקעל,
צום קינדערישען בעטעל, דערזעהט זי אין עק,
און בלייבט שטעהן פלוצלונג פארשטיינערט פאר שרעק.

און ציפע שמייכעלט: „זייט מוחל, איך בעט אייך,
איך האב מיך פארשפעטיגט, איך געה אייך ערשט קאכען;
מען טאר נישט אפטרעטען פון קראנקען, איהר זעהט דאך,
א שפין איז אויף איהם דא אין חלום געקראכען.

„נאר זאגט איהם באטש היינט נישט קיין מוסר, ר׳ יאסעל,
אויסרוהען זאל ער זיך, אויסשלאפען פריהער!
איך וועל אייך גרייטען צו טיש, היינט, ביי מיר,
אט, מאך איך שוין פייער און שטעל צו דעם ראסעל.

„און וועט זיין אלץ פארטיג, וועל איך אייך שוין רופען.
צוהאק א פאר שפענדלעך, געשווינדער, גבריאל!"
ר׳ יאסעל זיפצט אפ פונ׳ם הארץ, פונ׳ם טיפען,
און פאלט אנידער ביים בעט אויף דער שטול...

---

ער זיצט אויפ׳ן בענקעל אהן אטעם, אהן כח,
עס פלאמען ווילדע געדאנקען אין מוח,
און צינדען אונטער די אויגען, זיי ברענען...
ער שפארט דעם קאפ אן ביים יתום צו־פוסען;
איהם ווילט זיך די וועהטאג פון הארץ ארויסגיסען,
עס ווילען זיך די טרערען פון ד׳אויגען נישט טרענען.

זיי זידען אין ד׳אויגען און ווערען פארברענט.
„רבונו של עולם!" פארברעכט ער די הענט.

„רבונו של עולם, דו הייסט דאך „רחמנא",
צי בין איך פארביי שוין, האב איך קיין תקנה?

עס העלפט נישט קיין חלש׳ן, בעטען און שרייען,
„הבא לטהר..." וואו׳ז דער „מסעיין"?

„דער יצר הרע איז פרעה... מצרים...
זאל זיין, רבונו של עולם „בשלח"!
עבודת הפרך... דיין עבד... באפרייען!...
שיק מיר דיין הילף שוין, באדיי דורך א מלאך.

---

„אין זכות פון צדיקים, קדמונים און אבות,*)

---

*) עיין תפלה ליצ״ה סדור אורח חיים.

זאָל זיין מיין רעכטע און לינקע מרכבות...
איך ברען, ווי אַ גלאָווניע, גאָט, שלעפּ מיך אַרויס
פון העלישען פייער, עס ברענט שוין מיין פלייש!
לאָז ווערען מקוים: כאוד מוצל מאש;
אַ ניט לעש — דאָס העלישע פייער שוין אויס!

„ווי אַ קינד ביים טאַטען בעט איך זיך ביי דיר,
גאָט, מאַך זי מגונה, גאָט, מאַך זי מכוער,
אַניט — כאָטש זאָל בלייבען דער וועכטער אין שטוב!
איך וויל נישט קיין יחוד, כ'וויל בעסער שטאַרבען!
כחרס הנשבר! צוברעך, ווי אַ שאַרבען,
איידער דער יחוד שוין בעסער אין גרוב!

„און געהט ער אוועק נאַר, און רופט זי מיך עסען...
גאָט! כ'וועל דיין הייליגען נאָמען פאַרגעסען...
די שלעכטע מחשבות, זיי ברענען און זידען!
רבונו של עולם, דאָס זעהסט דו נאַר איינער,
אין האַרץ און אין מח, אין מאַרך פון די ביינער,
אין רמ"ח אברים, אין אַלע שס"ה גידין!

„די קליפּה וועט גובר זיין, ס'וועט איהר געראָטען,
רבונו של עולם! שריי נאָד אָן דעם שטן!
איך וויל קיין נסיון, אַ! לאָז ער זיך ווענדען,
צו גרויסע צדיקים, צו שלמה'ס אַ בעט,
וואו ס'וואָלטען איהם „ששים גבורים" געפּלעט
מיט שווערדען פון אונטער די לענדען!"

---

דער וועכטער געזעגענט זיך צינדערט מיט איהר,
ער הערט איהם אַרויס געהן, עס קלאַפּט צו די טיר.
„חבל על דאבדין!" רופט ער פאַרביטערט!
ער רייסט זיך די פאות, קנייפּט זיך די באַקען,

און הויבט אָן די פינגער צו ברעכען, צו קנאַקען,
ער בענקט נאָכ'ן רופען און שרעקט זיך, און ציטערט!

ד.

ער ריטשט זיך פון בענקעל, ער בלייבט ליגען כורעים,
ער וויל זיך אויפהויבען; אומזיסט זיין באַמיהען,
ער הזר'ט און חזר'ט אַלץ: „ששים גבורים",
און די גבורים, זיי שלעפען און ציהען

דעם רעשט שיר השירים אַרויף אויף די ליפּען;
די פּסוקים זיי יאָגען זיך, שטויסען און שטופּען
(אין מוקדם ומאוחר אין הייליגען ווערק!)
די פסוקים — זיי יאָגען זיך, וויקלען זיך, מישען,
און פון „ישקני" (אַ, לאָז ער מיך קושען!)
ביז „הרי בשמים" (פון בשמים די בערג)!

איהם דאַכט זיך, אַז ציפּע—זי שטעהט איהם אַקעגען:
זי האַקט איהם אַלץ איבער אינמיטען מיט פרעגען;
צי מיינט איהר דען טאַקע די כנסת ישראל?
איך האָב אַלע ציינדלעך, דאָס קאָנט איהר מיר גלויבען;
ציינדלעך, ווי פּערעל, און אויגען, ווי טויבען,
— „צי האָט איהר באַטראַכט מיינע אויגען אמאָל?

„אַ ליליע בין איך!" זי שמייכעלט און לאַכט:
„זעהט נאָר מיין העלזעל, מיין פּנים באַטראַכט!
זעהט נאָר די בעקלעך — ווי רויזען אין טאָל!
די גביר'ישע טעכטער, טוען זיך אָן הערנער!
איך בין דאָך די שענסטע, אַ רויז צווישען דערנער!...
מ י ך מיינט איהר, נישט כנסת ישראל!

— „צי בין איך נישט שעהן, ווי שולמית און יונג?
צי רינט נישט מיר מילך, און האָניג פון צונג?
פון מיין קול ווערט איהר ג אָ ר נישט נתפעל?

איך שיין — די לבנה, איך שיין, ווי די זון,
א י ך בין שולמית, איהר ו ו י י ס ט ווער איך בין!
מ י ך מיינט איהר, נישט — כנסת ישראל.

---

„אין כנסת ישראל פארגעסט שוין, און זעהט,
דא שטעה איך, שולמית, און שלמה זיימ א י ח ר!
קומט, דריקט אייך צו — ווי א חתימה צו מיר,
מיין אטעם איז עפּעל, מיין גיבען איז מעד!

וואס שרעקט אייך, ר׳ יאסעל, וואס קריצען די ציין,
איהר מיינט, ס׳איז דער טייוועל, ער מאכט אייך צו שפּאט!
א, חס־ושלום! איהר זאגט דאך אליין:
„שלהבת יה״, די פלאם איז פון גאט!

די פלאם איז פון הימעל, פון גאט איז די פלאם,
זי ווערט נישט פארלאשען... קיין טייכען, קיין ים,
זעהט, ווי איך שמייכעל, בין גליקליך און קוועל!״

און קוים רופט די אמת׳ע ציפּע: „ר׳ יאסעל!
„איך בראק אייך שוין בייגעל, איך גים שוין דעם ראסעל״
טרעט ער שוין איבער די שוועל!

ה.

דאס קאן איך אייך זאגען מיט ריינעם געוויסען:
ער האט זיך געוואשען, און אפגעווישט ריין,
נאר „שאו ידיכם״ — דאס קאן איך נישט וויסען,
צי זאגט ער באמת, ר׳ יאסעל, צי ניין.

מיר דאכט זיך, ער שעפּטשעט נאר: קליפּה און קליפּה,
און זאגט פון דער ברכה קיין ווארט.

„נו, זעצט אייך, ר׳ יאסעלע! שמייכעלט נאך ציפע,
זעצט אייך, אט דא אויף מיין ארט!
„און מאכט שויז, ר׳ יאסעל, א מוציא, איך בעט אייך...
איהר זאגט אליין, און זאגט אהן א שעור“,
ער פאלגט זי. — „אט זאלץ, מיט א שטיקעלע רעטעך,
— עס זעהט אויס, איהר מאוסט אייך פאר מיר? !

„וואס מאוסט איהר אייך פאר מיר, פאר וועלכער דרשה?
צי זעה איך אייך אויס אזוי מאוס?
מיין מאן, גבריאל, זאגט אויף מיר „נישט קשה“...
און שמייכעלט דערביי אזוי זיס...

„א צוקערקע — זאגט ער — נאר אייך? ווער קאן וויסען —
איהר זייט ג א ר א ז א נ ד ע ר ע ר איד!“
(עס ווארפט איהם דאס פיבער, עס שטיקט יעדער ביסען,
עס ברענט איהם אין הארצען, עס זידט).

„מיין מאן גבריאל... גוט איז ער זעהר
און... כ׳זאל אזוי וויסען פון שלעכטס,
וויים איך, וואס פעהלט איהם... נאר גראב אנגעהויער —
(דא גיט זי פון הארצען א קרעכץ).

„ער קעמט זיך אפילו... אהן שפיצען די בארד...
און פאה׳לעך, ווי א י ד האב ליעב,
נאר גרעבליך!... ר׳ יאסעל... ווען איהר וואלט געטארט...“
(עס דרעהט זיך ארום איהם די שטוב).

„ווען א י ה ר אהן פאות, א בערדעל אהן שפיצען!...
אך, אידען! איהר זייט גאר נאראנים!
עס שלאגט אייך די תורה אין ד׳אויגען, ווי בליצען,
די חכמה, זי שיינט אויפ׳ן פנים.

„און ווייבלעך די שענסטע... זיי וואלטען געשטארבען!...
פארשטופען זיי ד׳אויגען אין דר׳ערד...

און מאכען פון ליכטיגען פנים א חרבן,
מיט קאלטאנעם — פאות און בערד..."

---

פרעגט וואו האט ציפע די שפראכע געלערענט?
א שניידערס א טאכטער געוועזען,
גאר ווייט פון ביכער, ראמאנען ענטפערענט,
אפילו נישט „שמ"ר" געלעזען.

א שניידערס א טאכטער, פון טאטען, פון זיידען,
וואו נעמט זי די קונצען — די זאכען,
וואו נעמט זי דאס זיסקייט אין שמייכלען, אין לאכען?
דאס איז אלץ — די שלאנג פון גן־עדן!

אזוי האט געדייבערט די שלאנג,
עס האבען זיך די ווערטער, עס האט זיך דער קלאנג
אין וואקסענעם הערצעל אפפאנאגראפירט!...
און חוה פאר׳ירש׳ענט אויף אייביג די טעכטער,
דעם ווייז — איג׳ם רעדען, דעם מעד אין געלעכטער,
א שמייכעל — וואס ציהט און פארפיהרט...

---

דאס ווערט נישט געלערענט, דאס ווערט נישט שטודירט:
דעם וואקס־צילינדער קוים האסט דו באריהרט,
עס קלינגט שוין, ווי האניג און ווערטער־שעפטאלען!
בלומען באשיטען דיין זעלע מיט שטויב,
עס דאכט זיך, עס זינגען מלאכים דיין לויב,
דו טאפיעסט אין גאלדענע שטראלען.

דאס איז די שלאנג אליין, נישט נאר אונזער זיידען,
האט זי פארטריבען פון שטילען גן־עדן,
נישט אדם הראשון אליין!

און נישט איין שמשון הגבור געשוואכט,
נישט איינעם די טויערען פון הימעל פארמאכט,
מע זאגט נאר, אז שקר החן,

הבל היופי! דאס בלוט הויבט אן וועלען;
קוים גיסט זיך דער האניג פון ליפען, ווי קרעלען;
עס קלינגען די טענער, ווי זילבערנע גלעקלעך,
און דער טאג שמייכעלט אויף ראזיגע בעקלעך.

און אויגען בריליאנטען, זיי לייכטען און בלישטשען —
ווער ווערט נישט שכור פון די ארבע כוסות?
עס הויבט אן ר׳ יאסלען אין העלזעל צו שווישטשען,
און קוים, וואס ער אטעמט, ער כראפעט—א גוסס...

ער גוסס׳עט, ער כראפעט: א, ציפעניו קרוין,
נו, נא דיר די פאות, א, נעם זי דיר שוין...
איך בין זיי דיר מקריב!... איך וויל זיי נישט מעהר,
און נעם דיר די שפיצען, א, נעם, אויף נאמנות...
און ציפע פיהרט אוים דעם שפאס אהן רחמנות,
זי שמייכעלט און — האלט שוין די שער...

ו.

קענט איהר די ווילדע טראפעען פון שלאכט?
בלילה ההוא, אין דער דאזיגער נאכט,
האט ציפע דלילה געוויזען מיט גאות,
איהר מאן, גבריאל׳ן, די ווילדע טראפעען,
ער האט זי מיט שרעק באטראכט און באזעהען:
שמשון הגבור׳ס — ר׳ יאסעלעס פאות.
און שפיצען פון בערדעל! ער האט זיי דערקענט...
זיי האבען די האר אין דער גרוב פארברענט.

זיי שטעהען דאך טרויעריג; עס פרעגט זי זיין בליק:
צי האסט דו פאר דעם נישט פארהאנדעלט מיין גליק,
צי האסט דו נישט מ י ך פארקויפט דא אין זאק?!

איהר ווערט אויך טרויעריג, עס וויל זיך איהר כליפּען,
זי האלזט איהם און קושט איהם; „צי גלויבסט דו נישט ציפּען,
איך האב'ן געווארפען ארוים, דעם צבוע'ק!"

---

כאטש שפּעט נאר אין ציפּען ערוואכט דאס געוויסען,
עס קלעמט זי ביים הארץ שוין אצינד,
און פּלוצלונג ווערט איהר דאס קול אפּגעריסען,
פארשטעלט זיך דאס פּנים געשווינד.

זי פאלט אויף זיין אקסעל, זי הויבט זיך אן שעמען,
— „געזינדיגט... איך ווייס עס אליין...!"
און פיבערהאפט ציטערען ליפּען און ברעמען,
ציגד לאזט זי ארוים א געוויין!

„גבריאל'טשע, ס'טוט באנק... אוי, גבריאל'טשע, ס'איז מאוס"...
זי קלעמערט איהם פעסטער ארום.
„איך וועל איבערבעטען... איהם וואשען די פים!"...
גבריאל'טשע שטעהט טרויעריג און שטום...

פארשוואונדען ר' יאסעל, מען וויסט שוין כסדר
אין שטעדטעל אין גאנצען, ווי ס'איז געשעהען:
„אליהו הנביא אין פּויערשע קליידער
(עס האט איהם נישט איינער ביינאכט נאך געזעהן).

„איז פארטאג געקומען און האט איהם גערופען,
נאר ווייט פונ'ם ישוב, וואס האט איהר צו זארגען!...
אין א הייל זענען זיי ערגעץ פארבארגען,
זיי מאכען אין מדבר צרופין..."

דעם יתום האט מען דערוויול אפּגענומען,
אנדערע — ווארטען און האפען.

מ'איז זיכער אין שטעדטעל, ר' יאָסעל וועט קומען,
עס האָט זיך אַזוינס שוין געטראָפען !...

אַזוינס דאַרף צו דויערען אַ חודש לערך ;
ר' יאָסעלעס קעפּעל איז פייער און פלאַם,
ער וועט זיך נישט זשאַלעווען קפיצת הדרך,
און וואַרפען דעם גאַרטעל אַריבער אַ ים !

דאָך יאָהרען פאַרגעהען, דער אַלקער שטעהט לער,
אַלץ טרויעריג גבריאל, און ציפּע ? ווער ווייסט ?
אַמאָל בלייבט זי שטעהן מיט די אויגען פאַרגלייסט,
און פון זיי קאַפּעט אַ טרער !

# איבערזעצונגען

## פריי אויס נאָרסאָן.

1.

קום שוין, קום, אַ, נביא! מיט דער גאַנצער קראַפט
פון אומגליק און פון ליעבע רופען מיר צו דיר!
קוק, ווי שוואַך מיר זענען, מיד און אָפּגעשלאָפּט,
ווי שטאַרק עס איז דער פיינד, ווי אומבאַהאָלפען — מיר.

עס איז די לעצטע צייט. אַ, ראַטעווע פון שאַנד!
דאָס געוויסען שלאָפט, די נאַכט איז אָהן אַ שטראַל;
פאַרלאָשען שוין די בושה, פאַרבלאָנדזשעט דער פאַרשטאַנד,
און די מיטעלמעסיגקייט פרעדיגט איבעראַל!

2.

ביסט דו מיין פריינד,
אָהער גיב דיין האַנט!
מיר וועלען שטרייטען
און ליידען ביינאַנד!

אויב פיינד, שטעל דיך
פריי און פעסט אַקעגען!
נאַר אַראָפּ פון וועג,
אויב ס'איז דיר נישט געלעגען!

3.

מיט פערעל פון טוי
צירט זיך אום די נאכט...

(א! שרעקליכע געדאנקען
לאזט א רגע אפּ!)
אט א פויגעל ריהרט זיך
אין די צווייגען זאכט..
און א פיצעל שטערנדעל
ציטערט, פאלט אראפּ!

(א! שרעקליכע געדאנקען,
א רגע זייט געלאסען!)
דער לבנה'ס שטראלען
ציהען זיך און ציהען
אויפ'ן שטילען טייכעל
און לעגען זיך אין פאסען —
(טרויריגע געדאנקען,
לאזט א רגע רוהען!)
ווי שטיל זיי זיך באוועגען,
ריהרען אויף און אפּ...
(א! שרעקליכע געדאנקען,
לאזט א רגע אפּ!)

4.

זאגט נישט, אז ר'איז טויט,
ניין, ער לעבט, ער לעבט!
אפּגעפליקט די רויז,
נאר איהר אטעם שוועבט!
צובראכען איז די הארף,
ס'וויינט דאך דער אקארד!

צובראכען דער אלטאר,
ס'פייער ברענט נאך פארט!

5.

מיר האט זיך גע'חלומ'ט:
מיט א גרויסער מענגע
געה איך, דאך באזונדער...
געהען געה'ן מיר לאנג!
פינסטער איז די נאכט...
אונטען איז א תהום,
און דאס וועגעל — קרימט זיך,
דרעהט זיך, ווי א שלאנג

אויפ'ן גלייכען פעלזען,
ווי א שארפע שמאל —
און די פלאקער ברענען,
רייסען אוים אמאל

פון פינסטערניש א פנים;
עס איז רוי און קאלט
און, צום שארפען בליק,
די ברעמען איינגעצווינגען;
צי א יונגע ס א ס נ ע
אויפ'ן תהום געבויגען
מיט די גרינע צווייגען,
דאכט זיך — אט זי פאלט!

צי א שפאלט אין פעלזען,
מאך־באוואקסען, שווארץ...
און קיין שארד, קיין אטעם,
שטיל! עס ווייסען אלע,
אז א פאלשער טריט נאר,
שמעטערט מען פון פעלז

אַריין אין טיפסטען תהום...
דאָך רוהיג איז מיין האַרץ.

און מיין טריט איז פעסט!
. . . . . . . . . .

6.

כ'האָב נאָך געזעהן א חלום:
א שטאָק־טויבע נאכט,
און א ווילדער פעלזען
וואַקסט אין וויסטען לאנד;
און די שטומע נעבעל
אויפ'ן פעלזענס רוקען
גלייך ווי ברייטע ימים
גיסען זיך ביינאַנד...

אויפ'ן פעלזען שטעה איך,
אונטען איז א תהום,
און מיין שאַרפער בליק
גרייכט נישט ביז צום גרונט...
נאָר דאָרטען איז נישט לער,
דאָרטען רוישט און זידט —
און שטימען אַלערליי
טראָגט אַרויף דער ווינט!

עס הערען זיך אינמיטען —
הייזעריגע שרייען,
שוואַכע האַרפען־טענער,
זיפצען פון א גוסס...
עס גיסען זיך צוזאַמען
וואונדערבאַרע שטימען,
אַט עס קלינגען שווערדען,
קייטען באַלד און בעכער...

נישט רוהיג איז מיין הארץ,
און איך שטעה פארשטארט.
. . . . . . . . . . .

7.

געפעהרליכער אלס צרות,
חרמות און געיעג,
שרעקליכער פאר קייטען,
גזלנים און געשלעג
איז די לוסט צום שלום,
עס העלפט נישט קיין פארשטאנד, —
רייס אוים פון הארץ דעם פיינד
מיט'ן הארץ בייגאנד!...

עס טוען וועה די ק י י ט ע ן,
דריקען דריקט די יאך,
בלומען דאך אין גארטען,
אויף וויזען, אויפ'ן פעלד;
און אויסער פרייען ווילען,
פיהלסט דו, קאן מען נאך
זיך א גליק געפינען
אויף דער בלומען-וועלט!

8.

נאר טרויריגע ליעדער,
טרויריגע געדאנקען,
צי בין איך דען שולדיג?
ס'איז אזוי מיין לעבען!
עס בליהען מיר קיין רויזען,
און קיין שטערען בלאנקען —
מען האט מיר אויך קיין גוטען
חלום נישט געגעבען!

*

איך וואָלט פרעהליך זינגען אפשר אויך געקענט,
נאָר אין מיין קרענצעל שטעקט א שטעכענדיגער דאָרן;
איהם האָט איינגעפלאָכטען מיט אייזערנע הענט
מיין מזל, און פון אלעם איז שטעכעדיגס געוואָרען.

# ל י ע ד ע ר.

(נאך מאריא קאנאפניצקא).

כ'האב געזעהן ליעדער! טייל ווייסע, ווי שניי,
און שעהן און באשמעקט, ווי די בלומען אין מאי,
און ריין, ווי דער בלויליכסטער הימעל ביינאכט,
דערביי — ווי דער טרויעריגסטער מלאך פארטראכט —
זיי האבען ליעבע געזונגען!

דערנאך איז געקומען די צייט מיט דער קאסע,
זי האט זיי געשניטען, ווי היי מיט ראסע;
עס האט זיך א לופט פון גן־עדן פארשפרייט;
עס טראגט זיך דער ריח גאנץ ווייט און גאנץ ברייט —
ס'איז דאך קיין ברויט נישט געוועזען!

---

אך! איך האב אלערליי ליעדער געזעהען,
פון טייל איז אין הארצען גאר וואונדער געשעהען!
עס רייסט זיך פאר בענקשאפט און ס'בלוט אהן אן עק,
ס'פארגעהט שיער פאר שרעק און ווי זיס איז די שרעק...
זיי האבען באלאדען געזונגען!

דערנאך איז געקומען די צייט! אויפ'ן שטערן
האט זי א ברענענדע זון, און עס ווערען
וואלקען און נעבעל צושווימען, צורינען...
איך קאן פון די ליעדער קיין זכר געפינען;
גלייך מיט די נעבעל פארשוואונדען!

קלאג־ווייבער־ליעדער האב איך אויך געקענט:
ווי ערד איז דאס פנים, געבראכענע הענט.

געלעבט איז בית־עולם, געלויבט און געוויינט,
קרענץ פאר די קברים געפלאָכטען, געקרוינט
מצבות, געקושט און געהאַלזט!

דערנאָך איז געקומען די צייט און געשניטען
אויף שיעצקע פאר קעלבער די קרענץ און די בליטען;
גענוצט די מצבות צו הייזער אַלס שטיינער,
און צוקער געלייטערט אויף הייליגע ביינער —
קלאָג־ליעדער זענען פארשוואונדען!

---

אויך ליעדער, וואס האָבען געדינט דער מינוט,
גע'חנפ'ט דעם שטאַרקען, געשמייכעלט דער רוט;
ביי רייכע געבעטעלט, פארהייליגט דעם רויב,
פון רינשטאָק געטרונקען, געגעסען דעם שטויב —
זיי האָבען אַרען געזונגען.

די צייט איז געקומען — זי בלאָזט אויפ'ן האָרן
א וועק־ליעד! עס זענען פארזאַמעלט געוואָרען
דיכטער און זינגער פון נאָהנט און פון ווייט.
זי האָט זיי געמוסטערט... די קרעציגע לייט
ארויס פון דער מחנה פארטריבען!!!

. . . . . . . . . . .

# א סצענע.

(אוים הײנע).

(די זון, דער דיכטער, אפען, פרעש, מויל־װאורפען
און א גליה־װארעם).

די זון:

װאס געה'ן מיך דײנע אויגען אן,
אז איך טו מײן רעכט?
שטראלען מוז איך, יא—איך מוז!
אויף הער און קנעכט!

װאס געה'ן מיך דײנע אויגען אן?
דו — טו אויך דײן זאך! —
נעם א װײב דיר, האב א קינד,
מיך נאר לאז געמאך!

שטראלען מוז איך, יא, איך מוז,
כ'קאן נישט געהן צוריק! —
און װאס ארט דיך, אז איך װארף
אמאל אראפ א בליק?

דער דיכטער:

אט מיט דעם האלט איך מיך גרויס,
װאס איך לייד דײן בליק!
שעהנהײט זעה איך נאר אין ליכט
און אין פלאמען — גליק!

צינדערט בין איך, לײדער, שװאך,
האסט מיך מיך געמאכט!

אויף די מידע אויגען פאלט
שווער אראפ די נאכט!

### די אפען
(כאָר):

מיר אפען, מיר אפען,
מיר קוקען און גאפען
ארויף צו דעם ברענער, צום אלטען!
ער קאן אונז נישט שטערען,
ער קאן זיך נישט וועהרען,
ער קאן זיך פאר אונז נישט באהאלטען.

### די פרעש:

אין וואסער איז נאס
און גוט, אהן א שפאס!
עס לעבט זיך דאך בעסער און פרייער!
ווער ווייסט פון א קוואל?
עס דעמפט זיך די שטראל,
עס קיהלט זיך דאס העלישע פייער!

נישט מיט אזא כח
שלאגט דא שוין אין מח
דער מערדער, דער הימלישער ברענער!
שטיל לעבט זיך און — שא!
קווא — קווא, קווא — קווא!
אין זומפעל איז בעסער און שענער!

### דער מויל־וואורף:

לא היה ולא נברא! אין הימעל זאל ברענען
א גאלדענע שיסעל!
טיילמאל דערפיהל איך אביסעלע ווארעם
און קראַץ מיך אביסעל!

ד ע ר  ג ל י ה־ו ו א ר ע ם:

זעה נאר די גרוים! ווי זי פלאמט אינ'ם ראד!
און ברענט אין די אויגען, מען שוויצט, ווי אין באד!
זעה נאר דאס גרויסקייט, די פראכט!
פיש! איך בין אויכעט א ליכטיגע זאך,
און ברען נישט די אויגען, און פראל נישט קיין סך,
און לייכט מיר גאר שטיל ביי דער נאכט!

## אן אדום.

(לויט היינע).

לאנג שוין ליידען מיר זיךביידע,
ווי עס פאסט פאר ברידער פיינע;
דו ליידסט, נעבעך, אז איך אטעם,
און איך די—ש ג י ו נ ו ת  דיינע!

לאנג שוין ליידען מיר זיך ביידע —
טיילמאל, פון מיין קרענק געריהרט,
האסט דו מיר מיט פרומע הענטלעך
די געדערים מאסאזשירט!

איז א שווערע נאכט געקומען,
האסט דו לעמפלעך אנגעצונדען
פון מיין חלב... און אויף קנייטלעך
מיינע אדערען געשונדען...

אונזער פריינדשאפט ווערט צינד שטארקער,
איך וועל אויך די קונץ שוין קענען;
איך ווער  מ ש ו נ ע' נ ע ר  פאר דיר,
די געהירן — פיהל איך — ברענען!

# דער בעכער.

(פון פרוג).

זאג מיר, מאמעשי, איך בעט דיך,
איז דאס אמת, וואס עס האט
מיר פארצעהלט דער אלטער זיידע,
אז אין הימעל דארט פאר גאט,

אז פאר גאט דארט שטעהט א בעכער, —
און ווען מיר קוועלען זיך דא שווער,
האט דער גרויסער גאט רחמנות,
לאזט אין כוס אריין א טרער?

— אמת, קינד מיינס!
— אך, מאמע, מאמע,
איז אויך אמת, איז אויך זיכער,
אז משיח, דער וועט קומען,
קוים וועט ווערען פול דער בעכער?!

— אמת!
און דאס קינד פארקלערט זיך,
ווארט א ווייל[ע] טרויריג, שטיל,
פרעגט דערנאכטען: אבער, מאמע,
ווען דער בעכער זיין ווען פול?

און עס הויבט די בלויע אויגען
טרויריג צו דער מוטער אויף:
„צי איז אהן א דנא דער בעכער,
וואס מיר ליידען אהן א סוף?

ווי לאנג מיר ליידען שוין אין גלות,
אונ דער כוס וויל פול נישט ווערען!
אפשר טריקענען דורך די יאהרען
אינ'ם בעכער אויס די טרערען?"

אוּנ צורודערט בלייבט די מוטער
איבער'ן פרומען קינד געבויגען,
אונ עס ציטערען די ברעמען...
פון די מוטערליכע פייכטע אויגען.

פאלען טרערען — צוויי בריליאנטען
אויפ'ן קינדס פארקלערטען שטערען!

. . . . . . . . . . .

גאט אין הימעל, האב רחמנות,
נעהם אין כוס אריין די טרערען!

# פון ביאליק.

## 1.

### זיי מיר גוט...

זיי מיר גוט!
זיי א מוטער, זיי א שוועסטער מיר!
זעהסט,
איך בין אזוי עלענד און קום נאך טרייסט צו דיר,
אין דער שווערסטער מינוט — —
מיין קאפּ — די נעסט
פון פארשטויסענע תפלות לאז רוהען אויף דיין שויס;
אלע הימלען זענען פאר זיי פארמאכט —
און אין דער שטילער שעה צווישען טאג און נאכט,
הער מיך אויס...

מען זאגט: פאראן יוגענד אויף דער וועלט
און בליהען בליהט זי, ווי א רויז...
פאראן מן־הסתם!
נאר וואו איז מיינע? צי האט זי געטויט די קעלט,
צי פארברענט די פלאם?
דאכט זיך, גארנישט געווען...

אויך ליעבע איז פאראן, אזוי זאגען לייט,
זאג מיר, וואס באטייט
דאס ווארט, פאר מיר א הוילער קלאנג?
און דאס מאכט אזוי באנג, דאס מאכט אזוי באנג —
און וואס איז פרייד?

אזוי שטיל און צארט
האבען [illegible] אמאל געוואונקען צו מיר און — גענארט...

אַ חלום געווען... מען האָט'ן פאַרטריבען,
און עס איז מיר אין לעבען גאָרנישט געבליבען,
און איך וועלק און איך פריהר...
זיי מיר גוט, איך קום נאָך טרייסט צו דיר. —

## 2.

## „משא נעמירוב"

שטעה אויף!
מענש, שטעה אויף און געה,
און געה צו דער שטאָדט, וואו די שחיטה איז געווען,
וואו דאָס בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען!
מיט די אייגענע אויגען זאָלסט דו זעהן
און אָנטאַפּען מיט אייגענע הענט די צוימען,
די שטיינער, די ווענט
מיט'ן פאַרטריקענטען בלוט,
מיט די פאַרגליווערטע געהירען
פון די דערשלאָגענע —
צווישען חורבות וועסט דו געהן,
צווישען איינגעבראָכענע מויערען,
צוזאַמענגעשטירצטע ווענט —
מיט לעכער,
ווי אָפענע וואונדען שוואַרצע — — —
פון אונטער דיינע פיס פליהען פעדערען און שמות...
טרעטסט אויף צובראָכענע כלים,
אויף ספרים,
אויף פּאַרמעט,
אויף שטיקער צופלאַצט לעבען —
דו אַנטלויפסט —
צו ליכט און לופט אַנטלויפסט דו!
דער הימעל לאַכט אויס דיר,
די שטראַלען פון דער העלער זון שטעכען דיר.

די גלאנצען פון צובראכענעם גלאז, וואס ליגט נאך אויף די גאסען,
לעסטערען דיך!
אלץ ארום — דער בליהענדיגער בוים,
דאס פריש־אויסגעשפראצטע גראז,
לאכט אויס דיר...
וואס פיהלסט דו? בליטען, אדער בלוט?

---

אין טאג פון דער שחיטה האט זיך דער פריהלינג צובליהט!
דער שוחט האט געשאכטען, די זון האט געשיינט
און באשאטען דעם שוחט מיט גאלד!
דער טאג האט צו איהם געלאכט!
די בוימער האבען געבליהט!
דו אנטלויפסט,
ווילסט דיך באהאלטען אין א הויף?
זעה, זעה, אט א בערגעל,
אט א בערגעל מיסט,
צוויי זענען געקעפט געווארען אויפ'ן בערגעל:
א איד און זיין הונט — —
איין האק האט זיי געקעפט,
דא, אויף איין מיסט האט מען זיי געווארפען...
און אז אונטערגעגאנגען איז די זון,
זענען חזירים געקומען
און ביידע געלעקט,
און אונטער זייער פום
האבען זיך ביידע געקאלערט —
שא!
מארגען וועט געהן א רעגען
און וועט אפשווענקען דאס בלוט —
עס וועט שוין נישט שרייען,
נישט שרייען ארוים פון מיסט,
עס וועט פארלוירען ווערען ערגעץ אין תהום —
און אפשר אנטרינקען א בוימעל צו דער זעט —

און אלץ וועט זיין ווי פריהער,
אלץ ווי פריהער —
וואס איז דען געשעהען? וואס?

---

באהאלטסט זיך אויף א פינסטערען בוידעם?
פיהלסט די טויט־שרעק, וואס שוועבט נאך ארום אין דער פינסטער,
אין דער פינסטערער שטילקייט!
זעהסט? פון אלע לעבער, פון אלע שפאלטען און ריצען,
קוקען אויגען ארוים;
אייגען קוקען אויף דיר שטאר און שטום,
דאס קוקען די נשמות פון די „קדושים“ —
די פארוואגעלטע, פארוויסטע נשמות — —
הא־הא־הא!
זעהסט. דארט, אין ווינקעל האבען זיי זיך צונויפגענומען,
צוזאמענגעפרעסט, און געשוויגען;
דא האט זיי דאס אייזען געטראפען,
דא זענען זיי געבליבען!
דא שטעהען זיי נאך און שעפען,
און אטעמען אין זיך אריין
דעם גאנצען טרויער פון זייער אומזיסטיגען טויט —
נישט טראגיש,
קוים טרויעריג איז דער טויט —
הערסט? זיי פרעגען:
נאך וואס?
נאך וואס געלעבט, פארוואס געשטארבען?
מיט שרעק און ציטערניש פרעגען זיי.
די קדושים:
און — אל ארך אפים, —
ער שווייגט!
שפינוועבס אין די ווינקלען —
פרעג די שפינען.

װאָס דאָ איז געשעהען,
לעבעדיגע עדות!
זיי װעלען דיר פאַרצעהלען
פון געשפּאַלטענע טראַכטען מיט פעדערען געפּילט —
נעגעל און נאָז־לעבער, קעפּ און האַמער —
פון מענשען געפּאַלענע אין דער פינסטער, אָהן צייט צו קרעכצען,
פון קינדער, װאָס האָבען פריש בלוט געזויגען פון
געשפּאַלטענע ברוסטען,
פון אַ האַלב־קינדערישען רוף: מאַ... און „מאַמע“ נישט
געענדיגט,
אַ מעסער האָט איבערגעשניטען דאָס װאָרט!
און נאָך... און נאָך...
מעשיות, װאָס װעלען דיר פאַרברענען דעם מח —
די געהירען אויף אַש
און די נשמה טויטען,
אויף אייביג, אויף אייביג — — —

---

רוף נישט! װעק נישט די טויטע,
אַנטלויף מיט'ן פאַרשטיקטען געשריי אין דער קעהל,
מיט דער פאַר'שרפ'עטער טרער אין אויג —
אַנטלויף —
צוריק צו דער זון אין גאַס —
העי, עס בליהט, עס שיינט, עס קלינגט!
קאָנסט עס נישט לײדען?
זוך דיר שטילע שאָטען אין קעלער!
קום אַראָפּ —
זעהסט, דאָ איז די שאָטען,
צװישען די קיהלע שאָטען
זענען די צנועות,
דיין פאָלקס כשר'ע טעכטער — — —
פאַרשטעהסט?
איינע אונטער זיבען, איינע אונטער זיבען!

דער מוטער אין די אויגען — די טאָכטער,
די מוטער אין דער טאָכטערס אויגען — געשענדט!
און פאַר'ן קוילען און נאָכ'ן קוילען — — —
טאַפּ אַן מיט די הענט די פאַרבלוטיגטע לאָקען,
די קישען —
דאָס בלוט מיט עפּעס אַנדערש צוזאַמען
פאַרגליווערט — — —
זעהסט? און דאָרט הינטער די פעסער —
הינטער די אַנגעוואָרפענע כלים,
אין ווינקעל דאָרט
זענען געלעגען,
אַהן אָטעם געלעגען זענען דאָרט זייערע פאָטערס,
זייערע מענער, ברידער און חתנים —
און האָבען מיט אָפענע אויגען דאָס אַלץ געזעהן —
ווי די לייבער האָבען געצאַפּעלט
אונטער'ן גוי און אונטער זיין אייזען —
און געהערט מיט אָפענע אויערען
די געשרייען די פאַרשטיקטע, די איבערגעהאַקטע — — —
אַ שטראָל בלוט — אַן אָפּגעהאַקט וואָרט —
שאַ — — — —

---

פאַר שרעק פאַרגליווערטע, פאַרשטיינערטע הערצער...
און אויב איינס האָט נאָך געצאַפּעלט,
האָט עס, פּיליייכט, נאָך געבעטען:
רבונו של עולם,
טו אַ נס,
זאָלען זיי מ י ך נישט זעהן,
פאַרבלענד זיי, זאָלען זיי מיך נישט זעהן!

---

מענער—פאָטערס—ברידער—חתנים...
און פון די מענער,

אויב וועלכען עס איז א נס געשעהען
און איז לעבען געבליבען,
איז מאנכער,
ווען די שרעק איז אריבער,
פון קעלער ארויסגעקראכען,
צו זיין גאט, אין זיין גאטס הויז אריינגעלאפען
און געדאנקט פאר'ן נס,
וואס א י ה ם איז געשעהען!
און דערנאך צום רב געלאפען:
צי מעג ער מיט זיין ביילען נאך לעבען?!

---

חער, ארויס קריך!
קום,
קום צו די מיסטען,
צו די שטאלען פון חזירים, קום,
צו די באהעלטעניששען פון דיינע ברידער
אין שחיטה־טאג!
דיינע פאלקס־קינדער,
חשמונאים,
בר־כוכבא'ס דיינע,
דיין הייליגען טאטענס קינדער —
צוואנציג אין א לאך,
דרייסיג אין א הייל — — —
די, וואס הייליגען מיין נאמען!
די ווערים צוקראכען,
ווי מייז זיך פארשטעקט —
און — ווי די הינט געשטארבען!

און צו־מאָרגענס איז אַרוים אַ זוהן
און דערזעהן דעם פאָטערס פּגר אין מיסט —
וואָס פאַרשטעלסט דו דיין פּנים, מענש!
וואָס קריצסט דו מיט די ציין?

---

געה צום טאָל הינטער דער שטאָדט,
אַ גאָרטען בליהט דאָרט אין טאָל,
באַשיט פון דער גאָלדענער זון, ווי אַ כלה —
בליהט ער, דער גאָרטען...
און דאָרט איז פאָראַן, אין דעם גאָרטען, אַ הייל —
די  ב ל ו ט י ג ע —
דאָרט זענען איינגעשלאָפען די מערדער,
נישט ווייט פון טייערע קרבנות ליגען זיי
שכור און שלאָפען...
און אַרום די כלים —
די רעדער מיט אויסגעזעצטע ספּריכען,
ווי מערדערישע פינגער צו עמיצענס האַלז —
מיט די נאָך בלוטיגע, שוואַרץ־בלוטיגע שפּיצען —
בלוט מיט געהירען!
און אַז דער טאָג וועט טרעטען אָפּ דעם אָוועגט,
די זון וועט אין מערב־זייט אונטערגעהן
מיט בלוטיגע וואָלקען געהילט און געשליידערט,
און פייעריג צופלאַמט — —
דאַן געה אַהין צום טאָל,
אין גאָרטען אַריין געה,
זוך אָפּ די הייל...
און גנב'ע זיך שטיל אַריין...
טסס...
אַ שרעק שוועבט אין דער לופט...
אַ שרעק, אַ צאַפּלען, אַ גסיסה —
הוילע קרעכצען, הייזעריגע שרייען, פאַרשטיקטע רופען, —
דאָס אַליץ וואַלגערט זיך אַרום צווישען די כלים.

און ריהרט די רעדער,
און דרעהט זיי איבער,
און שלאגען זיך אַן די שפּיצען,
אַן די העלצער,
און קומען ארויס פון לעבער און שפּאלטען —
ארום — קרעכצען —
איבער דיין קאָפּ פארגליווערטע קרעכצען —
א שטומער צער שוועבט,
א שטומער וועה —
נאָך וואָס? פארוואָס?

---

יסורים שטומע פלאטערען,
א שכינה, א שווארצע, א טויט־מידע,
א דערשלאגענע
רוהט איבער אלעם —
און געפינט נישט קיין רוה!
הארץ־רייסענדיג! —
וויל וויינען און קאן נישט,
וויל שרייען און שווייגט,
אין אייגענעם טרויער דערשטיקט —
די פליגעל איבער די הרוגים פארשפרייט זי
און וויינט אהן א קול...
און אויפ'ן בית־עלמין געה,
אויף די קדושים'ס קברים!
אהין שלייך זיך אין דער שטיל,
זאל קיינער דיין טריט נישט הערען,
זאל קיינער דיך נישט זעהן...
פארדעק דיך פאר חרפּה!
געה און קוק אויף דיינע הייליגע!
וויינען וועסטו נישט איבער זיי...
צוגעהען וועט וועלען דיין הארץ;

איך וועל עס פארגליווערען אין דיר —
וועסט וועלען די ברעמען אראפּ אויף די אויגען לאזען.
איך וועל זיי דיר אויפשטעלען, ווי נעגעל!
שרייען וועסט דו וועלען
ווי א שטיר, צום שחיטה־באנק געבונדען,
ברילען...
איך וועל דיר דאס קול דערשטיקען אין האלז —
זעהסט, ווי געשאכטענע קעלבער ליגען זיי,
האסט פאר זיי קיין קלאג,
קיין זיפץ —
—„פארגיבט מיר, הייליגע טויטע,
פארצייט מיר, איהר אייביג פארשעמטע,
פאר אייער ארעם לעבען
פאר'ן ארעמען טויט,
העלפען קאן איך נישט!

---

„מארגען וועט איהר קלאפּען ביי מיר
און פארלאנגען אייער לוין — —
איך האב נישט!
א יורד בין איך
ארעם, אזוי ווי איהר!
אומזיסט זייט איהר געפּייניגט
געווארען און געשטארבען,
ווי אומזיסט איהר האט געלעבט...
א רעטעניש נישט צום פארענטפערען
איז אייער טויט, ווי אייער לעבען
איז א רעטעניש!“
און אין וואלקען הילט די שכינה איין
איהר קאפּ און וויינט,
פאר שאנד און שפּאט וויינט זי!
— נאכט אויף נאכט וועל איך אין דער שטיל

אויף די קברים אראפ
און וויינען אין דער שטיל
פאר שאנד!

---

און דו, מענש!
דו, וואס האסט מיך געזוכט און געפונען
אין מיין ארעמקייט, אין מיין טרויער,
געה נישט צוריק מיט לערע הענט!
נעם ביי מיר,
א טייל פון מיין שטילען וועהטאג, נעם
און ווארף עס אין דעם שוים פון די לעבעדיגע,
פון די נאך־געבליבענע — —
זיי זאלען נישט פארגעסען!
און, געהענדיג צוריק,
רייס אויס אביסעל גראז, —
— עס איז פריהלינג,
עס בליהט,
עס איז זאפטיג דאס גראז —
רייס אויס א פולע האנט
פון שפראציגען, זאפטיגען, פרישען קברים־גראז
און ווארף  ה י נ ט ע ר  דיר —
און זאג:
גראז איז מיין פאלק,
אפגעריסען גראז.
קאן דאס אפגעריסענע לעבען?

---

געה!
געה צו לעבעדיגע,
צו די נאך געבליבענע,
אין גאטס הויז אריין געה,
דארט זענען זיי פארזאמעלט —
זיי פאסטען דארט און בעטען!
הערסט די יאמער?

עס צוגעהט נישט דיין הארץ אין דיר?
שטעלען זיך דיר נישט די האר קאפויר? —
דאס געקלאגעריי —
דו ציטערסט נישט?
אזוי קלאגט אן ארעמע, דערשלאגענע
דינסט פאר א גראשען,
וואס זי פארלירט אין מארק...
אין זייערע הערצער,
אין זייערע דערשלאגענע דינסטען־הארץ אריין קוק —
ווי לער איז דארט און וויסט!
קיין איינציג גרעזעל האס!
קיין קערנדעל נקמה!
קיין פלוד אויף זייערע ליפען!
זיי בעטען!
קוק אין זייערע הערצער אריין,
נישט אויף זייערע ליפען — —
פאלש איז יעדעסווארט!
איך זאל זיי פארצייען,
איך זאל פארגעבען זייערע זינד!
זינדיגט א צובראכענער שארבען?
זינדיגען ציטעריגע שאטען אויף די ווענט?
פארוואס בעטען זיי און שטורעמען נישט?
וואס הויבען זיי קיין פויסטען נישט אויף?
פארוואס פאדערען זיי נישט?
פארוואס רייסען זיי די הימלען נישט איין,
נישט דעם כסא הכבוד?

---

און הער —
הויבט אויף דער חזן זיין קול
און רופט:
„טו פאר די געשאכטענע,
פאר קליינע קינדער טו,
פאר זויגענדיגע קינדער"...

און נאַכשרייען וועט דער עולם
און ציטערען וועלען די זיילען אין הויז — — —
אויף דיר וועל איך מיך דערבארמען!
דו וועסט נ י ש ט וויינען,
נישט וויינען מיט זיי — — —
און הויבט זיך אין דיר א געשריי אויף,
דערשטיק איך עס!
צווישען דיינע ציין דערשטיק איך עס!
דו זאָלסט דאָס אומגליק נישט פארשווערכען!
נישט באַקלאַגט,
נישט באוויינט זאָל עס בלייבען!
ק י י ן טרער!!
און די נישט אויסגעוויינטע טרער
פארגליווערען זאָל זי אין דיין הארץ
און ווערען צום שטיין!
אויף דעם שטיין וועל איך מיין פעסטונג בויען —
אייזערנע מויערען — קופּערנע שפּיצען —
פאַר האַס, צאָרן און טויט
א הייליגטום!
אין דיין הארץ וועט עס שטעהען
און וואַקסען —
פון גיפטיגען בלוט גענעהרט
וועט עס וואַקסען —
א פעסטונג,
א הייליגטום,
א שלאַנגען־נעסט
פאַר גיפטיגע, צאָרניגע, גרימיגען טויט
פ א ר ד י י ן פ א ל ק!
און צו־מאָרגענס
זעה, וואָס זיי טועַן...
אויפ'ן בית־עלמין וועלען זיי מארגען געהן,
די דערשלאַגענע,
די איבערגעבליבענע,
די האַלב טויטע,

מיט די האלב אויסגעפּאַכטע נשמות,
האלב אויסגעפּוילטע הערצער...
אויפ'ן בית־עלמין געהען זיי,
מענער, ווייבער און קינדער געהען;
מיט טאָרבעס,
מיט קבצנ'ישע טאָרבעס
אויף די געבויגענע אַקסעל
געהען זיי...
און זעה, מענש, וואָס זיי טוען! —
צו די פרישע קברים געהען זיי,
צו די קדושים —
און עפענען די קברים אויף —
און צורייסען זייערע לייבער
מיט די תכריכים צוזאַמען,
אויף שטיקער, אויף שטיקער צורייסען זיי,
און יעדערער כאַפּט א שטיק,
יעדערער אין טאָרבע אריין א שטיק —
זיי וועלען בעטלען געהען
אין נאָמען פון די קדושים,
מיט זייער פלייש און ביין, —
פון יריד צו יריד וועלען זיי געהען,
פון שטאָדט צו שטאָדט
און בעטלען:
זעהט דאָס הייליגע פלייש, — רחמים!
די הייליגע ביינער זעהט — רחמים!
אידען בני רחמנים,
רחמים, א גראָשען גיט!
און א לאָמער,
און א בלינדער,
און אַן אַלטער, א געבויגענער,
און מיט קרומע ביינער
שלעפּט געגנעהרטע קינדער
וועלען בעטלען מיט'ן פלייש
מיט די ביינער פון די קדושים

און לידער זינגען!
קבצנ'ישע הונגער־לידער,
איבער הייליגע,
איבער אומגעקומענע על קדוש־השם —
פאר א גראשען!
און אצינד גענוג, מענש!
אנטלויף!
לויף אין דער וויסטעניש אריין
און שריי —
אויפ'ן ווינט, וואס יאגט אין דער מדבר;
אויף זיינע פליגעל זאל ער כאפען דיין געשריי
און צוטראגען אויף אלע עקען פון דער וועלט
אבער קיינער זאל נישט וויסען. —

# פון יחזקאל.

## 1.

נאט זאגט מיר אזוי צו זאגען:
די „נביאים" וועל איך קלאגען,
די שקרנים, די כזבנים,
מיט'ן אומפארשעהמטען פנים
און פארגלייסטע אויגען!

*

פון'ם פינגער ווייל זיי נאגען,
ווייל זיי טראכטען אוים און זאגען
אין מיין נאמען נאר דמיונות,
פאר מטבעות, פאר פדיונות,
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!

*

אויסגעטראכט און אויסגעקלערט!
נישט געזעהן און נישט געהערט,
און געזאגט, וואס גאט באשערט,
וואס איך קלער און טראכט...
נאר געשפינען, נאר געוועבט!
נאר געפרעסען און געלעבט!
נישט קיין לאך אין וואנט פארקלעפט,
נישט קיין צוים געמאכט!

*

כלומרשט, איך האב זיי געשיקט!
נאר צו מיר ארויף געקוקט,
און פון ציבור אויסגעפיקט,
געשיט נאר און געשים!

*

איך האב זייער צונג געשארפט,
דעם רעשט שכל צו באטייבען!

ווייניג פרעסען בערען, לייבען,
האָב איך פוקסען נאָך באַדאַרפט?
*

ווייניג האָט מיין פאָלק געליטען,
דאַרפט איהר נאָך זיין יאָך באַשווערען?
ווייניג בלוט נאָך, ווייניג טרערען? —
אויסגעריסען זאָלט איהר ווערען

און פאַרטיליגט און פאַרשניטען —
איהר זאָלט מיר נישט זיין אין מיטען!
אייער נאָמען מעק איך אויס
פון מיין הייליג בוך אַרויס!

2.

גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו די הירטען געה און זאָג...
איי, די מערדער, איי, די הירטען,
עס וועט זיין צו זיי אַ קלאָג!“
*

איי, די מערדער, איי, די הירטען,
עס וועט קומען אייער שטראָף!
ווייל זיי האָבען ז י ך געפּאַשעט,
ז י ך געפּאַשעט, נ י ש ט די שאָף!
*

נאָר די בעסטע וואָל געטראָגען,
און דאָס פעטסטע פלייש געפרעסען;
נאָר אום זיך אַליין געקימערט;
אָן די שעפעלעך פאַרגעסען!...
*

נישט געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע,
און—נישט אויסגעהיילט קיין וואונד;

די פארוואונדעטע און די קראנקע
נאך געווארפען פאר די הינט!
*

נישט געזוכט גאר די פאראירטע,
א פארבלאנדזשעטע—פארפאלען!
און געפיהרט זיי אין א מדבר
אהן א גרעזעל, אהן א קוואלען!
*

און געיעאגט זיי אויף די בערגער,
וואו א שטיין און וואו א דארן;
ווילדע טירע, חיות רעות
זענען פון זיי זאט געווארען!
*

און פאר זיך אליין געקוילערט,
ז י ך געפאשעט, נ י ש ט די שאף...
אוי אייך שעפער, ווען אייך הירטען,
עס וועט קומען אייער שטראף!

3.

אויך וועל איך אייך א חשבון מאכען
מיט די שעפסען, מיט די טריקעס,
מיט די איינגעדרעהטע הערנער
און די שארפע, ווי די פיקעס!
*

וואו ס'איז נאר געווען א פאשע,
אנגעפרעסען זיך גאר מאום!
און די רעשט נאך צוצוקנוידערט!
און צוטרעטען מיט די פיס!!!
*

וואו א פאשע איז געוועזען
האט איהר אייך געשווינד דערפרישט!

און די רעשט נאָך צוצוקליצעט,
מיט דער בלאָטע אויסגעמישט.

*

און געלאָזט די אויסגעדאַרטע —
אויסגעטרוקענטע פון ווייטען...
מיט די פיס אָוועקגעקאָפּעט,
אָפּגעשטויסען מיט די זייטען.

*

הערט, איהר הירטען, הערט, איהר טריקעס,
עס וועט קומען אייער טאָג!...
איך וועל מאַכען אייער חשבון,
עס וועט זיין צו אייך אַ קלאָג!

4.

און עס הויבט מיך אויף אַ ווינט...
פון דער הויך זעה איך אַ טאָל,
פול מיט ביינער, און די ביינער
זענען אויסגעדאַרט און געל!

*

נישט קיין פלייש און נישט קיין אָדער
ווי צוואָרפען און פאַרפוילט!...
אויסגעמישטע טויטע ביינער!
ווי דער גרויער שימער גרוילט!

*

—„קאָן דאָס לעבען?" פרעגט אַ בת־קול,
און איך ענטפער: גאָט, דו ווייסט!
—„כאָטש זיי זענען טויט, צוואָרפען?"
אַלץ איז מעגליך, ווען דו הייסט!

*

רופט דאָס בת־קול: זאָג די ביינער,
אַז איך הייס אַזוי און וויל!

קלויבען זיך צונויף די ביינער,
און זיי ווערען זאפטיג פול!

*

צונויפגעקליבען און געשלאסען!
שוין סקעלעטען אויסגעשטרעקט!
און מיט פלייש ארומגעוואקסען,
מיט א הויט שוין אויך בארעקט!

*

—„הייס, די ווינטען זאלען בלאזען!“
הייס איך בלאזען און איך זעה:
ווי עס לעבען אויף סקעלעטען,
עס מארשירט שוין גאנץ ארמיי!

## 5.

(קאפיטעל ל"ג)

ס'שלייכט צו א שטאדט ביינאכט
די שווערד!
נאר אויפ'ן טורעם דער וועכטער וואכט —
ער הערט!

און בלאזט טראמפייט
און שמעטערט מיט מאכט,
עס ציטערט די נאכט
דאס פאלק ערוואכט — —
דער שונא געהט, דער שונא געהט!
און עס פלאקערט אויף די שלאכט

אין הויף, אין גאס,
אויף מויער און וואנט,
פאר ווייב און קינד,
פאר פאלק און לאנד!
פאר רעכט, און פריי געהט אלץ אין קאן!

ווער זיגעז וועט, דאס ווייסט איין גאט;
דער וועכטער האט
דאך זיינס געטאן!
ער האט זיין עהרע נישט באפלעקט,
ער האט געוועקט!
ער האט געדינט זיין פאלק, זיין לאנד!

נאר וועה דעם וועכטער, שפאט און שאנד,
וואס האט ביינאכט
אז אויג פארמאכט
און ערוואכט
ערשט אין דער בראנד!

## ירמיהו'ס ברית.

(אגרת ירמיהו — כתובים אחרונים).

1.

און אין בבל וועט איהר וואוינען,
צווישען פרעמדע פעלקער לעבען,
דארט, וואו גאט האט אייך פארטריבען,
ביז עס קומט די צייט!

דארט אין בבל וועט איהר וואוינען,
צווישען פרעמדע פעלקער לעבען,
און וועט פרעמדע זיטען זעהען,
פרעמדען גלויבען, פרעמדע געטער, —
שרעקט אייך נישט פאר זיי!

דארט אין בבל וועט איהר זעהען,
אויף די אקסעל געטער טראגען,
שעהן געשניצטע, פיין געקליידעטע —
גאלד־ און זילבער־געצען!

זיי פון פארענט לויפט אז עולם,
הינטען לויפט זיי נאך א מענגע;
אלטע, יונגע, מענער, פרויען, —
שוויינען מוזט איהר, נאר אין הארצען
לאכט אייך אויס פון זיי!

זעהט, די צונגען ביי די געצען
האט א מייסטער אויסגעשלאגען,
אויסגעשניצט און אויסגעקינצעלט
פון דעם ריינסטען גאלד!

נאר פארגעסען האט דער מייסטער
אויסצולערנען די געשמידטע
צונגען, כאטש א ווארט!

און געשמאק האט אויך דער מייסטער!
אויסגעפוצט האט ער די געטער,
ווי א כלה צו דער חופה, —
קרוינען אויף די קעפ!

דאך פארגעסען האט דער מייסטער
אין די קעפ אריינצושלאגען
שכל, כאטש א פונק!

גאלד און זילבער האט דאס געטעל;
עס באשטעלט איהם דאך דער פריסטער
און פארשווענדט זיין גאנס פארמעגען,
זיינע קליידער אין די הייזער,
וואו ער דארף נישט זיין!

און וואס העלפען זיי די קליידער,
גאלד און זילבער פיין געשטיקטע,
אז זיי קאנען זיך נישט וועהרען
פאר דער קלענסטער מילב!

אז מען טוט זיי אן די קליידער,
נעמט א פעדערוויש דער פריסטער,
רייניגט דאס געטער־פנים,
ווישט זיי אפ די נעז!

שטאלץ שטעהט מאנכער, ווי א ריכטער,
אין דער האנט — א בינטעל ריטער, —
מעגסט דאך שפייען איהם אין פנים:
שמייסען קאן ער נישט!

איי, נאך שטרענגער איז דער צווייטער:
אין דער האנט א שווערד א שארפע
צי א שווערע האק!

ליידער, קאן ער זיך נישט שיצען
פאר א גנב, איבערשרעקען
אויף דער וואנט א פליג!

אז זיי זיצען אין די טעמפעל
און די געצענדינער קומען,
און זיי בוקען זיך און קניען,
ווערט דערפון א שטויב;

שפעטער פאלט דער שטויב ארונטער
און פארשווארצט דאס געטער־פנים,
און פארבלענדט די געטער־אויגען,
און באשמוצט די קרוין.

פאר גנבים מוז דער טעמפעל
זיין פארמאכט אויף שלאס און ריגעל;
נישט די געטער שיצען מענשען,
מענשען שיצען זיי!

אט עס קומט די נאכט און פינסטער
צינדען ליכטער פאר די געצען;
העל־באלייכטע געטער שיינען, —
עס איז נאר גאלד און זילבער גלאנצען —
דער גאט אליין איז בלינד!

און עס הויבען פון דער ערד זיך
אויף די ווערעמלעך, און זיי קריכען
אויף די קליידער פון די געטער,
פון די קליידער אויף די לייבער, —
און זיי שטעהען אומבאהאלפען
קעגען קליינע ווערים!

און עס פליהען דורך די פענסטער
פלעדער־מייז אריין אין טעמפעל,
און ווי פראנק און פריי זיי פליהען,
פון א געטער־קאפ צום צווייטען,
ס׳יאגט זיי נישט אוועק!

און די זון זעהט יעדען מארגען
פלעדער־מייז, פארשמוצטע געטער,
און זי זעהט אויך, ווי עס קומען
און עס וואשען זיי די פריסטער,
און זיי פוצען, און זיי שוויצען,
ביז דער גאט ווערט ריין!

2.

טייער זענען דאך די געצען,
ווייל עס שטעקט אין זיי פארמעגען:
זילבער, גאלד און מייסטער־ארבייט —
נאר קיין לעבען נישט!

מאכט א קריג זיך: פרעמדע פעלקער
ווילען לאנד און פאלק באצווינגען;
װעלען שיצען זיי די געטער?
וועלען געבען הילף?

ניין! עס כאפען זיי די פריסטער
און אנטלויפען, און באהאלטען
זיך צוזאמען מיט די געצען
ערגעץ אין א הייל!

טרעפט, עס ברעכט ארויס א פייער
אינ׳ם טעמפעל און די פריסטער
רעטען איילינג זיך דאס לעבען,
און די געצען ברענען.

ווי א מענש פון שטרוי קאן היטען
פאר גנבים פעלד און שייער,
אזוי שיצען אויך די געצען
פעלקער, לענדער, שטעדט!

ווייל די געטער, כאטש זיי זענען
פון דעם ריינסטען גאלד געגאסען,
מיט די קליידער און די קרוינען —
ווייל די געטער, כאטש עס קניען
פאר זיי מאסען און געגעהנען
זיי קרבנות — ווייל די געטער
איז קיין קלענסטער ווארעם מקנא,
ווייל זיי לעבען נישט!

ווי פאר טויטע שטעלט מען פאר זיי
עסען, טרינקען, פעטע פליישען;
דאס בא׳גנב׳ענען די פריסטער
און פארקויפען, און די ווייבער —
זיי פארזאלצען און באהאלטען
אויף א שלעכטען טאג!—.

## פון ישעיהו.

פון אדום ווער קומט עס,
פון בצרה ווער געהט,
מעכטיג די טריט,
געראויטעלט דאס קלייד?

— איך דער פארגעלטער
און העלפער אין נויט!

— וואס איז דיין קלייד אזוי
פלאמענדיג רויט?
האסט דו געטראטען
וויין אין א קעלטער?

— געפארבט איז מיין קלייד
פון בלוטיגען וויין;
אין קעלטער געטרעטען
און — איינער אליין!

פול איז דער קעלטער,
און איך בין נאר איינער;
די פעלקער גערופען,
געקומען איז קיינער!

האב איך מיין ארעם
צו הילף מיר פארבעטען,
מיין גרימיגען צארן, —
און פעלקער געטרעטען.

ווי טרויבען אין קעלטער,
איך איינער אליין!

און ס'טריפען די קליידער
מיט בלוטיגען וויין!

# אקדמות.

איך טו די לעפּצען אויף!
בעפאר דאס ווארט איך שפּרייט,
בעט איך דערלויבעניש
פון אייער ליעבליכקייט!

פון באשעפער זינג איך
און זיין אלמעכטיגקייט!
אומענדליך איז זיין מאכט,
ווער שפּעט זי אויס מיט רייד?

ווען אלע הימלען — פּארמעט!
און ווייט ארום און ברייט —
אלע וועלדער — פעדערס,
שרייבער—קינד און קייט, —

נאר קיין גאנצער שטראל
פון גלאנץ און אייביגקייט!
ער האט די וועלט באשאפען
אהן מיה און מידיגקייט,

נאר איינציג מיט זיין ווארט
די הימלען אויסגעשפּרייט,
און די ערד באפעסט, —
אין טעג אין זעקס,—די צייט!

און האט זיך איינגעהילט
אין זיין הערליכקייט,
געזעצט זיך אויף זיין טראן,
און דאס ליכט,—זיין קלייד!

און טויזענטער, טויזענטער שאַרען
פאַרצוקט אין לויטערקייט,
אין רעגען־בויגען־פאַרביק־
שטילער זעליגקייט.

קוקען אויס זיין וואונק,
צום ערפילען גרייט,
מיט דער דונער־מאַכט,
בליצען־שנעליגקייט!

און אַלע זינגען שירה,
יעדער אין זיין צייט!
כרובים און גלגלים
ריישען אין פאַרבייט!

און אַלע נאָך נייע שאַרען
כאָרען און באַגלייט.
ווער עס קומט—געבוקט:
די פליגעל—אויסגעשפרייט!
אויף יעדער צונג די לויב:
„אויף אייביג־אייבינקייט!

„זיי, דו האר, געלויבט!
„און דיין צושפרייט
„פון אומענדליכקייט,
„ביז אומענדליכקייט!"

און אפגעלעבט — פאַרביי!
ס'קומט נישט צוריק די צייט!
יעדען מאָרגען־פריה —
שאַר און כאָר באַנייט;

אומענדליך איז די צאָהל
פון כאָרען און באַגלייט!

און אויפ'ן פאלק ישראל
ווערט געקוקט מיט נייה!

עס איז פון האר אליין
געוועהלט צו דעם באשייד!
זיננט עס פריה און שפעט,
לויבט צו יעדער צייט!

מעג אויף אלע וועלטען
זיין זיין לויב צושפרייט,
און איבער אלע ימים
זיין געזאנג צווייהט!

זיי זוכען, זיי צו זאמלען,
ווי א מלך גרייט!
זאמעלט ער די תפלות
מיט גרויסער צערטליכקייט. —

פלעכט ער פון זיי קרוינען...
אויף יעדער קרוין באשייד:
„גליק און הייל דער אומה,
וואס דינט דער איינציגקייט!"

דעם באשעפערס קאפ
איז לויטער הערליכקייט,
מיט די קרוינען קרוינט ער,
פארצוקט מיט ליכטיגקייט!

וואס איז „וואויל" און „הייל"?
פון ל ו י ז אצינד באשייד!
פירשטען שטעהען אויף,
שפעטען יעדער צייט!

מלאכים שטעהען אויף,
אויסצושפּעטען גרייט!
ווי די וואַסער־אינדען,
ריהמען זיי פאַרשייט:

„ווער איז דיין געליעבטער
„דיין הארציג פּיין און לייד?
„ווער איז דיין געטרויטער,
„קינדיג, שטאָלצע מייד!

„צו וואָס אזוי פארטרויערט
„דיין גאַנצע לעבענס־צייט?
„קום צו אונז און טייל
„גלאַנץ און לוסטיגקייט!“

קעניגען און פירשטען,
הערט מיין קורץ באשייד!
אייער שטאָלץ און גלאַנץ —
לויטער נישטיגקייט!

דער טאָג פון הויכען לוין —
געזאַמעלט, וואָס צושפּרייט!
און עס קומט דער טאָג
פון לויטער זעליגקייט!

ציון — אויפגעבויט
זיין קעניגרייך — באַנייט!
אין דעם הימעלס פּראַכט,
געטליך לויטערקייט!

נעבלען — ריין קריסטאַל,
ווי חופּות אויפגעשפּרייט!
און פון באַלזאַם־טייכען
ווערט דער דופט צושפּרייט!

און אין גינגאָלדענע קרוינען,
און טראָגען זענען גרייט!
פאַר צדיקים׳ס קעפּ!
לוין — פאַר עהרליכקייט!

שטראַלען זייערע פּנים׳ער —
שטערען אין הימעל צושפּרייט;
באַווייזט זיך כביכול
אין הערליך־הערליכקייט!

— „דאָס איז ער, דער געליעבטער,
„געקומען איז די צייט:
„און ער וועט מיך פיהרען
„אין גלאַנץ פון אייביגקייט!"

צינדערט הויבט זיך אָן
צאָרניג און פאַרשייט
אין דעם שור־הבר
דער לויתן־שטרייט!

אייזערנע פלאַסען,
שלונד — ווייט און ברייט!
ווי צו אַפּגרונט אָפען,
א וועלט צו שלינגען גרייט!

און יענער—הערנער־שטאָל!
שפּיציג און געדרעהט!
אומצוהויער צוויי,
אויף טויט און לעבען גרייט!

דער גוג ומגוג שפּיל...
ווי ענדיגט זיך דער שטרייט?
דער שפּאַפּער ציהט זיין ברעם,
צוקט די שווערד פון שייד!

ווי פון בליץ געטראָפען,
  ביידע אויסגעשפּרייט!
און — מעדני מלך
  פאַר צדיקים גרייט!

אויף טישען פון גאָרפינקעל
  און יאַספּים געשפּרייט!
עס פּערעלט זיך אין בעכער
  אין זיין קלאָריגקייט

דער וויין און טרויב, געהיט
  פון דער אָנהויב צייט!
אַלעם ווערט אַנטפּלעקט,
  אוים פאַרבאָרגענקייט!

בלייבט מיר נאָר צו ווינשען,
  אַ, גוטע פרומע לייט,
באַקומט אייער פּלאַץ
  ווען עס קומט די צייט.

אין דער ערשטער רייהע
  פון לויטער זעליגקייט!
ביי דעם טיש, נעדעקט
  פון ז י י ן נערעכטיגקייט!

און זעהט דאָס ליכט, דאָס ריינע,
  די זון — אַרוים פון שייד!
דאָס ווינש איך אייך פון האַרצען,
  דער האַר הערט מיינע רייד!

געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען
  און זיין גלאַנץ צושפּרייט
איבער אַלע וועלטען
  אין דער אייביגקייט!

# חד גדיא.

דער טאטע האט א ציגעלע
פון ערגעץ וואו געברענגט, —
פאר צוויי גילדוין א ציגעלע
די קינדערלעך געשענקט.
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

טאנצט ארום דאס ציגעלע
דאס ווייסינקע אין הויף.
איז א שווארצע קאץ פאראן,
כאפט זי און פרעסט עס אויף.
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

היט זיך, היט זיך, קעצעלע,
דער הונט איז אויפ׳ן פלאץ!
ער גיט א ביל, ער גיט א שפרונג, —
אז עק שוין פון דער קאץ!

אויסגעצויגען ליגט זי שוין
צוביסען און דערשטיקט,
די קאץ, די קאץ, די שווארצע קאץ,
וואס האט דאס ציגעלע פארצוקט!
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

קומט אַרויס דאָס שטעקעלע,
אַ שטעקעלע פון וואַלד,
וואַרפט זיך אויפ'ן הונט אַרויף,
וואַרפט זיך און צושפּאַלט

דעם הונט, דעם הונט, דאָס קעפּעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרצוקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

פליהט אַרויס פון ערגעץ וואו
און באַפאַלט דעם שטאָק,
אַ פייערל אַ רויטענקע,
צינגעלער אַ שאָק!

מיט צינגעלער, ווי שלענגעלער,
צישט עס און פאַרברענט
דאָס שטעקעלע, וואָס האָט דאָ ערשט
נעבראָכען ריק און לענד

און קאָפּ דעם הינטעלע,
וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט;
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פאַרצוקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

פליסט זיך אָן אַ וואַסערל,
דעם וואַסערל פאַרדריסט:
„וואָס ברענט אַזוי דאָס פייערל?"
נעמט עס שנעל, פאַרגיסט!

פארטיליגט שוין דאס פייערל,
וואס האט דעם שטאק פארלענדט,
ווייל ער האט דעם הינטעלע
געבראכען ריק און לענד

און קאפ דעם הינטעלע,
וואס האט די קאץ דערשטיקט, —
די קאץ, די קאץ, די שווארצע קאץ,
וואס האט דאס ציגעלע פארצוקט!
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

דאס דערזעהט אז עקסעלע,
צום וואסערל א שפרונג!
ווייל דער אקס זיך נוקם זיין,
צי גלאט, ער וויל א טרונק!

ווער פארשטעהט, וואס וואלגערט זיך
אין מוח'ל ביי א רינד?!
א שפרונג, א זופ און א לעק,
און דאס וואסערל פארשווינדט!

אוים דאס וואסערל, וואס האט
דאס פייערל פארלענדט —
דאס פייערל, וואס צארניג האט
דאס שטעקעלע פארברענט,

ווייל ער האט דעם קאפ געפלעט
דעם הונט, וואס האט דערשטיקט,
די קאץ, די קאץ, די שווארצע קאץ,
וואס האט דאס ציגעלע פארצוקט!
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין,
פאר צוויי גילדוין דאס ציגעלע.

באַווייזט זיך באַלד אַ שוחט׳ל,
געדעכט, צי נישט געדעכט,
כאַפּט אַרויס דאָס חלפֿ׳ל,
כאַפּט דעם אָקס און שעכט!

דעם אָקס, דעם אָקס, דעם גרויסן אָקס,
וואָס האָט דאָס וואַסערל פֿאַרלענדט,
ווייל פֿאַרלעשט דאָס פֿייערל,
וואָס האָט דאָס שטעקעלע פֿאַרברענט!

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פֿאַרצוקט!
פֿאַר צוויי גילדוין,
פֿאַר צוויי גילדוין,
פֿאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

האָט עס דער מלאך פֿון טויט דערזען,
מיט די טויזנט אויגן!
צושפּרייט ער באַלד די פֿליגל שוואַרץ,
קומט ער אָנגעפֿלויגן.

„אוי, וואָס האָסט דו, מענש, געטאָן?“
געוואָרט עס קוים איין אויגנבליק,
כאַפּט דעם שוחט ביים גרגרת,
כאַפּט דאָס מעסערל און — כיק!

ווייל ער האָט דעם אָקס געקוילעט,
וואָס האָט אַ וואַסערל פֿאַרלענדט,
ווייל עס האָט אַ פֿלאַם פֿאַרגאָסן,
וואָס האָט דאָס שטעקעלע פֿאַרברענט.

ווייל עס האָט דעם קאָפּ געשפּאָלטען
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פארצוקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

ווערט דער כביכול צאָרניג:
„נאָר געראַנגעלט און געפאַכטען!"
און האָט, אין זיין גערעכטיגקייט,
דעם טויט אליין אויף טויט געשאָכטען!

און, ווי אַלע טויטע טויט,
ליגט דער מלאך אויסגעשפּרייט,
וואָס האָט דאָס שוחט'ל געקוילעט,
ווייל ער האָט דעם אָקס געטויט,

וואָס האָט דאָס וואַסער אויסגעטרונקען,
וואָס האָט דאָס פייערל פארלענדט,
ווייל ער האָט מיט רויטע צינגלעך,
דעם הָאלצערנעם שטאָק פארברענט,

ווייל ער האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שווארצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציגעלע פארצוקט!
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין דאָס ציגעלע.

# דאָס ליעד דער ליעדער־שלמה׳ס.

(שיר השירים אשר לשלמה).

## פאָרוואָרט.

איז דאָס בוך ווירקליך שלמה׳ס?

„אשר לשלמה“ איז נאָך נישט שלמה׳ס, ווי „מזמור לדוד“ איז נאָך נישט „מזמורי של דוד“, נישט „מזמור־דוד“. עס קאָן זיין פון שלמה נאָר געזאַמעלט (ער איז דאָך דער „זאַמלער“־קהלת), זאָגאָר — נאָר איהם דערלאַנגט, איהם, צו זיין עהרען, געווידמעט. „אשר לשלמה“ וואָלט באַרעכטיגט אויך — וועגען איהם און זיינע ליעבשאַפטען געזונגען, — און גראָד האָבען מיר פאַר זיך ליעדער פון וויינהויז...

וועל׳ מיר לאָזען די פראַגע אָפען פאַר די ווייטערע פאָרשער; דאָס ביז אהער געשריבענע איז נישט איבערציינגענד, — ווענינסטענס פאַר׳ן איבערזעצער.

ווי עס זאָל נישט זיין, דאָס בוך — אַ זאַמלונג פון שעפער־טאַנץ־וויין־ און האָכצייטס־ליעדער, — וואַרפט אַ רעטראָספעקטי־ווע פלאַם אויף אַן אַלט־העברעאישען ווינקעל, פון אַ גאַנץ אומבאַ־קאַנטען לעבען, וואָס באַווייזט זיך ערשט, ווען מען נעמט אַראָפּ דער־פון דעם שלייער פון רעליגיעזער סימבאָליק: עס בלאַנקט אויף אַ נאַטור, נישט אין „ברכי־נפשי“־סטיל געשילדערט; זי רעדט צו אונז אויסשליסליך פון—ליעבע! פון דער ליעבע, וואָס וועקט זיך צוזאַמען מיט דער נאַטור. און באַזונגען ווערט מיט ליעבשאַפט דער פרויען־לייב, דער גאַנץ אָדער האַלב־נאַקעטער, אָדער נאָר, ווי

ביי דער טענצעריז שולמית, — מיט א רויזעז־שנור ארום די לענ־דעז געגורט. דער פרויעז, ווי אויך דער מענער־לייב, אריענטאליש „געריינינגט" (פארגלייך מיט דער יונג־פרויעז ריינינגונג איז מגלת אסתר), פערפיומירט מיט היימישע און פון הענדלער, טענדלער אימפארטירטע איילעז. — וויין, ווייב, טאנץ און געזאנג...

די געגענד: ביי בעל המוז, וואו שלמה האט זיינע וויינגערט־נער און זיין ווינהויז, וואו די ג ע מ י ש ט ע יוגענד זאמעלט זיך, קוים „ווייכעז די שאטעז, וואס לעגעז זיך אויף דער זוז, און עס קיהלט זיך דער טאג".

אויסער שעפער־ליעדער, דעם שולמית־טאנץ און זיין רעזול־טאט — די שולמית־ליעבע, געהט דורך, אלס א גאנצע פאבולא, די ליעבשאפט צווישעז שלמה און א וויינבערג־היטעריז, וועלכע ער באגעגענט, פיהרט איז וויין־הויז אריין, פלאנצט איבער איהר זיין ליעבעס־פאהז און זי ערקלערט זיך איהם איז ליעבע.

עס ווערט „געשמויסט" — „סיעסטא" געפיהרט איז וויין־הויז, אויך איז דעם פרייעז, אויף פריש־גרינע לאגער... וואס איז, גלייך אונזערעז טיי, די אויפנאמע. דער קעניג בלייבט א ווייל־ע מיט זיין באגלייט, זי מאכט איהר „ריינינגונג", פערפיומירט זיך און קומעז זיך צוזאמעז ביים וויין.

דער ווינטער צושיידט. דער פריהלינג קומט, מיט איהם וועקט זיך די ליעבע אויפ'ס ניי, ער רופט זי אראפ פון דער פעלזעז־הויך, וואס זי וואוינט איבער די וויינבערג — די ליעבשאפט געהט אויפ'ס ניי.

צו־הויז בענקט זי נאך איהם. טרוימט וועגעז זיין קומעז. עס געשיהט. ער ווערבט וועגעז איהר ביי די ברידער. זיי צווייפלעז אבער וועגעז איהר רייפקייט און יונגפרוילכקייט. זיי האבעז זי דאך איז צארז פאר א היטעריז צום וויינבערג געשטעלט, אויס'ן אויג נעלאזט. זי פארזיכערט, אז זי איז רייף און יונגפרוילד. זי

באַגליקט איהם! זי זאָגט זיך אָפּ פון כלה־גאַב, נאָר „צוויי הונ־דערט" פאַר די ברידער אויסקויף־געלט.

דאָס ווערט געזונגען פון אַן אַלט־העברעאישער „געישא" אין וויין־הויז; זעהט אויס — אין שלמה׳ס געגענוואַרט. קאַמעראַדען הערען צו. ער פאַרלאַנגט אין זיין און זייער נאָמען — נאָך; זי געזעגענט זיך אָפּ, דער הייסער טאָג קומט —

„ברח דודי..."

## באַמערקונגען:

1) לויט דעם טעקסט רעדט „זי" צו איהם אין דער דריטער פּערזאָן און געהט באַלד אריבער, ערמוטיגט, צו דער צווייטער.

2) דער פערזמאָס פון דער איבערזעצונג איז אונטערגעוואָרפען דעם אינהאַלט, צוליעב דעקלאַמאַציאָן.

3) וואָס אָנבאַלאַנגט פאַרגלייכונגען מיט „ראָס" (פערד) און רייט־וואָגען, מוז מען זיך פאַרזעצען אין דעם פּרימיטיווען אָריענט, ווען דער רייטוואָגען איז געווען דאָס נייעסטע און דאָס שענסטע, צו דער צייט פון איין: „אבי, אבי, רכב ישראל ופרשיו".

1.

זאל ער קושען מיך,
קושען מיט זיין מויל, — 1)
דען דיין פריינדליכקייט
ליעבער שמעקט אלס וויין.

צום גערוך ווי פיין
דיינע אוילען זענען; 2)
און דיין נאמען שוין 3)
איז א תורק אויל!

די יונג־פרויען אלע
ליעבען דיך דארום!

א, ציה מיך ציה,
מיר לויפען דיר נאך;
ברענגט דער קעניג מיך
אין זיינע קאמערן! 4)
וועל'מיר לוסטיג זיין
פרעהען זיך מיט דיר!

און דערמאנען וועל'מיר, 5)
נישט אזוי דעם וויין,

1) אין טעקסט: פון די קושען (מנשיקות). ביי פאליגאמיע איז די פרוי אהן רעכט אויפ'ן גאנצען מאן, אויף זיין גאנצער צערטליכקייט.

2) די הויפט־זאך אין הייסען אריענט, ביים קנאפ־געקליידטען לייב.

3) דיין לויב, דיין רוהם.

4) אין וויין־הויז.

5) געדענקען. דאנקבאר דערמאנען.

ווי דיין פריינדליכקייט!
ווי טריי מיר ליעבען דיך!

---

— שווארץ בין איך דאך שוין,
ירושלים'ס טעכטער, —
ווי די קדר־צעלטען,
ווי די פארהענגג שלמה'ס!
נישט קוקט, וואס ברוין איך בין,
מיך האט די זון געברוינט!
ס'האבען מיינע ברידער מיר,
מיינער מוטער־זיהן 1) געצירנט,
און צום וויינבערג מיך
אלס היטערין געשטעלט, —
האב איך דעם וויינבערג־מיין
נישט געהיט!

2. (2

— אך, זאג מיר דו,
וואס מיין זעלע ליעבט,
וואו פיטערסט דו,
וואו לאגערסט דו —
צו מיטאג־צייט?
נאך וואס אויסזעהן זאל ביי לייט,
אז איך לויף 3) די הערדען נאך
פון דיינע קאמעראדען?
— ווייסט עס נישט,
דו שענסטע פרוי?
געה נאך די טריט

---

1) אין פאליגאמישען מוטער־הויז הערשען די ברידער.
2) שעפער־ליעד, דועט.
3) „עטה" — עטה אל השלל, יאגען, לויפען נאך וואס.

פון שעפעלער. —
און פיטער דיינע ציקעלער
ביי די שעפער־צעלטען.

---

צו דעם ראם אין פרעה'ס וואגען
גלייך איך איך, א, ליעבסטע מיין! 1)
אך, ווי שעהן עס זענען דיינע
באקען אין די קייטעלער
און דיין האלז אין שנירען!

גאלדענע קייטעלער מאכען מיר דיר,
מיט זילבערנע פליטערלער!

3.

עס ווילט דער קעניג נאך
מיט זיין באגלייט 2)
און מיין נארד
האט אויפגעדופט!

א בינטעל־מירא
איז ער, מיין געליעבטער, מיר, —
צווישען מיינע בריסטען רוהט ער —
א באלזאם־שטענגעל איבער מיר,
פון עין־גדי'ס גארטען...

— שעהן ביסטו, געליעבטע מיין, 3)
שעהן!
אויגען — טויבען גלייך!

---

1) רעית — שעפערין, פריינדין, געליעבטע.
2) אפוואַרטענדיג איהר פערפיומירונג.
3) געזאַנג ביים וויין — שעפער־ליעד.

— שעהן ביסטו, געליעבטער מיין
און זים!
און פריש און גרין
איז אונזער בעט! 1)
אונזערע הייזער
פון צעדער געבאַלקט, 2)
די גאַלעריע — ציפּרעסען!

4.

— איך בין די ליליע פון שרון,
איך בין די רויז פון טאַל!

— וואס די רויז איז צווישען דערנער —
מיין געליעבטע צווישען פרויען!

— וואס דער עפּעל־בוים אין וואלד — איז
מיין געליעבטער צווישען מענער!

גלוסט זיך רוהען אין זיין שאַטען,
שמעקען זים די פרוכטען־זיין 3)

---

האַט צום וויינהויז מיין געליעבטער
מיך געפיהרט!
און איבער מיר אויפגעפלאַנצט
זיין ליעבעס־פאַהן! 4)

---

1) זיך־בעט ביים טרינקען. (ביי אחשורוש — מטות זהב וכסף).
2) אין פרייען — אין שאַטען פון צעדערען.
3) ער — דער בוים; די פּרוכט — זיינע ליעבקאָזונגען.
4) וואהל־סימבאָל, לעבט זיך איבער אין האַרעם אין איינפאַכערער פאָרם: עס ווערט צוגעוואָרפען דאָס טוך אליין.

א, קרעפּטיגט מיך מיט טרויבען־זאַפט!
און מיט עפּעל לעהנט מיך אונטער!
איך בין ליעבעס קראַנק!

אונטער מיין קאָפּ
זיין לינקע האַנט
און זיין רעכטע
האַלזט אַרום...

איך באַשוועהר אייך,
א, ירושלים'ער טעכטער,
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד —
וועקט די ליעבע נישט!
וועקט זי נישט,
ביז זי בליהט נישט אויף אַליין!

5.

אַ, די שטים!
מיין געליעבטער קומט!
שפּרינגט שוין איבער די בערג,
היפּט שוין איבער היגעל, —
דעם רעה,
דעם יונגען הירש צוגלייך!
אַט שטעהט ער שוין הינטער דער וואַנט!
דורך די פענסטער קוקט ער,
דורך די גראַטען בליקט ער!
רופט זיך מיין געליעבטער אָן,
זאָגט צו מיר:
שטעה, מיין געליעבטע, אויף!

לאז דיך געהען! 1)
דען דער ווינטער איז פארביי,
געוויכען איז די רעגען־צייט,
שפראצען האבען זיך באוויזען
איבער דער ערד!

און די צייט איז געקומען
פאר געזאנג! —
עס לאזט די טורקעל־טויב זיך הערען
אין אונזער לאנד!

דער פייגענבוים,
ער טרייבט די קנאספען!
דער ווינשטאק גרינט,
און לאזט זיין דופט, —

א, שטעה אויף, געליעבטע, און געה,
שעהנע פריינדין, לאז זיך געהען!

א, טויב דו־מיין
אין פעלזען־שפאלט,
אין פארבארגענהייט פון שטאפעל, —
א, באוויז מיר דיין געשטאלט,
און מיך לאז דיין שטימע הערען!

6.

דען דיין שטים איז אנגענעהם;
הערליך — דיין געשטאלט!
אויף מיין געלעגער,
אין די נעכט,

1) איבער די גערטנער.

זוך איך דעם,
וואס מיין זעלע ליעבט. —
זוך איך איהם; געפין איהם נישט!

וועל איך אויפשטעהען,
געהן אין שטאדט,
אויף מארק און גאס זוכען דעם,
וואס מיין זעלע ליעבט, —
זוך איך און געפין איהם נישט!

באגעגענען די היטער מיך,
די, וואס קרייזלען אין דער שטאדט,
— האט איהר, פיל־ייכט, געזעהן דעם,
וואס מיין זעלע ליעבט?
קוים פארביי, טרעף איך איהם,
ד ע ם, וואס מיין זעלע ליעבט!
כאפ איך איהם
און לאז נישט אפ!

פיהר איך איהם
צום מוטער־הויז,

אין מוטער־צימער
ברענג איך איהם! 1)
באשווער איך אייך,
ירושלים'ס טעכטער!
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד!
וועקט זי נישט, 2)
וועקט די ליעבע נישט,
ביז זי בליהט נישט אויף אליין! 3)

1) טרוימעריי.
2) מיט ליעדער, געשפרעכען. רעד נישט!
3) ליעדער־רעפריין.

(1 .7

אך, ווער שטייגט
פון וויסטעניי
אין די רויכיגע זיילען,
מיט מירא און ווייראויך געדעמפפט,
און אלע טענדלער־פולווערס ? !

— — — — — — — — — — — — — —

אט דאס איז שלמה׳ס בעט,
זעכציג העלדען — ארום,
פון די שטארקסטע אין ישראל !

אלע זענען שווערט־געגורט,
אלע זענען שטרייט באהאוועגט !
מענער — שווערטער ביי די לענדען
פאר די שרעקען פון דער נאכט !

און א זענפט האט קעניג שלמה
זיך געמאכט פון צעדער־האלץ !
און די זיילען מאכט ער — זילבער,
און די אנלעהן 2) גאלד־געטריבען !
און פון פורפור איז דער זיץ,
מיט דער ליעבע אויסגעבעט
פון ירושלים׳ס טעכטער !

קומט ארויס, ציון׳ס טעכטער,
קומט, דעם קעניג שלמה זעהט,
אין דער קרוין, מיט וואס די מוטער

1) ברוך־שטיקער פון שלמה׳ס א האכצייט ליעד, כלה־עמפפאנג, קאמערן־שוי, — שלמה פון דער מוטער, לויט צייט־געברויך, אלס חתן געקרוינט.

2) „רפד“ — אונטערלעהנען.

האט צום האכצייטס־טאג געקרוינט איהם,
צום טאג פון זיין הארצענס־פרייד!

8.

שעהן ביסטו, פריינדין־מיין,
שעהן!
דיינע אויגען דורכ'ן שלייער —
טויבען גלייך!

און די האר —
די געמזען־הערד
פון דעם גלעד־בערג געגליטשט!

און די ציין —
לעמער ווייסע רייהען צוויי,
אקארשט פון דער וואש ארויס,
גאנצע, אהן א פעהל!

און די ליפען — פורפור־פעדים!
דיין רעדענס־ארט, ווי אנגענעהם!
די שלייף, וואס קוקט
פון אונטער דער הויב —
א גראנאטען־שניט!

דער האלז, דער רייגער דוד־טורעם,
שטאלץ געהויכט, און באהאנגען —
טויזענט שילדען!
גאנצע טויזענט קריגער־שילדען!

די ברוסטען־פאר — א רעהען־פאר —
א יונגער הירשען־צווילינג־פאר,
וואס פיטערט זיך אין רויזען!

9. (1

ביז עם קיהלט נישט אפ דער טאג
און די שאטען ווייכען,
געה איך מיר צום מירא־בערג,
צו די ווייראויך היגעל!
אך, דו ביסט אינגאנצען שעהן,
פריינדין מיין,
און אהן א פעהל!

10. (2

מיט מיר,
מיט מיר פון לבנון, כלה,
מיט מיר פון לבנון קומסט דו!

קוקסט פון אמנה־הויך,
פון דעם שניר־ און חרמון־שפיץ!
פון דער לייבען־היים,
פון די טיגער־בערג!

---

האסט באהארצט מיך,
שוועסטער כלה,
מיט איין אויג פון דיינע אויגען,
פון דיין האלזבאנד מיט א שנירעל:

---

און ווי שעהן דיין ליעבשאפט איז,
שוועסטער כלה!
ווי שמעקענדיגער פאר'ן וויין

---

1) אפשוידם־ליעד.
2) כלה־גאנג. אויפנאמע.

דיין ליעבשאפט איז!
און דיינע אוילען —
שטייגען אלע אוילען איבער!
זיסקייט טראָפען
דיינע ליפען, כלה!
האָניג און מילך איז אונטער דיין צונג!
און דער דופט פון דיינע קליידער —
דער לבנון דופט!
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און א גאָרטען, א געשלאָסענער
איז מיין שוועסטער־כלה!
א קוואַל א פארשלאָסענער,
א ברונען א פארזיגעלטער!

די אָרעם זיין — דער פּאראַדיז!
גראַנאטען און די זיסטע פרוכט!
ציפּער־בליט און נאָרד!

נאָרד, און קראָקוס, און די קאַנאַ,
שאַפראַן, ווייררויך און אלאָע,
מירטען און די אלע פיינסטע
פון געווירצען!

א גאָרטען־קוואַל ביסטו מיר,
א קוועלענדיגער וואסער־ברונען 1)
פון לבנון אַנגעפלאָסען!

(די כלה:)

— וועק דיך, נאָרד,
פליה אָן, זיד! 2)

1) וואַסער־האַלטער, רעזערוואואַר.
2) נאָרד־ און זיד־ווינט.

בלאזט מיין גערטעל אויף, —
זאלען פליסען זיינע ג׳ווירצען, —
און זאל מיין געליעבטער קומען
צו זיין גערטעל און זיך לאבען
מיט זיין פרוכט!

---

כ׳בין געוועזען, שוועסטער כלה,
אין מיין גערטעל!
און מיין מירא דארט געקליבען
און די דופטיגע געווירצען!
און געלאבט זיך מיט מיין האניג,
און מיין זיסען וויין געטרונקען!

---

עסט, קאמעראדען,
טרינקט, בארוישט אייך,
ליעבע פריינד!

(1 11.

שלומער איך,
מיין הארץ איז וואך, —
א שטים!
מיין געליעבטער קלאפט!

— עפען מיר,
שוועסטער ליעבע,
זיסע טויב!
דען מיין קאפ איז פול מיט טוי,
און די לאקען —
מיט די טראפען פון דער נאכט!

---

1) ראמאנצע. אן אנדערע באארבייטונג פון מאטיוו 6.

— איך האב מיין קלייד שוין אויסגעטאָן,
ווי זאָל איך אנטון עס?
ריין געוואשען מיר די פיס,
ווי באשמוץ איך זיי?

דורך די גראטען שטעקט מיין ליעבער
אוים זיין האנט, —
ברומט צו איהם מיין איינגעווייד!

שטעה איך אויף און עפען איהם!
מירא טריפען מיינע הענט,
פון די פינגער טריפט מיר מירא
אויף די קעפּלעך פון די ריגעל.

---

כ'האב געעפענט מיין געליעבטען, —
אוועקגעשליכען און פארשוואונדען, —
מיין געליעבטער!
און מיין זעל איז דאך פארגאנגען
ביי זיין שטים!

זוך איך איהם, געפין איהם נישט!
רוף איך איהם, ער ענטפערט נישט!

באגעגענען די וועכטער מיך,
די וואס קרייזלען אין די גאסען!
שלאָגען מיך, ביילען מיך!
רויבען מיר דעם שלייער צו,
די היטער פון די מויערען!

---

באשווער איך אייך
ירושלים'ס טעכטער!
טרעפט איהר איהם,

דעם געליעבטען מיין,
וואס זאגט איהר איהם ? 1)
— איך בין ליעבעס־קראנק !

---

— וואס איז דיין פריינד
צווישען פריינד,
דו, שענסטע פרוי,
וואס באשווערסט דו
אונז אזוי ?

— לויטער איז, מיין פריינד, און ראז,
אונטער טויזענטער די פאהן ! 2)
לויטער גינגאלד איז זיין קאפ,
און די לאקען — ראבען שווארצע !

די אויגען־זיין —
טויבען ביי די וואסער־קוואלען, —
פולע, באדען זיך אין מילך !

און די באקען — ווייראויך בייטען,
דופטענדיגע ווייראויך־היגעל,
און די ליפען, ווי די רויזען ;
מירא פליסען זיינע ליפען !

זיינע הענט — גאלדען וואלצען,
מיט טאפאזען אויסגעפילט !
די שטאטור — אן עלפענביין,
מיט סאפירען אויסגעדעקט !
און די שענקעל — מארמאר־זיילען,
אויף גינגאלדענעם געשטעל !

---

1) (זאגט איהם:)
2) דער העכסטער, שענסטער.

די געשטאַלט פון אַ לבנון,
און די וואוקס איז פון אַ צעדער!
און זיין גומען — זיסיגקייטען
און אַ גליסטונג ער אינגאַנצען!

---

אַ דאַס איז מיין פריינד,
דאַס איז ער,
מיין געליעבטער,
אַ, איהר טעכטער ירושלים׳ס!

---

— און וואו איז דיין פריינד געגאַנגען,
שענסטע צווישען פרויען?
וואו האָט זיך געווענדט דיין פריינד, —
זוכען וועל׳מיר איהם מיט דיר!

— צו זיין גערטעל האָט געניטערט,
דער געליעבטער־מיין,
צו די ווייררויך בייטען, —
ווײדען וועט ער אין די גערטען,
און זיך קלייבען וועט ער רויזען.
איך בין מיין פריינדס,
מיין פריינד איז מיין, —
דער, וואָס פיטערט צווישען רויזען. 1)

## 12.

שעהן ביסט דו,
פריינדין מיינע,
תרצה־גלייך!

---

1) רעפריין.

ווי ירושלים ליעבליך,
און אפשרעקיג 1) ווי באפאהנטע ! 2)

ווענד אפ פון מיר די אויגען דיין,
זיי איבערוועלטיגען מיך !
אך, די האר — די געמזען הערד,
וואס גליטשט אראפ פון גלעד־בערג !

און די ציין, די לעמער־הערד,
אקארשט ערשט פון וואש ארויס,
ווי צוגעפאסט און אהן א פעהל !
און פון אונטער דער הויב די שלייף —
א גראנאטען־שניט !

13. (3

זעכציג זענ'ן די קיניגינס,
די קעבס־ווייבער — אכציג !
יונגפרויען — אהן א צאהל !

איינע נאר מיין ציכט'גע טויב,
איינע ביי איהר מוטער אויך,
ביי איהר געבערערין — א קלארע !

די יונגפרויען זעהען
און לויבען זי !
די קיניגינס, ביישלעפערינס
באוואונדערען :

2) נישט צוגענגליך, נישט צוטריטליך, שטאלץ, אפוויזענדיג.
3) פלעצער, באנער־פלעצער, וואו צוגעהן איז נישט ערלויבט.
4) צווישען דער און דער שפעטערער סטראף וואלט געפאסט די ערשטע פון זיבען.

— ווער איז די,
וואס שטראלט, ווי מארגענגלאנץ,
און איז ליעבליך, ווי דער מאנד,
און איז לויטער, ווי די זון?

14.

צום ניסען־גערטעל נידער איך,

איך וויל דאס גרינס אין טאל באזעהן!
צי האט דער וויינשטאק אויפגעבליהט
און די מילגרוים קנאספּט?

ווייס איך דען,
וואס מיין זעלע מאכט פון מיר,
ווי די וואגענס עמינדיב'ס! 1)

15. 2)

קער זיך אום,
ווענד זיך אום,
א, שולמית! 3)

קער דיך, ווענד דיך,
לאז דיך זעהן!

— וואס זעהט איהר דען,
וואס געפעלט אייך אין שולמית,
ווען זי געהט דעם קריגער־טאנץ? 4)

---

1) אזוי לייכט און באוועגט.
1) נישט צוגענגליך, נישט צוטריטליך, שטאלץ, אפּווייזענדיג.
2) פּלעצער, באנער־פּלעצער, וואו צוגעהן איז נישט ערלויבט.
3) צווישען דער און דער שפּעטערער כטראף וואלט געפּאסט ...

— ווי שעהן עס זענען דיינע טריט,
נדיב'ס טאכטער 1) אין די שיך!

די רונדען פון די היפטען־ביין —
רינגען פון א מייסטער־האנט!
און דער נאפעל גלייך דעם בעקען
פון מאנד, דעם פולען, אהן א פעהל!
און דער לייב — א ווייצען־גארב!
מיט דער רויזען־שנור גענורט!

די בריסטען־דיין, א רעהען פאר,
א יונגער הירשען־צווילינג פאר!
און די אויגען, ווי די קוואלען
וואס ביי חשבון! —
ביי דעם טויער פון בת־רבים!
די נאז — דער טורעם פון לבנון,
דער, וואס אויף דמשק קוקט!

און א כרמל־בארג דער קאפ,
די פריזור אין פורפור בענדער —
א קעניג,
אין רעגאליען געשנירט!

---

אך, ווי שעהן,
ווי זיס דו ביסט,
די פאראייניגונג
פון ליעבשאפט און גענוס! 2)

דיין געשטאלט — דער פאלמען־בוים,
און די בריסטען — טרויבען־גינטער!
גליסט מיך שטייגען אויף מיין פאלמע,

1) מעגליך: פירסטען־טאכטער.
2) קונסט גענוס!

זאלען מיר דיינע בריסטען זיין,
ווי די טרויבען־שטראנגען!
דיין אטעם־דופט — עפעל־דופט!

(שולמית:)

איך געהער מיין פריינד,
און איך בין זיין באגעהר!

א, קום, פריינד,
לאמיר געהען אין פעלד אריין!
נאכטען אין דערפער!

און זיך פעדערען באגינען
צו די וויינבערג.
זעהען, צי דער וויינשטאק בליהט,
און דאס גרינס האט אויפגעשפראצט
און עס קנאספען די גראנאטען, —

דארט גיב איך מיין
ליעבשאפט דיר!

---

אויפגעדופט דער ליעבעם־עפעל 1)
אויף אלע טירען — זיסע פרוכטען,
אלט און ניי; פאר דיר מיין פריינד
אויפבאוואהרט!

### 2) 16.

וואלט מיר דיך ווער
פאר א ברודער געמאכט,

---

1) דודאים — מזל'דיג צו ליעבע, ווי אויך צו קינדער, ווי וויימער.

2) וונגפרויליכע בענקשאפט, טרוימען, גלוסטונגען.

וואס געזויגען האט
פון מיין מוטערס ברוסט!

און באגעגען איך דיך אין גאס,
קוש איך דיך, —
מען שענדט מיך נישט!

פיהר איך דיך,
ברענג איך דיך
אין מיין (מוטערס) הויז,
לערענט די מוטער מיך,
ווי צו לאבען דיך
מיט ווייץ געקאכטען,
מיט מיין מילגרוים־זאפט!

---

און אונטער מיין קאפ
איז זיין לינקע האנט, —
מיט זיין רעכטער האנט
האלזט ער מיך ארום!

איך באשווער אייך,
ירושלים׳ס טעכטער,
וועקט זי נישט,
וועקט די ליעבע נישט,
ביז זי בליהט נישט
אויף אליין!

אך, ווער שטייגט עס
אויף פון מדבר

און זי שמיגט זיך
צו איהר ליעבסטען?

„אונטער'ן עפּעל האָב איך דיך געוועקט,
וואו דיין מוטער האָט אין וועהען
דיך געהאָט"...

נעם מיך צו דיין הארצען צו,
ווי א זיגעל!
ווי א זיגעל צו דיין אָרעם דריק!
דען שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליעבע!
ווי דער אַפּגרונט איז איהר אייפער!

וואסערען פיעל
ווע‏לען די ליעבע נישט פאַרגיסען,
טייכען נישט פאַרפלייצען!

און זאָל א מאַן
זיין גאַנץ פאַרמעג פון הויז
פאַר ליעבע ביטען, —
מען לאַכט איהם אויס!

17. (1

„אַ שוועסטער א קליינע האָבען מיר
און קיין בריסטען האָט זי נישט! (2
וואס טו'מיר מיט דער שוועסטער, דאַן
ווען עס וועט פון איהר גערעדט? (3

1) שפּאַסיגער ווערבונגס-ליעד.
2) דאָס טראַכטען איהרע ברידער, וואָס צירנען איהר.
3) מען וועט פאַרלאַנגען זי.

איז זי א מויער 1), בוי' מיר אויף איהר
פון זילבער א טורעם! 2) —
אויב א טיר — אן אפענע 3)
פארקלאפ'מיר זי
מיט א צעדער־טאוועל! 4)

— איך בין א מויער,
בריסטען האב איך,
ווי די טורמען!

זעה איך אין זיינע אויגען אויס
ווי די שטיפעריו פון פרידען! 5)

---

א וויינבערג איז בעל המון האט
שלמה געהאט!
דעם וויינבערג־היטער אפגעגעבען!
ברענגט איהם יעדער פאר זיין פרוכט
טויזענט זילבער־שטיק!

דער וויינבערג מיין איז מיר פריי!
און די טויזענט, שלמה — דיין!
הונדערטער צוויי —
פאר די היטער פון זיין פרוכט! 6)

---

1) גאנץ — נאך יונג־פרוי, די „וויינבערג היטערין".
2) כלה־שמוק אויפ'ן קאפ, ווי די קרוין חתן־שמוק.
3) „דלת" — די טיר־עפענונג.
4) שליסען מיר זי אפ. פיליכט אויך ווירקליכער געברויך אין אזא פאל, אלס שאנד־סימבאל.
5) גליק־אנזאגענדיגע.
6) פאראבאל. זי זאגט זיך אפ פון איהר כלה־אפצאהל, נאר צוויי הונדערט פאר די ברידער, אויסקויף־געלט.

(1 18.

— אַ, דו, וואס איז די גערטנער זינגסט,
קאמעראדעז הערען זיך צו,
לאז דיך הערען!

— אנטלויף, פריינד!
זיי די רעה,
דער יונגער הירש
איבער די ווייראויך־בערג!

---

1) עפּילאָג.

# אינהאַלט:

פּאַרוואָרט פון דוד פּינסקי — III—XX

---

## ראַמאַנצעראָ.

1. אויף דיין באַלקאָן — 3
2. עס שיינט די לבנה, עס בלאַנקען די שטערען... — 3
3. וואו ס'וועט מיין מזל... — 4
4. שוואַרצע פליגעל — שוואַרצע קראָהען — 4
5. כ'האָב מיך אויפ'ן בעט געוואָרפען... — 4
6. עס מאַכט צו מיר די לבנה פון הימעל — 5
7. א גאַנצע נאַכט האָב איך... — 5
8. א טרער — 6
9. טיילמאָל דאַכט זיך מיר — 6
10. אין דער שטילער נאַכט — 6
11. טרויריג פרעגען מיינע ליעדער — 7
12. האָסט געצילט און האָסט געטראָפען — 7
13. צווישען בלומען — 8
14. פאַרגעסען און פאַרשטויבט — 8
15. שטאָלץ געהט אויף די זון — 9
16. עס בליהט דער בוים גינגאָלדען — 10
17. ס'מזל שטעלט מיר אוים א רעטזעל — 10
18. טרויער דריקט אויף מיין נשמה — 11
19. אוי, מיין לעבען הענגט — 11
20. צי כ'האָב דיך ליעב? — 11
21. געליעבטער, טייערער חתן — 12
22. די אויגען זענען טרוקען — 12
23. אוי, טאָכטערל, אוי, טאָכטער קרוין — 13
24. מאַמעניו, ליובעניו, האַרצעניו קרוין — 13
25. געבליהט האָב'מיר ביידע אמאָל — 14
26. כ'האָב אויסגערייזט א האַלבע וועלט — 14

זייט
27. עלענד איז ער דא געוועזען — 15
28. האף און גלויב — 15
29. ווען איך בין א גאט — 16
30. די נאכט — 16
31. וועמען איז ערגער — 17
32. אין קבר — 18

## הומאר.

אן איבערקערעניש — 20
אויספארקויפט — 21
פאלקס־מאטיוו — 21
איך — האב געוואלט זי שטודירען — 22
דער יתום — 22
קליינע מענשען, דראבנע מענשען — 23
דער געטער געשמאק — 23
א תפילה — 24
אויגען און ליפלעך — 25
דער פאעט — 25
טאמער — 26
אמת און שקר — 27
ברידער — 27
א טעאטער איז די וועלט — 29
אך, מיין נשמה... — 29

## ביטערקייט.

מיין מוזע — 31
די נאכט־וועכטער — 31
דאס נייע וויגען־ליעד — 32
כ'בין א רעגען־ווארעם — 34
דאס חנוכה־ליכטעל — 34
וואס געגארט איהר בלאנקע בליצען? — 35

## צייט געדיכטע.

1. אך, פארוואס האסטו גאט, מיך פארשאלטען... 36
2. רבונו של עולם — 36
3. אז אקם א יונגער... — 37
4. גאט זאגט — 38
5. וואס פאר א מיין חיה... — 39

זייט


גאָטס חסד — 40
השגחה פּרטית — 41
מלכותא דארעא כמלכותא דרקיע — 42
ער און איך — 44
דאָס געבעט פון שעפּעלע — 44
כסא שלומה — 45
דעם לייבס לויה — 53
ער און זי — 57
ער און זי — 66
פריהלינג — 67
אַמאָל — 68
יוכבד — 69
די שול קאַלינע — 73
דער בעל־הגלה — 75


## פון דער אַרבייט.


דער נביא — 97
מיין נישט — 97
דריי נעהטאָרינס — 98
וואָס טראַכטען און קלערען — 100
דאָס געבעט — 101
ביי דעם פרעמדען חופּה־קלייד — 102


## געמישט.


דער אידישער קוועסטאָר — 119
אַ ליטעראַטור־סצענע — 121
לשנה טובה תכתבו — 128
די צייט — 128
טרייסט — 129
איך געה אַרום אין פרעמדען וואַלד — 130
וואָס איך וויל פון דיר? — 130
דאָס יאָהר — 132
צוריק אין דער אַלטער היים — 135
טרויער — 142
פון אַלע זייטען קרייזעלט דער ווינט — 145
בענקשאַפט און טרויער — 148
אַ גוטע נאַכט — 151

זייט

## באלאדען.

מאניש — — — — — — — — — — — — — — — 152
מאניש (נייַ באארבייט) — — — — — — — — — — 177
רב חנינה בן דוסה — — — — — — — — — — — — 192
ר׳ יאסעל — — — — — — — — — — — — — — 197

## איבערזעצונגען.

נאדסאן — — — — — — — — — — — — — — — 223
קאנאפניצקא — — — — — — — — — — — — — 229
היינע — — — — — — — — — — — — — — — 231
פרוג — — — — — — — — — — — — — — — 234
ביאליק — — — — — — — — — — — — — — 236
פון יחזקאל — — — — — — — — — — — — — 251
ירמיהו׳ס בריף — — — — — — — — — — — — 257
פון ישעיהו — — — — — — — — — — — — — 262
אקדמות — — — — — — — — — — — — — — 264
חד גדיא — — — — — — — — — — — — — — 270
שיר השירים — — — — — — — — — — — — — 275